STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05491

OYF'N SHLAKHTFELD

Permanent preservation of this book was made possible
by Robert Masters
in memory of
parents, Dr. Harry & Dora and grandfather, Samuel Masters

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויפ׳ן שלאַכטפעלד:
ערינערונגען פון אַ סאָלדאַט

איבערזעצט פון דייטש

פערלאַג „נייע וועלט“
ניו יאָרק, 1916

אינהאַלט:

	פֿאָרוואָרט	5
I	דאָס אריינדרינגען אין בעלגיען	7
II	די שלאַכטען אין בעלגיען	13
III	ציווילע בעלגיער ווערען געשאָסען	29
IV	דייטשע סאָציאליסטען און ציווילע בעלגיער	38
V	די שרעקען פון גאַסענקאַמף	44
VI	דער איבערגאַנג פון מעיז	51
VII	נאָכיאָגענדיג זיך נאָך דעם פיינד	56
VIII	כמעט בעגראָבען לעבעדיגערהייט אויפ'ן שלאכטפעלד	65
IX	דייטשע סאָלדאטען שיסען זייערע אייגענע אָפיצירען	71
X	ארום סוויפ, אין בעלגיען	76
XI	מאַרשירענדיג צו דער פֿאַסטקע	84
XII	ביי דער מאַרן	90
XIII	די נידערלאַגע ביי דער מאַרן	103
XIV	דער צוריקטריט	108
XV	זיך גערעטעוועט פון שונא	121
XVI	אין די גראָבענס	131
XVII	גוטברודערשאפט מיט דעם שונא	143
XVIII	אין דעם אַרגאָן וואַלד	149
XIX	וויינאַכטען אין גראָבען	162
XX	אין בלוטיגען האַנט־געשלעג	167
XXI	דער גיהנם ביי וואָקואַ	174
XXII	אויף אורלויב אין דער היים	180
XXIII	איך אנטלויף קיין האָלאַנד	185
XXIV	אמעריקא און זיכערהייט	189

פאָרוואָרט

דאָס פאָרליגענדע בוך איז געשריבען געוואָרען פון אַ מענשען, וואָס איז אנטלאָפען פון דייטשלאנד נאָך פערצעהן מאָנאַטען דיענסט אין דער דייטשער ארמיי אין פראנקרייך. דער אויטאָר איז אן אינטעליגענטער יונגער מינען ארבייטער. ער וויל ניט בעקאנט מאכען זיין נאָמען, ווייל ער האָט מורא, אז עס וועלען זיך געפינען מענשען, וועמען זיין אָפענהערציגקייט וועט בעליידיגען, און זיי וועלען נאָך אפשר אויסגיסען זייער צאָרן אויף זיינע קרובים. זינט ער איז אָנגעקומען אין אמעריקא, האָבען זיינע פריינד און בעקאנטע דאָ געפונען אין איהם אַן עהרליכען, אויפריכטיגען מענשען, אויף וועמעס וואָרט מען קען זיך פערלאָזען.

דאָ האָבען מיר אַ געשיכטע פון דעם ערשטען פעריאָד פון קריעג, איינשליסענדיג די דייטשע נידערלאגע ביי מאַרן, געשריבען פון אַן איינפאכען ארבייטער מיט בעשיידענע ליטערארישע פעהיגקייטען. דער אויטאָר גיט דאָ אבער אזא לעבעדיגע בעשרייבונג פון דעם לעבען פון געוועהנליכען דייטשען סאָלדאט אין איצטיגען קריעג, ווי עס איז נאָך אין ערגעץ ניט געגעבען געוואָרען. דער אויטאָר איז אַ מענש מיט אַן אויסערגעוועהנליכער בעאָבאכטונגס־פעהיגקייט, און ניט קוקענדיג אויף די אלע שרעקען, וואָס ער בעשרייבט, האָט ער אויף אַ מינוט ניט פערלאָרען זיין פערשטאנד. די טעכנישע בילדונג, וואָס ער האָט בעקומען אין אַ שול פאר מינען ארבייטער, האָט פאר איהם מעגליך געמאכט צו זעהן קלאָר אלץ, וואָס איז ארום איהם פאָרגעקומען, און פערשטעהן דעם פאָזיציאָנס קריעג בעסער, ווי דאָס קען פערשטעהן אַן איינפאכער דייטשער סאָלדאט.

דאָס בוך איז אַ לענגערע צייט געגאנגען אין דער „נייער וועלט“. עס איז מיט אַ קורצער צייט צוריק ערשינען אין אַן ענגלישער איבערזעצונג און האָט ארויסגערופען אַ געוואלטיגען אינטערעס. ניט וועניגער וואָרעם זיינען די „ערינערונגען“ אויפגענומען געוואָרען פון אידישען לעזער.

ד י א ר ו י ס ג ע ב ע ר.

I

דאָס אריינדרינגיען אין בעלגיען

ענדע יולי (1914) האָט אין אונזער גארניזאָן אין קאָבלענץ געהערשט א פיבערהאפטע שטימונג. א טייל פון אונזערע סאָלדאטען זיינען געווען פערכאפט פון א בעגייסטערונג, וועלכע לאָזט זיך ניט אויסדריקען; די איבריגע — פערזונקען אין א טיעפער אונבעשרייבליכער נידערשלאָגענהייט. די קריגס־ערקלעהרונג איז געהאָנגען אין דער לופטען. איך האָב געהערט צו די נידערגעשלאָגענע. איך האָב שוין גדינט דעם צווייטען יאָהר און אין זעקס וואָכען ארום האָב איך געזאָלט בעפרייט ווערען. און אָנשטאָט דעם לאנג ערווארטעטען אהיים־פאָהרען איז גאָר דער קריעג געשטאַנען אויפ'ן שוועל...

אונזער פיאָניער־באטאליאָן נומער 30 איז שוין פינף טאָג פאר דער מאָביליזאציע געווען פיעבערהאפט פערנומען. מען האָט געארבייט טאָג און נאכט, אזוי אז דעם איין און דרייסיגסטען יולי זיינען מיר שוין געווען אין גאנצען פארטיג צום קריעג, און דעם דרייסיגסטען יולי איז שוין אין קאזארמע ביי אונז ניט געווען קיין איינציגער, וואָס זאָל צווייפלען, אז דער קריעג וועט באלד אויסברעכען. און אויב אימיצער האָט נאָך געצווייפעלט, האָט די האלטונג פון די אָפיצירען און די אונטער־אָפיצירען אָבגעווישט יעדען ספק. זיי זיינען פלוצלינג געוואָרען אזוי פריינדליך... אָפיצירען, וועלכע פלעגען פריהער קיינמאָל ניט ענטפערען, ווען א סאָלדאט פלעגט זיי בעגריסען, האָבען עס פלוצלינג אָנגעהויבען טוהאָן מיט א פיינליכער אויפמערקזאמקייט. און זיי זיינען אַלע געוואָרען אזוי גוט, אזוי פרייגעביג... די אָפיצירען האָבען די טעג מיט אָן אָפענער האנד מכבד געווען די סאָלדאטען מיט ביער און סיגארען; און עס איז קיין וואונ־

דער ניט, וואָס אַ סך סאָלדאַטען זיינען כמעט שטענדיג געווען שכור פון׳ם ביער, און האָבען זיך קוים געקאָנט פאָרשטעלען דעם גאַנצען ערנסט פון דער לאַגע. אָבער עס זיינען געווען אַנדערע סאָלדאַטען אויך. אפילו איצטער, ווען די אָפיצירען האָבען גע־שפּילט אין קאמעראַדשאַפט, האָבען נאָך פיעלע סאָלדאַטען אַלץ ניט געקאָנט פערגעסען, ווי אָפט זיי זיינען אין מיליטער ערנידעריגט געוואָרען ביז צו דער מדרגה פון אַ בהמה; און איצט האָבען זיי מיט אַ ביטערען געפיהל געקלעהרט, אַז עס וועט זיך אפשר מאַכען אַ געלעגענהייט אָבצוצאָהלען מידה כנגד מידה.

דעם ערשטען אויגוסט איז ערקלעהרט געוואָרען מאָביליזאַ־ציע, דורכגעפיהרט ווערען האָט די מאָביליזאַציע געדאַרפט ערשט מאָרגען. אָבער מיר האָבען ניט געוואַרט אויף די רעזער־ווען, און גלייך דעם זעלבען טאָג, האָבען מיר פערלאָזען אונזער גאַרניזאָן. ווער וועט עס אייגענטליך זיין אונזער „פיינד“, האָ־בען מיר נאָך ניט געוואוסט. דערווייל איז רוסלאַנד געווען דאָס אייגציגע לאַנד, וועמען מען האָט ערקלעהרט קריעג.

בעת מיר האָבען מאַרשירט צום וואקזאַל, זיינען די גאַסען אויף אונזער וועג געווען פול מיט טויזענדער מענשען, אויסגע־שטעלט פוןביידע זייטען אין שפּאַלירען. פון אַלע פענסטער האָט מען אונז בעוואָרפען מיט בלומען. יעדערער האָט געוואָלט דריקען די סאָלדאַטען די האַנד, זעגענען זיך מיט זיי. אַלץ האָט געוויינט, סאָלדאַטען אויך. פיעלע האָבען געהאַלטען אַ ווייב אָדער אַ כלה אין די אָרעמס, די מוזיק האָט געשפּילט אָבשיידס־ליעדער; מען האָט געוויינט און געזונגען אין דער זעלבער צייט. ווילד פרעמדע מענשען, מענער מיט פרויען, מענער מיט מענער האָבען זיך געוואָרפען איינע די אַנדערע אין די אָרעמס, געקושט. אַן אמת׳ער מבול פון געפיהלען האָט זיך אויסגעגאָסען איבער די מענשען. און קיינער, וואָס פאַר אַן אייזערנע האַרץ ער זאָל ניט האָבען, האָט ניט געקאָנט ביישטעהען דעם דאָזיגען געוואַל־דיגען אויסגוס.

אָבער דאָס אַלץ איז נאָך געווען גאָרנישט געגען דעם, וואָס

עס איז פאָרגעקומען אויפ'ן וואָקזאל, וואו מען האט געמוזט זאָגען דעם לעצטען „אדיע", ווארפען דעם לעצטען בליק אויף נאָהענטע און ליעבע. קיינמאָל וועל איך יענעם געזעגענען ניט פערגעסען. ווי פערצווייפעלטע האָבען זיך פילע פרויען געקלאַמערט אין די ברוסט פון זייערע מענער; איינינע האָט מען גע־מוזט אָפּרייסען מיט געוואלד. פונקט ווי זיי וואָלטען פלוצלונג דערזעהען אַ צויבערבילד פון דעם, וואָס עס וועט זיין דער גורל פון זייערע געליעבטע, פונקט ווי פאר זייערע אויגען וואָלטען געשטאַנען די שטומע קברים אינ'ם פרעמדען לאַנד, וואו אָט די אָרימע מענשען, „אָהן אַ נאָמען" וועלען פערשאַרט ווערען, האָבען זיי געוואָלט זיך איינקלאַמערען אין זייער איינענס, גע־וואָלט איינהאַלטען דאָס, וואָס האָט שוין אייגענטליך צו זיי ניט מעהר געהערט...

ענדליך איז דאָס אויך אריבער. מיר זיינען אריין אין צוג און האָבען זיך איינגעאָרדענט אין אונזער וואַגאָן פאר בהמות, ווי אין דער היים... עס איז שוין געווען פינסטער, אָבער אין אונ־זער קאָמפאַרטאַבעלען וואַגאָן פון זעקסטען קלאַס, האָבען מיר קיין ליכט ניט געהאַט.

דער צוג איז לאַנגזאַם און רוהיג געגאַנגען זיין וועג. מיר אָבער, וואָס האָבען איבערגעלעבט טעג פון גרויסער אויפרעגונג זיינען טיילווייז געווען מיעד און אָבגעשוואַכט. דאָס רוב סאָל־דאַטען זיינען געלעגען מיט'ן קאָפּ אויף דעם טירניסטער און האָ־בען געשלאָפען, אַנדערע ווידער האָבען געזוכט מיט די אויגען אין דער ווייטקייט, ווי זיי וואָלטען פּרובירען אריינקוקען אין דער צוקונפט. נאָך אַנדערע האָבען אזוי ווי בגנבה ארויסגעצויגען אַ פאָרטרעט פון דער ברוסט־קעשענע און נאָר ווענינע האָבען פערבראַכט די צייט מיט פראַגען וועגען דעם ציעל פון דער רייזע. וואוהין פאָהרען מיר? יאָ, וואוהין? קיינער האָט עס ניט געוואוסט. נאָך לאַנגע, אונענדליך לאַנגע שטונדען האָט זיך דער צוג אָבגעשטעלט. נאָך אַ נאַכט רוהיגען, לאַנגזאַמען פאָה־רען, זיינען מיר געווען אין... אאכען! (אויפ'ן וועג צו בעלגיען). אין אאכען? וואָס האָבען מיר צו טהאָן אין יענעם געגענד?

מיר האָבען עס ניט געוואוסט, און די אָפיצירען האָבען אויף אונזערע פראגען נור געקוועטשט מיט די פּלייצעס. געשטאנען א ווײַלע, איז דער צוג אוועק ווייטער און אין אָוועגד דעם צווייטען אויגוסט האָבען מיר דערגרייכט א פויערען־הויף נאָהענט פון׳ם שטעדטעל הערבסטאַל, אויף דעם דייטש־בעלגישען גרענעץ. דאָ זיינען מיר ארויס פון צוג און מען האָט אונז אריינגעלאָזען אין א שייער. קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס מיר האָבען דאָ צו טהאָן ביי דעם בעלגישען גרענעץ. דעם דריטען אויגוסט נאָכמיטאָג זיינען אָנגעקומען רעזערוויסטען, און אונזער באטאליאָן האָט בעקומען די גאַנצע צאָהל מענשען, וואָס אזא באטאליאָן דארף האָבען אין צייט פון קריעג. נאָך אלץ ניט קלאָר, צוליעב וועלכען צוועק מיר האלטען זיך אויף נעבען בעלגישען גרענעץ, האָבען מיר אין אָוועגד מיט געצוואונגענער רוהיגקייט זיך געלעגט אויף אונזער שטרוי־געלעגער. באלד מוז דאָך פּאַסירען עפּעס אזוינס, וואָס וועט אונז בעפרייען פון דעם אומרוהיגען ניט־וויסען. ווי ווענינ זיינען דאמאָלס געווען אזעלכע, וואָס האָבען געפיהלט, אז פאר פיעלע פון אונז איז דאָס די לעצטע נאכט, וואָס זיי פערברענגען אויף דער דייטשער ערד ?!

דריי א זייגער אין דער פריה האָט אונז א שטילער אלארם אויפגעהויבען פון די „בעטען“. דער באטאליאָן האָט זיך פערזאמעלט און דער הויפטמאַן האָט אונז ערקלעהרט, אז מיר מוזען זיין גרייט צום מארש אין וועלכער ריכטונג מיר וועלען מארשירען, ווייס ער נאָך אליין גאָר נישט. אין א קנאַפּע האלבע שעה ארום זיינען צוגעפאָהרען פופציג גרויסע משא־אויטאָמאָבילען און האָבען זיך אָבגעשטעלט אויפ׳ן גרויסען וועג נעבען אונזער קווארטיר. די פיהרער פון די אויטאָמאָבילען האָבען נאָך אָבער אויך גאָרנישט געוואוסט, וואוהין מען פאָהרט ; זיי האָבען געווארט אויף בעפעהל. ביי אונז האָט זיך ווידער אָנגעהויבען א דיסקוסיאָן איבער אונזער נעקסטען ציעל, און די יונגע אָפיצירען, וואָס האָבען עפּעס יא געהאט געהערט, האָבען ארויסגעזאָגט א מיינונג, אז מיר וועלען נאָך דעם זעלבען טאָג אריין

אין בעלגיען; אַנדערע האָבען דערוווידערט. קיין בעשטימטעס האָט קיינער פון אונז ניט געקאָנט וויסען. אָבער קיין בעפעהל צו אַפּמאַרשירען איז ניט געקומען און אין אָוועגד האָבען מיר ווידער געמוזט פערנעהמען אונזער שטרוי־געלעגער. אונזער רוה האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט. איינס אַ זייגער פאַר טאָג, ווידער אַן אַלאַרם. דעם מאָל האָט אונז דער הויפּטמאַן מכבד געווען מיט אַ רעדע. מיר זיינען, זאָגט ער, מיט בעלגיען אין קריעג, מיר זאָלען זיך איצט ארויסווייזען טאַפּפער, פערדינען אייזערנע קרייצען און פערשאַפען כבוד דעם דייטשען נאָמען. נאָכהער האָט ער געזאָגט אומגעפעהר אַזוי: „מיר פיהרען קריעג נור געגען די בעוואַפּענטע מאַכט, דאָס הייסט געגען די בעלגישע אַרמעע. לעבען און אייגענטום פון ציוויל מענשען שטעהט אונ־טער'ן שוץ פון אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכען, אונטער'ן שוץ פון פעלקער־רעכט. דאָך דאַרפט איהר סאָלדאַטען, ניט פערגע־סען, אַז עס איז אייער חוב, אייער לעבען צום שוץ פון פאַטער־לאַנד אַזוי לאַנג, ווי מעגליך, איינצוהאַלטען אָדער אַזוי טייער, ווי מעגליך צו פערקויפען. אוננוצליכע בלוט־פערגיסונג בנוגע צו ציוויל־מענשען ווילען מיר אויסמיידען; צו גרויסע ווייכקייט גרענעצט זיך מיט שרעקענדיגקייט, מיט פּחדנות, און שרעקעדי־קייט פאַר דעם פיינד ווערט זעהר שווער בעשטראָפט."

נאָך דער דאָזיגער „מענשען־פריינדליכער" רעדע פון אונ־זער הויפּטמאַן האָט מען אונז „אָנגעלאָדען" אויף די אויטאָמאָ־בילען און פיער אַ זייגער אין דער פריה, דעם פינפטען אויגוסט זיינען מיר אריבער דעם בעלגישען גרענעץ.

כדי צו מאַכען דעם דאָזיגען „היסטאָרישען" אויגענבליק עקסטרא פייערליך, האָבען מיר געמוזט דריי מאָל אויסשרייען: „הורא!"

קיינמאָל איז מיר די פּרוכט פון מיליטערישער ערציהונג ניט געשטאַנען אַזוי קלאָהר פאַר די אויגען, ווי אין דעם דאָזיגען אויגענבליק. מען זאָגט דעם סאָלדאַט: „דער בעלגיער איז דיין פיינד!" און ער מוז עס גלויבען. דער סאָלדאַט, דער אַרבייטער אין יוניפאָרם, האָט נאָך גאַר ניט געוואוסט, ווער זיין פיינד איז.

וואָלט מען אונז געזאָגט: „דער האַלענדער איז אייער פיינד!“ וואָלטען מיר עס אויך געמוזט גלויבען און לויט בעפעהל וואָלטען מיר אויף דעם האָלענדער געשאָסען.

אויף די געגוג שנעל לויפענדע אויטאָמאָבילען האָבען מיר געגען אכט א זייגער אין דער פריה דערגרייכט אונזער פאַרלוי־פיגען ציעל: אַ קליין, שעהן דערפעל. די איינוואָהנער פון די דערפער, וועלכע מיר זיינען ביז אהער דורכגעפאָהרען, האָבען אונז אַנגעקוקט שטום, ערשטוינט, אזוי אז מיר האָבען אלע גע־האט דעם איינדרוק, אז די דאָזיגע דאָרפסלייט האָבען דאָס רוב גאָר ניט געוואוסט, פאר וואָס מיר זיינען געקומען אין בעלגיען. דערשראָקענע האָבען זיי זיך אויפגעכאַפט פון שלאָף, און האלב אַנגעטהאָן האָבען זיי דורך די פענסטער נאָכגעקוקט אונזערע אויטאָמאָבילען. ווען מיר האָבען נאָכהער זיך אָבגעשטעלט און ארויסגעגאַנגען פון די אויטאָמאָבילען, זיינען די פויערים פון יענעם דערפעל געקומען צו אונז אָהן מורא, האָבען אונז פאָרגע־לעגט עסען און געבראכט קאווע, ברויט, פלייש און אז. וו. אזוי ווי מיר זיינען געווען אָהן פעלד־קיכען, האָט דער ליעבעס־גאָב פון׳ם „פיינד“ אונז זעהר געפרעהט, בפרט אז די גוטע לייט האָבען ביי אונז בשום אופן ניט געוואָלט נעהמען קיין געצאָהלט. זיי האָבען אונז דערצעהלט, אז די בעלגישע סאָלדאטען זיינען אוועק. וואוהין, ווייסען זיי ניט.

נאָך אַ קורצען אָפרוה האָבען מיר זיך געלאָזען ווייטער מארשירען. די אויטאָמאָבילען זיינען אוועקגעפאָהרען צוריק. נאָכדעם ווי מיר זיינען אָפגעגאַנגען אַ קנאַפּע שעה, האָט אונז איבערגעיאָגט קאוואַלעריע, דראַגונען און הוזארען. און פון זיי האָבען מיר זיך דערוואוסט, אז די דייטשען מארשירען פאָר־ווערטס אינ׳ם גאַנצען געגענד, איבער אלע וועגען און אז הארט הינטער אונז קומען גרופען מיליטער אויף וועלאָסיפעדען, דאָס איז געווען אַ גוטע בשורה. מיר האָבען זיך מעהר ניט געפיהלט אליין, אָפגעזונדערט אין אַ פרעמדען לאנד. באַלד איז אין דער אמת׳ן געקומען די אָבטיילונג פון וועלאָסיפעדיסטען, וועלכע האָבען אונז גיך איבערגעיאָגט און ווידער געלאָזען אליין. ביי

אלעמען האָבען זיך ארויסגעריסען ווערטער פון ערגערניש און ביטערקייט: זיי אלע קאָנען רייטען אָדער פאָהרען. מיר אָבער מוזען שפּרייזען אויף די אייגענע פיס. אונזער צו־פוס געהן האָבען מיר שטענדיג געפיהלט ווי א זאַך, וואָס איז זעלבסטפערשטענדליך, וואָס אנדערש קען עס ניט זיין. דערויף זיינען מיר דאָך אינפאַנטעריע. איצט האָט זיך עס פּלוצלונג געלעגט אויף אונז, ווי א גרויסע אומגערעכטיגקייט. אונזער ערגערען זיך, אונזער זידלען און שעלטען האָט אונז אפילו קיין שום נוצען ניט געבראכט. דאָך האָט עס אָפּגעצויגען די געדאנקען פון דעם שווערען ראַנעץ, וואָס איז געהאנגען אויף אונזער רוקען ווי א בליי געוויכט. די היץ האָט געדריקט, דער שווייס האָט גערונען. דאָס נייע, הארטע לעדער, די נייע קאַנטיגע אוניפאָרמען האָבען געריבען אונזער לייב, איבערהויפּט די היפטען, געשייערט ביז וואונדען. דארום האָט אונז אויסגעזעהן ווי אן ערלייזונג דער בע־פעהל, וואָס מיר האָבען בעקומען צוויי א זייגער נאָך מיטאָג, זיך אָבצושטעלען נעבען א געהעפט, וואָס איז געשטאנען אליין ביים וועג, און זיך אויסרוהען אין גראָז.

II

די שלאַכטען אין בעלגיען

אָבגעלעגען אין גראָז א מינוט צעהן, דערהערען מיר פּלוצלונג, אז מען שיסט. ווי פון אן עלעקטרישען שטראָם בעריהרט זיינען מיר אלע אויפגעשפּרונגען און — גיכער צום געוועהר. דער פייער פון ביקסען, וועלכער האָט געקאָנט זיין פון אונז אן ערך פון צוויי ביז דריי קילאָמעטער וויים, איז דערווייל געוואָרען אלץ לעבעדיגער. מיר האָבען גלייך אָנגעהויבען מארשירען פאָר־ווערטס. ביי די סאָלדאטען אויף די פּנים'ער און פון זייער גאנצען בענעהמען האָט מען געקאָנט דערקאָנען, אז טיעף אינעווענינג האָט זיי בעהערשט א געפיהל, וועלכען זיי האָבען פריהער ניט געקאָנט און פון וועלכען זיי קענען זיך ניט בעפרייען. ביי זיך

גופא האב איך אויך בעמערקט א גרויסע אומרוהיגקייט. א געפיהל פון אנגסט און נייגיריגקייט האט געטריבען מיינע געדאנקען אין א ווילדען ווירוואר. אין קאפ האט זיך אלץ געדרעהט, ווי אין א שטורעם, און אין הארצען האט זיך אלץ אזוי ווי צוזאמענגעפרעסט. איך האב געוואלט בעהאלטען מיין אנגסט־געפיהל פון מיינע קאמעראדען. אז איך האב דאס ענערגיש געפרופט טהאן, דאס וויים איך; אבער צי עס איז מיר געלונגען בעסער, ווי מיינע קאמעראדען, צי האט מען ביי מיר אויפ'ן פנים נעקאנט לייענען ווענינער, ווי ביי זיי, אין דעם צווייפעל איך.

הגם איך האב געוואוסט, אז אין א האלב שעה ארום וועל איך זיין אין פייער, האב איך דאך זיך געמיהט איינצורעדען, אז עס וועט גאר ניט זיין נויטיג, מיר זאלען זיך אריינמישען אין שלאכט. אן יעדען געדאנקען, וועלכער האט געקאנט אזא האפנונג פערשטארקען, אן יעדען געדאנקען, וואס האט געגעבען א שטיקעלע טרויסט, האב איך זיך געהאלטען פעסט, כמעט קראמפפהאפט. מען האט אונז דערצעהלט, אז ניט יעדער קויל טרעפט; אין די מלחמות פון דער נייער צייט זיינען דאס רוב פערוואונדונגען נור אויבענאויפיגע, ניט קיין געפעהרליכע. איך האב אפילו געוואוסט, אז דאס איז ניט אזוי, נאר איצט האט זיך מיר געוואלט גלויבען אין דעם, איך האב געוואלט זיך לאזען נארען. און דאס האט געווירקט. איך בין אין דער אמת'ן עטוואס רוהיגער געווארען. נאכמעהר, פערזונקען אין געדאנקען, האב איך קוים בעמערקט, אז מיר געפינען זיך שוין גאר נאהענט צו דער פייער ליניע.

פון די וועלאסיפעדיסטען, וואס זיינען געלעגען ביים וועג, האבען מיר זיך דערוואוסט, אז דא שלאגט זיך אן אבטיילונג וועלאסיפעדיסטען. ווי שטארק דער געגנער איז, האבען מיר פערשטעהט זיך, ניט געוואוסט. מיר זיינען שפרינגענדיג צוגעקומען צו דער פייער־ליניע. און בעוואוסטזיניג האט זיך יעדער איינגעבויגען ביים שפרינגען, בעת רעכטס און לינקס, פון פארענט און פון הינטען זיינען נאכאנאנד געפאלען פיינדליכע קוילען. און דאך האבען מיר דערגרייכט די פייער־ליניע אהן פערלוסט.

די געדרענגטע קאַמעראַדען האָבען אונז מיט פרייד בעגריסט. די וועלאָסיפּעדיסטען האָבען נאָך אויך קיין פערלוסט ניט געליטען. עס זיינען שוין אפילו געווען עטליכע לייכט־פערוואונדעטע, אָבער זיי האָבען נאָך געקאָנט ווייטער אַנטייל נעהמען אין גע־פעכט.

מיר האָבען זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד און האָבען געשאָסען פון אונזערע ביקסען גלייך ענטגעגען אונז. דעם געג־נער האָבען מיר נאָך ביז אַהער ניט געזעהען. פאַר אייניגע פון אונזערע סאָלדאַטען איז עס אפנים געווען צו ווענינ אינטערע־סאַנט; זיי האָבען געוואָלט וויסען, ווי זעהען אויס די מענשען, אויף וועלכע זיי שיסען; האָבען זיי זיך האַלב אויפגעהויבען, געשטעלט אויף די קניה און געשאָסען. צוויי פון מיין באַטאַליאָן האָבען פאַר זייער נייגיריגקייט מיט'ן לעבען בעצאָהלט; כמעט אין איין צייט האָבען זיי ביידע בעקומען צו קויל אין קאָפּ. דער ערשטער קרבן איז שטיל געפאַלען פאָרויס אויף'ן געזיכט. דער צווייטער האָט אַ שליידער געטהאָן די הענד הויך אין דער לופ־טען און איז געפאַלען אויף'ן רוקען. ביידע זיינען געפאַלען טויט אויף'ן אָרט.

ווער קען בעשרייבען די געפיהלען, וואָס כאַפּען ארום אַ מענשען אין דעם ערשטען אמת'ן רעגען פון קוילען? בעת מיר זיינען שפּרינגענדיג געגאַנגען פאָרווערטס און אזוי אָנגעקומען גלייך אין פייער, האָב איך שוין מעהר קיין אנגסט ניט געפיהלט און עס האָט אויסגעזעהען, ווי איך וואָלט האָבען איין שטרע־בונג — וואָס גיכער צו קומען אין פייער ליניע. אָבער דערזעהענ־דיג די ערשטע טויטע, האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ שרעקליכער גרויל. מינוטען לאַנג בין איך געווען אין גאַנצען בעטויבט, כ'האָב אין גאַנצען פערלאָרען די זעלבסטבעהערשונג, און בין געווען דורכויס ניט פעהיג עפּעס צו טראַכטען אָדער טהאָן. דעם פּנים אין די הענד האָב איך־געדריקט צו דער ערד. און באַלד איז מיר פּלוצ־לונג בעפאַלען אַ נייער שטראָם פון געפיהלען, וועלכען איך האָב ניט געקאָנט בייקומען, און עס האָט מיך געצוואונגען צו נעהמען דעם ביקס און ווי בלינד שיסען פאַר זיך. ביסלעכווייז האָב איך

זיך ווידער עטוואָס בערוהיגט. איך בין אפילו געוואָרען זיכער בײ זיך, פונקט ווי אלץ וואָלט געווען גאַנץ נאָרמאַל. איך בין פּלוצלונג געוואָרען צופריעדען מיט זיך אַליין און מיט די פער־העלטניסען. און ווען אביסעל שפּעטער האָט זיך איבער דער גאַנצער ליניע געהערט די קאָמאַנדע: אויפשפּרינגען! מאַרש! מאַרש!, בין איך מיט אַנדערע צוגלייך געלאָפען, ווי אַ בענומע־נער, ווי עס וואָלט גאָר אַנדערש ניט געקאָנט זיין. ווידער אַ קאָ־מאַנדע: שטעלונג! ווי נאַסע זעק האָבען מיר זיך געוואָרפען אויף דער ערד. דער פייער האָט זיך אָנגעהויבען פון דאָס ניי...

אונזער פייער איז פון מינוט צו מינוט געוואָרען לעבעדיגער, ער האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ ליאַרם, וואָס פערטויבט די אויערען. אין אַזאַ העלישען פייער, ווען דו ווילסט עפּעס זאָגען אַ מענשען, וואָס שטעהט נעבען דיר, מוזטו איהם אַזוי שטאַרק ברומען אין די אויערען, אַז די קעהל הויבט אָן וועה צו טהאָן. אונטער דער ווירקונג פון אונזער פייער איז דער געגנער געוואָרען אונרוהיג. זיין פייער איז געוואָרען שוואַכער. די פיינדליכע ליניע האָט אָנגעהויבען צו וואַנקען. אַזוי ווי צווישען אונז און דעם פיינד איז געווען בלויז 500 מעטער, האָבען מיר געקאָנט גענוי בעמערקען אַלץ, וואָס דאָרטען האָט פּאַסירט. מיר האָבען געזעהן ווי דער געגנער האָט צוגענומען אַ העלפט פון זיינע קרעפטען. דאָס ווערט אויסגעפיהרט אַזוי: פון יעדע צוויי מענ־שען טרעט איינער אָב, און דער אַנדערער בלייבט ליגען, ביז דער אָבגעטראָטענער טייל שטעלט זיך אָב אויף אַ נייעם אָרט. ־עם מאָמענט האָבען מיר בענוצט, צו פערשאַפען דעם אָפּציהענ־דען געגנער וואָס שטאַרקערע פערלוסטען. ווי ווייט מיר האָבען געקאָנט ארומקוקען דעם אָרט רעכטס און לינקס ארום אונז, האָ־בען מיר געזעהען, אַז די דייטשען רוקען זיך אין אַ סך פונקטען פאָרווערטס. בעת דער געגנער האָט זיינע גאַנצע קרעפטען צו־גענומען, האָט אונזער אָבטיילונג אויך בעקומען אַ בעפעהל צו געהן פאָרווערטס. אויף אונז איז געפאַלען די אויפגאַבע, מיר זאָלען דעם אָבציהענדען פיינד הארטנעקיג נאָכיאָגען, ער זאָל ניט האָבען קיין צייט זיך צו פערזאַמלען און פערנעהמען אַ נייע פּאָ־

זיציע. מיר זיינען איהם נאָכגעלאָפען שפרינגענדיג, קוים כאַפענדיג דעם אָטעם, כדי ניט צו דערלאָזען, ער זאָל זיך פעסט פערזעצען אין דעם נאָהענטען דאָרף. מיר האָבען דאָך געוואוסט, דאָס אויב דעם פיינד וועט זיך דאָס איינגעבען, וועט אונז אויסקומען צו פיהרען א קאמף פון הויז צו הויז, און דאָס קאָסט טייער. די בעלגיער האָבען אָבער אפילו ניט געפרופט פערנעהמען דעם דאָרף; מיט וואונדערליכער פלינקייט זיינען זיי פון אונז ענטרונען געוואָרען.

מיר האָבען דערווייל בעקומען נאָך פערשטאַרקונג. אונזער אָבטיילונג איז צוזעט און צושפרייט געוואָרען, און מען האָט מאַרשירט ווייטער מיט דער אָפטיילונג, ביי וועלכער מען האָט זיך צופעליג געפונען. די, מיט וועלכער איך בין געגאַנגען, האָט געמוזט בלייבען אין דאָרף, כדי צו בעזוכען הויז נאָך הויז, צו זיינען דאָרטען ניט בעהאַלטען קיין בעלגישע סאָלדאַטען. און דאָ האָבען מיר אויך געזעהן, אז די דייטשען מאַרשירען אויף אַלע זייטען פאָרווערטס. עס קומען אָן פעלד־אַרטילעריע, אָפטיילונגען פון מאַשינען־געוועהר און אזוי ווייטער, און מיר האָבען זיך אַלע געוואונדערט, פון וואַנען איז דאָס אַלץ אזוי גיך געקומען.

אויף לאַנגע בעטראַכטונגען איז אָבער קיין צייט ניט געווען. מיט ענטבלויזטע שווערדען זיינען מיר געגאַנגען פון הויז צו הויז, פון טיר צו טיר. און הגם קיין סאָלדאַטען האָבען מיר ניט געפונען, זיינען מיר דאָך ניט אוועק אין גאַנצען מיט לעדיגען, ווייל די איינוואָהנער האָבען געמוזט אָפּגעבען גאָר די געוועהר, קוילען און פולווער, וואָס האָט געהערט צו זיי פריוואַט. דער עלטסטער פון דאָרף (סטאַראָסטע), וואָס האָט אונז בעגלייט, האָט געדאַרפט קלאָהר מאַכען יעדען בירגער, אז אויב מען וועט ביי וועמען עס איז געפינען געוועהר נאָך דער רעוויזיע, וועט ער גע׳משפט ווערען לויט די געזעצען פון קריעגס־רעכט. און קריעגס־רעכט הייסט — טויט!

עס איז ווידער אריבער ביי א שעה צייט, און מיר זיינען אויפגעשראָקען געוואָרען דורך א פייער פון ביקסען און ארטי־

לעריע. עס האָט זיך אָנגעהויבען א נייער געפעכט. צי האָט די ארטילעריע געארבייט פוןביידע זייטען אָדער נור פון איין זייט, דאָס האָט מען פון דאָרף ניט געקאָנט בעמערקען, אָבער עס איז געוועזן געגוג שטארק, אזוי אז די לופט האָט געציטערט און דאָס דונערען און קראכען איז וואָס ווייטער געוואָרען אלץ שטארקער. די סאַניטארען האָבען געבראכט די ערשטע פערוואונדעטע. קוריערען זיינען געלאָפען פערביי אונז. דער קריעג האָט זיך אָנגעהויבען מיט זיין גאנצען ווילדען כח.

איידער מיר האָבען נאָך געענדיגט דורכצוזוכען די הייזער, איז געוואָרען דונקעל. מיר האָבען געשלעפט מאטראצען, שטרוי זעק, פעדער־בעטגעוואנד, וואָס מיר האָבען נאָר געקענט געפינען האָבען מיר געבראכט אין געמיינדע שול און אין קירכע, אוועק־צולעגען די פערוואונדעטע. מען האָט זיי אויסגעבעט אזוי גוט, ווי עס האָט זיך געלאָזען. מיט ריהרענדער זאָרגפעלטיגקייט איז מען געגאנגען ארום די ערשטע קרבנות פון דעם שרעקליכען פעלקער־שלאכט. שפעטער, ווען מען איז שוין צו די שרעקליכע בילדער מעהר געוואָהנט געוואָרען, האָט מען מיט די פערוואונ־דעטע שוין ניט געמאכט אזא פאראד.

פון נאָהענטע דערפער און שטעדטלאך זיינען איצט געקו־מען די ערשטע געלאָפענע. זיי זיינען אפנים געגאנגען פיעל שטונדען לאנג, ווייל זיי זיינען געווען שטארק פערמאטערט און אָהן כחות. פרויען, אלטע לייט, מענער און קינדער, אויסגע־מישט מיט אנאנדער, און אלע צוזאמען האָבען זיי קיין זאך ניט געקאָנט ראטעווען, חוץ דאָס שטיקעל לעבען. אין א קינדער־ווע־געלע אָדער אויף א טאטשקע האָבען די דאָזיגע אומגליקליכע געהאלטען אלץ, וואָס די רויהע געוואלט פון קריעג האָט זיי איבערגעלאָזען. און זיי זיינען געווען שוין גאָרניט עהגליך אויף די געלאָפענע, וואָס מיר האָבען ביז אהער געטראָפען. זיי זיינען געווען אָנגעשראָקען, געציטערט פאר אנגסט, פערזונקען אין זיך. ווי זיי פלעגען נאָר דערזעהען אונזערן א סאָלדאט, פלעגט זיי באלד אָנכאפען אזא פחד, אז זיי פלעגען זיך אין גאנצען איינ־שרומפען, איינציהען אין זיך. גאנץ אנדערש האָבען זיך בענומען

די איינוואָהנער פון דעם דאָרף, אין וועלכען מיר האָבען זיך אויפגעהאַלטען. זיי זיינען זיך מיט אונז בעגאַנגען פריינדליך, מיט צוטרויען. מיר האָבען געפּרובט דערגעהן די סיבה פון׳ם דאָזיגען אַנגסט און מיר האָבען זיך דערוואוסט, אַז אַט די גע־לאָפענע זיינען ביי זיך אין דאָרף געווען עדות פון אַ פערביטער־טען גאַסען־קאַמפּף. זיי האָבען דעם קריעג קענען געלערנט, זיי האָבען געזעהען זייערע הייזער ברענען און זייער ביסעל האָב און גוטס אונטערגעהען. זיי האָבען נאָך ניט געקאָנט פערגעסען די גאַסען, פול מיט טויטע און פערוואונדעטע. אונז איז קלאָהר געוואָרען, אַז ניט די פורכט אליין האָט עס געמאַכט, די אונגליק־ליכע מענשען זאָלען אויסזעהען ווי ווילדע חיות, געהעצטע און געיאָגטע; דאָס איז געווען דער האַס געגען אונז, וואָס האָבען אריינגעדרונגען אין זייער לאַנד, וואָס זיינען זיי איבערגעפאַלען ביי נאַכט, אין נעבעל — אַזוי האָבען זיי געמוזט אַננעהמען — און פערטריבען פון הויז און הויף... אָבער אַט דער האַס איז נעוועגדעט געווען ניט בלויז געגען אונז, דייטשע סאָלדאַטען; ניין, זייערע אייגענע בעלגישע סאָלדאַטען האָבען זיי אויך ניט געשאַנעוועט. אין אַוועגד זיינען מיר אוועק פון דאָרף און האָבען געפּרובט אַניאָגען אונזער אָפּטיילונג. ווען עס איז געוואָרען פינסטער, האָבען די בעלגיער זיך קאָנצענטרירט נאָך ווייטער אויף צוריק. זיי זיינען שוין געווען גאָר נאָהענט פון דער פעס־טונג ליעזש, א סך פון די דערפער און שטעדטלעך, דורך וועלכע מיר זיינען דורכגעגאַנגען, זיינען געשטאַנען אין פלאַמען; די פערטריבענע אייטוואָהנער זיינען געגאַנגען פערביי אונז, גאַנצע מחנות. פרויען, וואָס זייערע מענער האָבען אפשר אויך „זייער פאַטערלאַנד" פערטיידיגט, קינדער און אַלטע לייט, וועלכע מען האָט געשטויסען אהין און אהער, און עס האָט אויסגעזעהען, אַז זיי שטעהען אומעטום אַלעמען אין וועג; אָהן אַ ציעל און אָהן אַ פּלאַן, אָהן אַן אָרט, וואו דעם קאָפּ אַנידער צו לעגען, זיינען אַט די צוגען פון עלענד און אומגליק געקראָכען פאַרביי אונז — און דאָס איז געווען די בעסטע אילוסטראַציע פון דעם קריעג.

ווידער זיינען מיר געקומען אין אַ דאָרף. פון אַלץ האָט

מען געקאָנט זעהן, אז דאָ האָבען ערשט ניט לאַנג געוואָהנט וואָהל־האָבענדע, צופריעדענע מענשען. איצט האָט מען געזעהן נור חורבות, פערברענטע הייזער און פויערים־גיטער, טויטע סאָלדאַטען — דייטשע און בעלגישע — און צווישען זיי אַ סך ציווילע מענשען, וועלכע מען האָט דערשאָסען לויט אַן אורטייל פון קריעגס־געריכט...

געגען מיטען־נאַכט זיינען מיר געקומען צו דער דייטשער ליניע. די דייטשען האָבען געוואָלט נעהמען אַ דאָרף, וואָס איז שוין געלעגען אינ׳ם געביעט פון ליעזש׳ער פעסטונג און די בעלגיער האָבען איהם מיט עקשנות פערטיידיגט. דאָ האָבען מיר געמוזט אָנווענדען אַלע אונזערע קרעפטען, כדי ארויסצורייסען ביי דעם געגנער גאַס פאַר גאַס, הויז פאַר הויז, עס איז נאָך ניט געווען אין גאַנצען פינסטער, און דעם שרעקליכען קאַמפף, וואָס האָט זיך דאָ ענטוויקעלט האָבען מיר געמוזט דורכלעבען מיט אַלע נערווען. מען האָט געקעמפפט מאַן געגען מאַן; אַלע וואַפען, אַלע הילפס־מיטלען האָט מען געמוזט אָנווענדען. קאָלבען פון ביקסען, מעסערס, פויסטען, צעהנער — אַלץ האָט מען געלאָזען אין גאַנג. איינער פון מיינע בעסטע פריינד האָט געקעמפפט געגען אַ ריעזיגען בעלגיער. די געוועהר איז שוין ביי ביידען ארויס־געפאַלען פון די הענד. זיי האָבען געאַרבייט מיט די פויסטען. איך האָב זיך גראָד אָפּגערעכענט מיט אַ בעלגיער פון אַ יאָהר 22, און האָב געוואָלט קומען צוהילף מיין פריינד, ווייל דער בעלגיער איז געווען פיעל שטאַרקער פון איהם. אין דעם מאָמענט האָט זיך מיין פריינד איינגעגעבען צו מאַכען אַ בליץ־שנעלע בעוועגונג און טהאָן דעם בעלגיער אַ ביס אין קינבאַק. און אזוי טיעף, אז ער האָט איהם מיט די צעהנער ארויסגעריסען אַ שטיק פלייש. דעם וועהטאָג פון דעם בעלגיער האָט געמוזט זיין שרעקליך. ער האָט אָבגעלאָזען מיין קאַמעראַד און מיט משוגענע קולות פון וועהטאָג איז ער אוועק געלאָפען.

דאָס אַלץ האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין איין סעקונדע. ביי מיין פריינד האָט דעם בעלגיער׳ס בלוט גערונען פון מויל; אַ מורא׳דיגער עקעל, אַ אונבעשרייבליכער גרויל האָט איהם אָנ־

געכאפט, דער טעם פון ווארעמען מענשענבלוט אין מויל האט איהם געבראכט כמעט ביז צום גרענעץ פון משוגעת. ער, דער יונגער, לעבענס־פריידיגער, פרישער בחור, אין גאנצען 24 יאהר אלט, האט אין יענער נאכט זיין יוגענד פערלארען. ביז אהער איז ער געווען דער פרעהליכסטער צווישען אונז. פון יענער נאכט אן האבען מיר מעהר קיין שמייכעל אויף זיינע ליפען ניט געקאנט ארויסרופען.

אין פערלויף פונ'ם נאכט־קאמפף איז מיר דעם ערשטען מאל אויסגעקומען צו שליסען בעקאנטשאפט מיט א קאלבע פון א בעלגישען ביקס. איך האב זיך געשלאגען מיט א בעלגיער איינער געגען איינעם, און דא האט א צווייטער בעלגיער מיט דער קאלבע פון זיין ביקס, פון הינטען מיר אזא שטארקען קלאפ געגעבען איבער'ן קאפ, אז מיין קאפ האט זיך ארייגגע־פרעסט אין העלם ביז איבער די אויערען. איך האב געפיהלט א מורא'דיגען וועהטאג אין גאנצען קאפ, און בין אנידערגעפאלען אין חלשות. ווען איך בין ווידער צו זיך געקומען, בין איך גע־לעגען מיט א פערבונדענעם קאפ אין א שייער צווישען אנדערע פערוואונדעטע.

מיין וואונד איז ניט געווען קיין שווערע, דאך האב איך גע־פיהלט, ווי דער קאפ װאלט מיר געווארען צוויי מאל אזוי גרויס, און אין די אויערען האט גערוישט, פונקט ווי זיי וואל־טען געווען רעדער פון א שנעל־צוג.

אנדערע פערוואונדעטע און די סאניטארען האבען דער־צעהלט, אז די בעלגיער זיינען צוריקגעווארפען געווארען צו דער פעסטונג. מיר האבען אבער געהערט, אז דער קאמפף איז נאך אלץ א שווערער. וואס ווייטער זיינען צוגעקומען אלץ נייע פערוואונדעטע, און זיי האבען אונז דערצעהלט, אז די דייטשען וואלטען שוין ביים ערשטען שטורעם גענומען פיעלע פאר־טען; זיי האבען זיך אבער ניט געקאנט האלטען, ווייל זייערע ארטילעריש ניט געווען גענוג צוגעגרייט. די ארמעע פון פיינד איז נאך געווען גאנץ, די פערטיידיגונגס פונקטען ניט

צושטערט, און די דייטשען האָבען זיך געמוזט צוריקציהען מיט גרויסע פערלוסטען.

דערווײַלע האָט מען אָנגעהויבען צו בעשיסען די פעסטונג מיט אַרטילעריע, און די בעשיסונג איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט אַפילו ביי די דייטשע סאָלדאַטען אַרויסגערופען אַ געפיהל פון גרויל. די שווערסטע אַרטילעריע האָט מען געבראַכט נעגען די מאָדערנע אייזענבעטאָנענע פאָרטען. קיין סאָלדאַט האָט ביז אַהער אַפילו נישט געהערט, אַז עס זיינען פאַראַנען צוויי און פערציגער האָוויצערס אויף דער וועלט. איך בין געווען אין ליעזש שפּעטער, בעת די שטאָדט איז שוין געווען אין דייטשע הענד. און אַפילו דאַן, האָבען מיר, סאָלדאַטען, זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט ערקלעהרען, ווי איז דאָס געווען מעגליך, אַז אָט די גוואַלדיגע אייזענבעטאָנענע פעסטונגס־מויערען, פון איין ביז זעקס מעטער דיק, זיינען נאָך אַ בעשיסונג פון עטליכע שעה פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ באַרג שטויב און מיסט. צוליעב מיין פערוואונדונג האָב איך אַליין אין די אָפּעראַציאָנען אַרום ליעזש ניט געקאָנט אַנטיילנעהמען. מיינע קאַמעראַדען האָבען מיר שפּעטער דערצעהלט, ווי מען האָט איינגענומען די איינצעלנע פאָרטען. אַרטילעריע פון פערשיעדענער גרויס האָבען גענומען די פאָרטען אונטער זייער פייער. אָבער די איינצעלנע אַרבייט האָבען אויפגעטהאָן די איין־און־צוואַנציגער און צוויי־און־פערציגער האָוויצערס. שוין פון ווייטען האָט זיך געלאָזט הערען, ווי די צוויי און פערציג צענטימעטער־קויל קומט אָן. אונטער אַ ניט היימליכען רוישען און צישען, וואָס האָט געקלונגען, ווי אַ לאַנג־געצויגענער רויהער פייף, וועלכער האָט אַזוי ווי פול געמאַכט די גאַנצע אַטמאָספערע אויף סעקונדען לאַנג, האָט זיך די קויל געבויערט דורך דער לופט. דער לופטדרוק, וואָס די קויל האָט אָנגעמאַכט ביים פּלאַצען איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אין די פאָרגערוקטע פונקטען האָט אונז דייטשען גופא גענומען סעקונדען־לאַנג דעם אָטעם צו כאַפּען. וואו די קויל איז געפאַלען, האָט זי אויף הונדערטער מעטער אַרום אַלץ פערניכטעט. כדי דעם שדים־טאַנץ אין גאַנצען פול צו

מאַכען, האָבען זיך ביי נאַכט בעוויזען די צעפּעלינס. זיי זיי־נען אויך געקומען אַנטייל נעהמען אין דער פערניכטונגס־אַר־בייט. די סאָלדאַטען האָבען פּלוצלונג דערהערט איבער זיך דעם גערויש פון לופט־שיפען, וועלכער איז אַזוי בעקאַנט דאָס רוב דייטשען. די צעפּעלינס זיינען צוגעקומען אַלץ נעהנטער און נעהנטער; אָבער דער געגנער האָט זיי ענטדעקט ערשט, ווען זיי זיינען שוין געוועזן נאָהענט פון די פאָרטען, און ער האָט באַלד אַרויסגעלאָזען אַלע זיינע ליכט־וואַרפער, כדי אָבצוזוכען אין דער לופטען די פליהענדיגע שונאים. דער גערויש פון די לופט־שיפען, וועלכע האָבען זיך פערטיילט אויף פערשיעדענע פאָרטען, איז פּלוצלונג ענטשוויגען געוואָרען. דערפאַר האָט זיך נאָר הויך אויבען אין דער לופטען באַלד בעוויזען אַ שאַרפע ליכט; דאָס האָט דער שיינוואַרפער פון צעפּעלין אויף אַ קורצען אויגענבליק בעלויכטען דעם געגענד ווייט אַרום זיך. און נאָכדעם איז ווידער געוואָרען דונקעל און שטיל, ביז מעכטיגע אָבקלאַנגען האָבען אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער געבראַכט די בשורה, דער צעפּעלין האָט אַקאָרשט אַראָבגעוואָרפען באָמבעס! אַזוי איז געגאַנגען אַ היבשע ווייל; אַן אויפרייסונג נאָך אַן אויפרייסונג, צווישען די אויפרייסונגען האָבען פאַר אונז אויפ־געבליצט קליינע פייער ווערק — דאָס האָבען געפּלאַצט אין דער לופטען די שראַפּנעלען, וואָס די בעלגישע אַרטילעריע האָט געוואָרפען אויף די לופט שיפען. נאָכדעם האָט זיך ווידער אָנ־געהויבען הערען דער גערויש פון די צעפּעלינס, אַ פריהער היל־כיג און זעהר נאָהענט כמעט גלייך איבער אונז, נאָכהער שטילער און שטילער, ביז די גוואַלדיגע לופט שיפען זיינען אין גאַנצען פערשוואונדען פון אונזער אויג און אויער. אַזוי האָט מען די פאָרטען געמאַכט גלייך מיט דער ערד. טויזענדער בעלגיער זיי־נען געלעגען הינטער און אונטער די חורבות טויט און בעגראָ־בען. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבען דער גענעראַל־שטורעם, ליעזש איז געוועזן ביי די דייטשען אין די הענד...

איך בין געלעגען ביז דעם נײנטען אויגוסט, און איך בין פאַר דער צייט אויף אַזוי פיעל געגעזען געוואָרען, אַז איך האָב

שוין ווידער זיך געקענט אָנשליסען אָן מיין מיליטער אָפּטיי־לונג. נאָך שטונדען־לאַנגען זוכען האָב איך געפונען מיין באַ־טאַליאָן ליגען אויפ׳ן פרייען פעלד. פיעל גוטע פריינד מיינע האָב איך שוין דאָ מעהר ניט געפונען. מיין באַטאַליאָן האָט פאַר דער צייט פערלאָרען 65 מאַן טויטע און פערוואונדעטע, הגם ער האָט קיין אַנטייל ניט גענומען אין פערפאָלגען דעם פיינד.

מען האָט אונז צוגערעכענט צו דעם אַכצעהנטען רעזערוו־קאָרפּוס, וועלכען מען האָט אַקאָרשט געבילדעט, און מיר האָבען געהערט צו דער פערטער אַרמעע, וועלכע איז געשטאַנען אונטער דער קאָמאַנדאָ פון הערצאָג אַלברעכט פון ווירטענבערג. וואו די דאָזיגע אַרמעע, וועלכע איז נאָך דעמאָלט גאָר ניט געווען צו־זאַמענגעשטעלט, האָט געזאָלט אָפּערירען, איז פאַר אונז, פּשוט׳ע סאָלדאַטען, געווען אין גאַנצען אונבעקאַנט.

דעם עלפטען אויגוסט זיינען מיר אַוועק מאַרשירען און מיר האָבען געמאַכט יעדען טאָג פון 40 ביז זיבעציג קילאָמע־טער. ווי מיר האָבען זיך שפּעטער דערוואוסט, האָבען מיר זיך די גאַנצע צייט געהאַלטען נאָהענט פון דער לוקסעמבורגער גרענעץ, כדי מיר זאָלען אין אַ נויט באַלד קאָנען אַרויס פון בעלגיען און אַריין אין לוקסעמבורג. ווען עס זאָל ניט זיין אַזוי הייס, וואָלטען מיר געווען גאַנץ צופריעדען; מיר האָבען דאָך געהאַט עטליכע רוהע טעג, וועלכע האָבען ווידער פערשטאַרקט אונזער קערפּער.

דעם 21טען אויגוסט, האָבען מיר זיך אָנגעשטויסען אויף די ערשטע דייטשע טרופּען, וועלכע האָבען געהערט צו דער פערטער אַרמעע. דאָס איז געווען 25 מייל צו מזרח צו פון דער בעלגישער שטאָדט נויפשאַטאָ. די שלאַכט ביי נויפשאַ־טאָ, וועלכע האָט געדויערט פונ׳ם 22טען ביז דעם 24טען אוי־גוסט, האָט זיך שוין אָנגעהויבען. אַ פראַנצויזישע אַרמעע האָט זיך דאָ צוזאַמענגעשטויסען מיט דער פערטער דייטשער אַרמעע. עס איז פאָרגעקומען אַ מערדערישע שלאַכט. ווי שטענדיג האָבען זיך אַ פריהער אָנגעהויבען געפעכטען צווישען קליינע

פאַרפּאַסטען און פּאַטרולען, וואָס ווייטער האָבען אַלץ גרעסערע מאַסען סאָלדאַטען אַנטייל גענומען אין קאַמפּף, און ווען מיר זיינען, דעם 22טען אויגוסט אין אָווענד, געקומען, איז דאָס שוין געווען איינע פון די מערדערישסטע שלאַכטען אין דעם וועלט-קריעג. בעת מיר זיינען געקומען, האָבען נאָך פראַנצויזען געהאַלטען בעזעצט נאָהענט צו דריי פערטעל פון שטאָדט. דורך דעם פייער פון דער אַרטילעריע איז דער גרעסטער טייל פון נויפשאַטאָ געשטאַנען אין פלאַמען. נור איין פּראַכט-פאָלער קוואַרטאַל פון רייכע ווילעס, אין וועסלטיכען טייל פון שטאָדט, איז דערווייל געבליבען אונבעריהרט. אַ גאַנצע נאַכט האָט געווילדעוועט אַ קאַמפּף פון הויז צו הויז. ערשט דעם 23טען אויגוסט מיטאָג-צייט, ווען די שטאָדט איז שוין געווען ביי די דייטשען אין די הענד, ערשט דעמאָלט האָט מען געקאָנט אויסמעסטען די אונגעהויערע קרבנות, וואָס דער קאַמפּף האָט געקאָסט אויף ביידע זייטען. די וואָהנונגען, די קעלערס, די טראָטואַרען און די גאַסען זיינען געווען געדיכט אויסגעבעט מיט טויטע און שרעקליך פערוואונדעטע. די הייזער זיינען געווען חורבות, אויסגעברענטע, לעדיגע, אין וועלכע עס איז שווער גע-ווען צו געפינען ניט קיין פערברענטען חפץ, וואָס זאָל נאָך עפּעס ווערט זיין. טויזענדער מענשען זיינען אין איין שרעקליכער נאַכט געוואָרען בעטלער. פרויען און קינדער, סאָלדאַטען און בירגער זיינען געלעגען, וואו דער טויט האָט זיי געטראָפען; די אומ-ערבאַרעמיגע גראַנאַטען און קאַנאָנען-קוילען האָבען זיי אויס-געמישט מיט-אַנאַנדער. און אַן אמת'ע אונפּאַרטייליכקייט האָט דאָ געהערשט: דער דייטשער סאָלדאַט איז געלעגען נעבען אַ גרייז-גרויע בעלגישע פרוי; אַ קליין בעלגישער אינגעל, וואָס די מורא האָט איהם אַרויסגעטריבען פון שטוב אויף'ן גאַס, איז געלעגען הארט נעבען דעם „פיינד" דעם דייטשען סאָלדאַט, ווי ער וואָלט ביי איהם געזוכט שוץ און זיכערקייט.

האָבען מיר ניט אַ גאַנצע נאַכט נאָכאַנאַנד געשאָסען און געשטאָכען, געמאָרדעט און געשלאָגען אַזוי פיעל און אַזוי קרעפ-טיג ווי מיר האָבען נאָר געקאָנט? און דאָך איז צווישען אונז

קוים געווען איינער, וואס זאל איצט קאנען קוקען אויף דעם גע־דיכטען שניט פון טויט און פון זיינע אויגען זאלען ניט רינען קיין טרערען פון וועהטאג און ריהרונג! אט צום ביישפיעל ליעגט א מאן, וואס עס איז שווער צו זאגען, ווי אלט ער איז; ער ליגט טויט פאר א ברענענדיג הויז. דורך אן אראפגעפא־לענעם פייער זיינען ביי איהם ביידע פים ביז צו קניה פער־ברענט געווארען. די ווייב און די טאכטער פונ'ם טויטען לי־גען אויף זיין ברוסט און ווייגען אזוי ביטערליך, אז עס איז אונמעגליך איבערצוטראגען. א סך טויטע זיינען געווען אין גאנצען אדער טיילווייז פערברענט; די פיה אין די שטאהלען האבען געברענט; און דאס ווילדע רעווען פון די בהומות, וועלכע האבען געקעמפפט מיט'ן פייער, האט זיך פערמישט מיט דעם אכצען און קרעכצען, מיט דעם געוויין און די קולות פון די פערוואונדעטע. ווער האט איצט געהאט צייט אויף דעם אכ־טונג צו געבען, יעדער וויל זיך אליין העלפען, יעדער קלעהרט נאר וועגען זיך און זיין שטיקעל לעבען. „ווער עס פאלט, דער בלייבט ליגען; ווער עס שטעהט, דער קאן נאך זיעגען". דאס איז די תורה פון מיליטאריזם און דער דורכשניטס־סאלדאט טוט, ווי די דאזיגע תורה הייסט.

און דאך ווערען דאס רוב סאלדאטען געצוואונגען דורך די אומשטענדען צו זיין בארמהערציגע ברידער. מענשען, וועל־כע האבען פריהער ניט געקאנט זעהען קיין בלוט, קיין טויטען, האבען איצט פערבונדען ביי די קאמעראדען די הענד און פים, וואס די גראנאטען האבען אבגעשניטען. זיי האבען עס גע־טהאן, ניט ווייל דאס הארץ האט זיי דערצו געטריבען, נור ווייל זיי האבען זיך געזאגט: מארגען קאנסטו אפשר אליין זיין אין אזא לאגע און אויך דארפען הילף. דאס איז א געזונטער עגאאיזם, וועלכער האט פון די דאזיגע הארטע מענשען געמאכט בארמהערציגע ברידער.

אויסער'ן שטאדט, אויפ'ן פרייען פעלד, האבען זיך די פראנ־צויזען ווידער אבגעשטעלט, אין דעם אויגענבליק, ווען דער געג־נער האט אפגערומט די שטאדט, איז אויף דער דייטשער זייט

געשעהען א טעות, פאַר וועלכען הונדערטע דייטשע סאָלדאַטען האָבען מיט'ן לעבען בעצאָהלט. די דייטשען האָבען דעם לעצטען טייל פון שטאָדט אזוי גיך בעזעצט, דאָס אונזער ארטילעריע, וועלכע האָט איהם בעשאָסען, האָט נאָך ניט געוואוסט, אז די לאגע האָט זיך געענדערט און האָט געוואָרפען גראנאַטען נאָך גראנאַטען אין די אייגענע רייהען. געצוואונגען דורך דעם פייער פון פיינד און דורך אונזער אייגענעם פייער, האָבען מיר א טייל פון דער געוואונענער פאָזיציע געמוזט פערלאָזען; שפּעטער האָבען מיר עס נאָכאמאָל געוואונען, און דאָס האָט ווידער גע־קאָסט גרויסע קרבנות. אָבער מערקווירדיג, דער קווארטאל פון די רייכע ווילעס, וועגען וועלכע איך האָב שוין פריהער דער־מאָנט, האָט דעם מאָל אויך ווענייג געליטען. אויף אַלע הייזער איז דאָרטען געהאנגען דער געלבער פלאַג, דער פלאַג פון רויטען קרייץ; זיי זיינען געווען איינגעאָרדענט, ווי דערוויילינגע לאַ־זארעטען.

דאָ, זאָגט מען, האָט עס געטראָפען, אז בעלגישע בירגער האָבען געשעסען אויף איניגע דייטשע פערוואונדעטע. צי איז דאָס אמת, אָדער דאָס איז נאָר א קלאַנג, ווי דייטשע סאָלדאַטען, וואָס זיינען דאָרט געלעגען, האָבען פיעל מאָל צוגעגעבען, דאָס ווייס איך ניט. וואָס איך ווייס יאָ איז, אז שפּעטער דעם 24טען אויגוסט, ווען די פראנצויזען האָבען שוין אין גאנצען אָפּגעטראָ־טען, איז ארויס א בעפעהל, וועלכער האָט געמעלדעט אז דייט־שע סאָלדאַטען זיינען דאָרט ערמאָרדעט געוואָרען, און די דייטשע ארמעע קען ניט פערלאָזען דעם אָרט פון אזעלכע מיאוסע מעשים, איידער זי וועט נעהמען נקמה פאַר אונזערע אָרימע קאמעראַדען. דעריבער האָט דער פיהרער פון דער ארמעע בע־פוילען — אָהן רחמנות פערוויסטען און גלייך מאַכען מיט דער ערד אַלץ, וואָס איז איבערגעבליבען פון שטאָדט. שפּעטער, שוין אין אָוועגד, ווען מיר האָבען געהאַלטען אין פערפאָלגען דעם פיינד, האָבען מיר זיך אויף א קורצע ווייַלע אָפּגעשטעלט אָפּ־רוהען און מיר האָבען דערזעהען, ווי פון מזרח־זייט הויבען זיך אויף זיילען רויך. דאָס איז געווען א סימן, אז דער אורטייל איז

אויסגעפיהרט געוואָרען. אין שטאָדט איז איבערגעבליבען א באטעריע ארטילעריע, און זי האָט איין הויז נאָך דעם אנדערען אין פלאַמען געזעצט, צו אש געמאכט.

די פראנצויזען האָבען אויסער׳ן שטאָדט ווידער אויסגע־שטעלט זייער פראָנט און האָבען געגעבען אַן איינגעשפאַרטען ווידערשטאַנד. אָבער זיי זיינען ניט דערוואקסען צו די דייטשע מיליטער, וועלכע איז דאָס רוב בעשטאַנען פון יונגע, אקטיווע אבטיילונגען. געפאנגענע פראנצויזען האָבען ערקלערט, אז עס איז איינפאך אונמעגליך זיך ענטקעגען צו שטעלען אונזער גע־וואלדיגער קריעגס־מאשין, ווען די דייטשען פאלען אָן מיט אויפגעהויבענע געוועהר און מיט קולות: הורא! הורא!, קולות וועלכע נעהמען דורך דעם מארך אין די ביינער. און איך קאָן עס פערשטעהן. אונז אליין קומט פיעל מאָל אויס, ווי עס וואָלט געווען א מין פאָרשטעלונג, און מיר וואָלטען גוט נאָכגעמאכט די אמעריקאנישע אינדיאנער, וועלכע ווארפען זיך אויף אויף זייערע פיינד מיט אזעלכע קולות, ווי מיר.

נאָך א קאמפף פון דריי שעה האָבען זיך פיעלע פראנצוי־זען איבערגעגעבען געפאנגען; מיט הויך אויפגעהויבענע הענד האָבען זיי געבעטען „פארדאָן“. אויף אזא אופן זיינען צו אונז אריינגעפאלען גאנצע פיינדליכע באטאליאָנען. ענדליך, אין דער נאכט פונ׳ם 23טען אויפ׳ן 24טען אויגוסט, זיינען די פיינדליכע רייהען צוטומעלט געוואָרען און אנגעהויבען אָפּטרעטען, אפריער לאנגזאם, נאכהער אין געלויף. גאנצע באטערייען, אמוני־ציע און ד. גל. האָט דער פיינד לויפענדיג איבערגעלאָזען. איך האָב זיך געפונען אין דער ערשטער אבטיילונג פון די מיליטער וואָס האָבען פערפאָלגט די פראנצויזען. די וועגען, איבער וועלכע מיר האָבען נאָכגעיאָגט דעם שונא, זיינען ווידער געווען פערזעעט מיט טויטע, טורניסטער, געוועהר; טויטע פערד און מענשען זייטען געלעגען צונויפגעפלאָכטען אין קנוילען. די טויטע זיינען טיילווייז געווען צוטראָטען פון פערד און פוהרען, צוקוועטשט אין א קאשע — א מורא׳דיגער בילד אפילו פאר דעם פערהאַר־טעוועטען סאָלדאט. רעכטס און לינקס פון דעם פוהרען־וועג,

אויף פעלדער און אין גראָבענס, זיינען געלעגען טויטע און פערוואונדעטע. די רויטע הייזען פון די פראַנצויזען האָבען זיך שאַרף אָפּגעטיילט פון באָדען. פערקעהרט, די פעלד־גרויע הויזען פון די דייטשען האָט מען קוים געקאָנט דערקענען; זיי איז שווער געווען אָפּצוטיילען פון דער ערד...

דער מהלך צווישען אונז און די לויפענדע פראַנצויזען איז געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער, און די שטימונג פון אונזערע סאָלדאַטען איז, ניט קוקענדיג אויף אַלץ, וואָס מיר האָבען איבערגעטראָגען, געוואָרען בעסער און פרעהליכער. מען האָט געטריבען שפּאַס און געזונגען; מען האָט אין גאַנצען פערגעסען די טויטע, וועלכע האָבען נאָך אַלץ אָנגעפילט אַלע וועגען און שטעגען, און מען האָט זיך געפיהלט גאַנץ פריי. מען האָט זיך שוין אַזוי צוגעוועהנט צו דעם שרעקליכען, אז מען איז מיט אַ רוהיגער נשמה געגאַנגען איבער די טויטע קערפּער; מען האָט אפילו ניט געהאַלטען פאַר נויטיג צו מאַכען אַן אַי־בעריגען טריט און ארומגעהן אַ טויטען פערביי. די איבערלע־בונגען פון די ערשטע פּאָר קריעגס־וואָכען האָבען אונז שוין געמאַכט אין גאַנצען רויה און פערהאַרטעוועט.

III

ציווילע בעלגיער ווערען געשאָסען

עלף אַ זייגער האָט מען אונז געהייסען זיך אָפּשטעלען. מיר האָבען געדאַרפט בעקומען עסען פון פעלד־קיך.

מיר זיינען געווען שטאַרק הונגעריג, האָבען מיר אויפגע־געסען דעם קאָנסערווען־זופּ מיט'ן גרעסטען אַפּעטיט. פיעלע פון אונזערע סאָלדאַטען האָבען זיך געזעצט מיט זייער געפּעס אויף טויטע פערד, וואָס זיינען געלעגען ארום, און זיי האָבען אויף דעם געגעסען אַזוי פריש און לוסטיג, פונקט ווי אין דער היים ביי דער מאַמען. די פּאָר טויטע מענשען, וואָס זיינען דאָ נאָהענט געלעגען, האָבען אויך דעם מאַלצייט ניט געשטערט...

נור קיין וואסער איז ניט געווען, ווען נאכ'ן עסען האט אונז דער דורשט אנגעהויבען צו מאטערען.

מיר זיינען באלד אוועק מארשירען ווייטער אונטער דער גליהענד־הייסער מיטאגס־זון. דער שטויב פון וועג האט זיך געלעגט א סענטימעטער דיק אויף אונזערע קליידער, אויף אונזער הויט. קיין גומע שטימונג איז ניט געווען. דער דורשט האט אונז אלץ מעהר און מעהר געפייניגט. מיר אליין זיינען וואס א פערטעל שעה געווארען אלץ שוואכער. פיעלע פון אונזערע רייהען זיינען געפאלען און האבען פשוט ניט געקאנט געהן ווייטער. דער קאמאנדיר פון אונזער אפטיילונג האט געמוזט לאזען זיך נאכאמאל אפשטעלען, ווען ניט, וואלטען מיר אלע פערחלשט געווארען. צוליעב דעם זיינען מיר בעדייטענד הינ־טערשטעליג געבליבען, און מיר האבען שוין מעהר ניט געהערט צו די ערשטע, וואס זיינען געגאנגען הארט הינטער די פראנ־צויזען.

א זייגער פיער האבען מיר ענדליך דערזעהען פון ווייטען א דארף. די זיכערע ערווארטונג צו בעקומען דארטען וואסער האט אונז צוגעגעבען מוט; אונזער מארש איז געווארען לעבע־דיגער. עס זיינען אונז אנטקעגען געקומען אנטלאפענע בירגער אין לעדיגע וועגען פון אמוניציע. צווישען אנדערע א פויערשער וואגען מיט א סך ציוויל געפאנגענע קענטיג, פראקטירער. (פראקטירער רופען זיך ציווילע מענשען, וועלכע האבען גענומען געוועהר צו פערטיידיגען זייער פאטערלאנד. די דייטשע מי־ליטער בעהאנדעלט געפאנגענע פראקטירער, ניט ווי געפאנ־גענע רעגולערע סאלדאטען. געפאנגענע פראקטירער ווערען דער־שאסען. אזוי האבען די דייטשען געטהאן אין 1870 אין פראנק־רייך; אזוי טוען זיי איצטער אין בעלגיען. לויט דעם אפמאך פון די האאגער פריעדענס־קאנפערענצען איז, ווען פראקטירער האבען איבער זיך א הויפטמאן און טראגען וועלכען עס איז מיליטערישען צייכען, הגם זיי טראגען ניט קיין אוניפארם און געהען ניט אריין אין רעגולערע באטאליאנען, רעכענען זיי זיך דאך פאר סאלדאטען, און ווען זיי ווערען געפאנגען, האבען זיי

אַלע רעכט פון געפאַנגענע סאָלדאַטען. די דייטשע אַרמעע וויל דאָס אָבער ניט אַנערקענען, און אַלע געפאַנגענע פראַקטירער ווערען דערשאָסען. — דער איבערזעצער). צווישען זיי איז אויך געווען אַ קאַטוילישער גלח, און ווי ביי אַנדערע זיינען ביי איהם אויך געווען די הענד געבונדען אויף הינטען מיט אַ שטריק. מיר האָבען אַנגעהויבען נייגעריג נאָכצופרעגען, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט אַזאַ פּאַרשוין געקאָנט אויפטהאָן; האָט מען אונז געזאָגט, ער האָט אַנגערעדט די פּויערים, זיי זאָלען פערגיפטען די וואַסער אין דאָרף.

באַלד זיינען מיר דערגאַנגען ביז'ן דאָרף און מיר זיינען צוגעקומען צו דעם ערשטען ציהברונען זיך גוט אָנצוטרינקען. דאָס האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבען. ביים ברונען איז געשטאַנען אַ פּאַטרול, וועלכער האָט אונז קורץ געוואָרענט: פערגיפטעט! אָפּגענאַרט אין זייערע האָפנונגען און שרעקליך פערביטערט האָבען די דורשטיגע סאָלדאַטען געקריצט מיט די ציינער; זיי האָבען זיך אין איילעניש געלאָזען ווייטער צו נעקסטע ברונימער; אָבער אומעטום האָט זיך איבערגע'חזר'ט דער זעלביגער טייוולישער שפּיעל: אומעטום אַ פּאַטרול, וועלכער לאָזט ניט שטילען דעם דורשט. אויף אַ פרייען פּלאַץ אין מיטען דאָרף איז געשטאַנען אַ דאָרף־ברונען; פון צוויי רעהרען האָט געראָנען אין אַ גרויסע ריינע קאָריטע וואַסער קלאָהר, ווי קריסטאָל. און דאָ זיינען ווידער געשטאַנען פינף סאָלדאַטען אויפ'ן וואַך צו היטען, קיינער זאָל זיך חלילה ניט אָנריהרען אָן די פערגיפטעטע וואַסער. איך האָב שוין געוואָלט שפּרייזען מיט מיינע קאַמעראַדען פאַרביי דעם ברונען ווייטער, ווי פּלוצלונג האָט זיך דער הינטערשטער, גרעסטער טייל פון באַטאַליאָן, ווי בענומענע, אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן ברונען. די וואַך האָט מען אָפּגעשטויסען און גיריג ווי חיות האָבען אַלע זיך אָנגעטרונקען מיט'ן וואַסער. אַלע האָבען געשטילט זייער דורשט, און קיינער איז ניט קראַנק געוואָרען, קיינער איז ניט געשטאָרבען. אַזוי ווי די מיליטער קאָמאַנדע האָט געוואוסט, אַז די ברונעמער זיינען געווען פערגיפטעט, איז מיט אונז סאָלדאַטען, מסתמא געשעהן

א נס, דער דייטשער גאָט האָט אונז געהיט און בעשירמט. די געפאנגענע בעלגיער זיינען אפנים ניט געשטאנען אונטער גאָט׳ס שוץ, זיי האָבען געמוזט שטארבען.

אין דאָס רוב ערטער, וועלכע מיר זיינען אין יענער צייט דורכגעגאנגען, האָט מען אונז אָנגעזאָגט, מיר זאָלען קיין וואַסער ניט טרינקען. דאָס האָט נאַטירליך געבראכט דערצו, אז די סאָלדאטען זאָלען זעהען אין דער בעפעלקערונג זייערע טויט־פיינד און זי אָנהויבען צו האסען. דערפון ווידער האָבען זיך ביי איינינע סאָלדאטען אויפגעכאפּט די שלעכטע אינסטינקטען און דער שד אין זיי האָט בעהערשט דעם מענשען.

אין דעם דאָרף האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט אויסרוהען אין א שייער. איך בין מיט איינינע קאמעראדען אוועק אין דאָרף צו קויפען עסענוואַרג. אין א פויערישען הויז האָבען מיר בעקומען שינקען, ברויט און וויין, אָבער ניט פאר געלד. די בעלי הבתים האָבען זיך ענטשיעדען אָפּגעזאָגט פון יעדען געצאָהלט וויל זיי האָבען אונז בעטראכט פאר געסט. אזוי האָבען זיי געזאָגט. ניט קוקענדיג אויף דעם, האָבען מיר זיי דאָך איבערגעלאָזען געצאָהלט אין דייטשע געלד. אזוי ווי דאָ, האָבען מיר עס שפּעטער אָנגעטראָפען אומעטום: מען האָט פאר אונז געוואלדיג מורא געהאט, די מענשען האָבען פשוט געציטערט ווי א בלאט, ווען א דייטשער סאָלדאט האָט אריבערגעטראָטען דעם שוועל פון זייער הויז.

פיער פון אונז האָבען זיך ענג פעראייניגט. מיר האָבען אָפּגעמאכט זיך צו האלטען צוזאמען און אין יעדער נויט און נעפאהר שטעהן פעסט איינער פאר דעם אנדערען. מיר פלעגען אָפט בעזוכען צוזאמען די וואָהנונגען פון די בעלגישע בירגער און מיר האָבען געטהאָן וואָס מיר האָבען נור געקענט, צו בערוהיגען די שווער געפרופטע מענשען, מאכען, זיי זאָלען זיך פאר אונז אזוי ניט שרעקען. אומעטום אָהן אויסנאהם האָבען מיר געפונען ליעבע, פריינדליכע און גוטע מענשען, וועלכע זיינען באַלד געוואָרען אָפענהערציג און צוטרוייליך, ווען זיי האָבען נאָך בעמערקט, אז מיר זיינען באמת געווען זייערע פריינד.

און ווען מיר האָבען ביים פערלאָזען דאָס הויז נאָך אָנגעשריבען מיט קרייד אויפ'ן טיר: „מיר בעטען צו שאַנעווען, דאָ וואָהנען בראַווע, גוטע מענשען!“ דעמאָלט האָבען זייער פרייד און דאַנקבאַרקייט ניט געהאַט קיין גרענעץ. אויב עס איז געשאַפען געוואָרען אַזוי פיעל בעזע בלוט, אויב אָהן אַ צאָהל בעלגיער זיינען דערשאָסען געוואָרען פון קריעגס־געריכטען. ליגט אַ גרויסער טייל פונ'ם שולד אויף די פערשיעדענהייט פון די שפּראַכען, וועלכע האָט אָפט געבראַכט צו טעות'ן און מיספערשטענדניסען. אזוי איז מיין איבערצייגונג, און פון פיעלע קאַמעראַדען מיינע, וועלכע האָבען מיטגעמאַכט די ערָאָבערונג פון בעלגיען. אָבער אַ גרויסען טייל שולד טראָגט דאָ אויך דער האַס, דאָס ניט צוטרויען צום „פיינד“, וועלכע איז סיסטעמאַטיש איינגעפלאַנצט געוואָרען אין אונזערע קעפּ און הערצער.

ביי נאַכט האָבען מיר זיך געלאָזען מאַרשירען ווייטער. איצטער האָט מען אונז אריינגענומען אין פוס אַרטילעריע רעגימענט נומער ניין, און מיר האָבען בעגלייט אַ באַטערייע פון איין און צוואַנציג צענטימעטער האָוויצער. דעם האָוויצער האָט מען געפיהרט אַ פאַרנאַנדערגענומענעם: דעם רעהר אויף איין וואָגען און דעם לאַפעט אויף אַ צווייטען. אין יעדען וואָגען זיינען געווען געשפּאַנט זעקס פערד. דאָס זיינען געווען פערד, וואָס מען געברויכט נאָר ביי פוס אַרטילעריע, די בעסטע און די שטאַרקסטע אין דער דייטשער אַרמעע. און דאָך האָבען זיי ניט אַלע מאָל געקאָנט צו רעכט קומען. עס פלעגט זיך מאַכען, אַז זיבעציג אָדער אַכציג מענשען האָבען זיך געמוזט איינשפּאַנען אין אַ קאַנאַס, וואָס מען האָט ספּעציעל צוליעב דעם מיטגעפיהרט, און העלפען שלעפּען דעם ריעזיגען האָוויצער. דאָס פלעגט געשעהן דעמאָלט, ווען די באַטערייע האָט פערלאָזען דעם וועג און מען האָט זי געדאַרפט אוועקשטעלען גרייט צום פייערען. כדי די רעדער זאָלען ניט פערזינקען אין באָדען, טוט מען אויף זיי אָן אַזעלכע איבערציהער. אַ האַלבען מעטער די ברייט. אָט די ריעזיגע קאַנאָנען שיסען גלייך פון אויבען אַראָפּ. וואָס ווייטער דער ציעל אַלס העכער הויבען זיך אויף

די קוילען אין זייער פליהען. עס טרעפט אז זיי פליהען טויזענדער מעטער הויך אין דער לופטען, ווען אין נויטיגען פונקט פאלען זיי גלייך פון אויבען אראפ, כמעט אין א גראדער ליניע. דעריבער קאנען זיך די פיינדליכע באטערייען פון זיי ניט בעהאלטען אפילו הינטער בערג. די פראנצויזען האבען די ערשטע צייט כמעט אין גאנצען ניט געהאט קיין שווערע ארטילעריע, וואס זאל זיך לאזען טראנספארטירען פון ארט צו ארט און זיי איז דערום געווען פשוט אוממעגליך צו בעקעמפפען מיט ערפאלג אונזער שווערע ארטילעריע. די דייטשע קאנאנירען האבען זיך ביי אזעלכע אומשטענדען נאטירליך געפיהלט גאנץ זיכער און האבען בעפוצט די רעהרען פון זייערע האוויצערס מיט שטאלצע אויפשריפטען, ווי „דא ווערען נאך אנגענומען קריעגס־ערקלעהרונגען”.

מיר האבען זיך ביי די ארטילעריסטען גאנץ גוט געפיהלט, און ווען מיר האבען זיך זעקס אין דער פריה אפגעשטעלט, זיינען מיר נאך געווען פריש און מונטער, הגם מיר האבען שוין מארשירט פון צוויי ביינאכט אן. נאהענט פון דעם ארט, וואו מיר האבען זיך אפגעשטעלט, איז געלעגען א צושמעטערטער דייטשער האוויצער און נעבען איהם צוויי טויטע סאלדאטען ביים אפפייערען, האט א קויל געפלאצט אינעווייניג אין רעהר, און דער גאנצער האוויצער איז דערפון צוריסען געווארען. דורך די אפגעריסענע שטיקער, וואס זיינען געפלויגען אין אלע זייטען, זיינען צוויי קאנאנירען געפאלען טויט אויפ׳ן ארט און איינינע שווער פערוואונדעט. מיר האבען אויסגענוצט די פרייע צייט צו בעגראבען די געפאלענע. מיר האבען זיי ביידען בעהאלטען אין איין גרוב און אויפ׳ן קבר האבען מיר אוועקגעשטעלט ביידע העלמען און א ברעט מיט אן אויפשריפט: דא רוהען צוויי דייטשע ארטילעריסטען.

מיר האבען געמוזט ווייטער געהן און מיר האבען באלד דערגרייכט די שטאדט בערטרים. פון די ווענינע הייזער ביי ביידע זייטען וועג, זיינען איינינע געשטאנען אין פלאמען. ווי מיר האבען זיך דערוואוסט, האט מען זיי אנגעצונדען, ווייל עס

האָט געהייסען, אז מען האָט פון די דאָזיגע הייזער געשאָסען אויף דייטשע סאָלדאַטען, וואָס האָבען מאַרשירט פאַרביי — פאַר איינעם פון די דאָזיגע הייזער זיינען געלעגען האַלב פערברענט א פּאָר פאָלק מיט א זוהן פון א יאָהר 15־16; זיי זיינען אלע געווען בעדעקט מיט שטרוי. אויף דער זעלביגער גאַס זיינען געלעגען נאָך דריי ציוויליסטען טויט.

מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען נאָך איינינע הייזער און מיר האָבען פּלוצלונג דערהערט א קנאַקען פון ביקסען. פון עפּעס א הויז האָט מען געשאָסען — און פיער סאָלדאַטען אונזערע זיינען פערוואונדעט געוואָרען. א קורצען אויגענבליק זיינען מיר צוטומעלט געוואָרען. דאָס הויז, אויף וועלכע עס האָט אויסגעוויזען אז מען האָט פון דאָרטען געשאָסען, האָט מען באַלד ארומגערינגעלט און דורך אַלע פענסטער האָט מען אינעווענדיג געוואָרפען האַנד גראַנאַטען. כהרף־עין זיינען אַלע צימערען געשטאַנען אין פלאַמען. די אויפגעריסענע האַנד גראַנאַטען האָבען אַנגעמאַכט אזא געוואַלדיגען לופט־דרוק, אז אלע טירען זיינען ארויסגעפלויגען פון זייערע אַנגלען, און די וועגד פון אינעווענינ זיינען צוריסען געוואָרען אויף שטיקער. כמעט גלייכצייטיג זיינען פינף מענשען אין בירגער קליידער ארויסגעשפרונגען אויפ'ן גאַס און מיט הויך אויפגעהויבענע הענד האָבען זיי געבעטען פּאַרדאָן. מען האָט זיי גלייך געכאַפּט און געפיהרט צו די אָפיצירען, וועלכע האָבען אין א פּאָר מינוט ארום געבילדעט פון זיך א קריעגס־געריכט. צעהן מינוטען שפּעטער איז דער אורטייל שוין אויסגעפיהרט געוואָרען. פינף שטאַרקע מענער זיינען געלעגען טויט אויף דער ערד, מיט פערבונדענע אויגען, דורכגעלעכערט פון קוילען.

אויף יעדען פון די פינף פעראורטיילטע זיינען געשטעלט געוואָרען זעקס סאָלדאַטען, איהם צו שיסען. ליידער בין איך אויך געווען איינער פון די דרייסיג. דער פעראורטיילטער, וואָס מיר זעקס האָבען געדאַרפט שיסען, איז געווען א גרויסער שלאַנקער מאַן פון א יאָהר פערציג. בעת מען האָט איהם די אויגען פערבונדען, האָבען ביי איהם די ברעמען ניט א ציטער געטהאָן.

אין גאָרטען פון א שכנ'ישען הויז האָט מען איהם געשטעלט מיט'ן רוקען צום הויז און נאָכדעם, ווי דער הויפּטמאַן האָט אונז געזאָגט, אז אונזער חוב איז זיך גוט צו צילעווען, כדי וואָס גיכער צו מאַכען א סוף צו דעם טרויער־שפּיעל, האָבען מיר זיך געשטעלט זעקס שריט פאר דעם פערזורטיילטען. דער פעלד־וועבעל האָט אונז פריהער אָנגעזאָגט, אז מיר דאַרפען שיסען דעם פערזורטיילטען דורך די ברוסט. איצט האָט זיך אָנגעהויבען די קאָמאַנדע איינס: „אָנלאָדען!", „צום שיסען גרייט!" „לעגיגט אָ־אָ־ן!" „פייער!"

איך ווייס נאָך היינט ניט, אויב אונזער קרבן איז באלד געוועזען טויט, און וויפיעל קוילען פון די זעקס עם האָבען געטראָפען. דעם גאַנצען טאָג בין איך ארומגעלאָפען, ווי משוגע, און איך האָב זיך געמאַכט די ביטערסטע פאָרווירפע, אז איך האָב געשפּיעלט די ראָלע פון א הענקער. א לאַנגע צייט פלעג איך אויסמיידען צו רעדען וועגען דעם מיט מיינע קאַמעראַדען, ווייל איך האָב זיך געפיהלט שולדיג. און דאָך, וואָס האָבען מיר סאָלדאַטען אנדערש געקאָנט טהאָן, ווי אויספיהרען דעם בעפעהל?

דאָ אין בערטרים איז שוין מיט א נאַכט פריהער געקומען צו צוזאַמענשטויסען צווישען דייטשען מיליטער מיט דער בעפעלקערונג. אין אלע טיילען פון שטאָדט האָבען געברענט הייזער. אויפ'ן מארק־פּלאַץ איז געלעגען א גרויסער הויפען געוועהר און רעוואָלווערען פון אלע סאָרטען. ביים גלח אין הויז האָט מען געפונען א פראַנצויזישע מאַשין־געוועהר און אמוניציע. דער גלח מיט זיין קעכין זיינען ארעסטירט און באלד פער'משפּט געוואָרען.

ביי אזעלכע אומשטענדען זיינען מיר געוועזען העכסט צופריעדען, ווען מיר האָבען די שטאָדט פערלאָזען. נאָך מיטאָג זיינען מיר אוועק ווייטער. נאָך א מאַרש פון פינף קילאָמעטער האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט און בעקומען עסען פון פעלד קיך. אָבער דעם מאָל האָט אונז דאָס עסען גאָרניט געשמעקט. די ערי־

נערונגען וועגען די געשעהענישען פון פריהמאָרגען האָבען אונז אזוי נידערגעשלאָגען, אז דאָס עסען האָט ביי אונז געהאט א טעם, ווי א מאָלצייט פון אן אבל. מיר האָבען זיך באלד שטיל־שווייגענד ווידער געלאָזען אין וועג אריין, ווען אין אָוועגד האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט נעכטיגען אויפ'ן פרייען פעלד. מיר זיינען געווען צו מיעד, אויפצושלאָגען געצעלטען.

דאָ האָט דעם ערשטען מאָל די דיסציפּלין פערלאָרען איהר ווירקונג. די אָפיצירען האָבען געגעבען א בעפעהל צו בויען געצעלטען. אָבער קיינער האָט אויף זייער בעפעהל ניט אכטונג געגעבען. די סאָלדאַטען זיינען געפאלען פון די פיס פאר מיעדינקייט, האָבען זיי געלאָזען די אָפיצירען בעפעהלען און פלוידערען, וואָס זיי האָבען געוואָלט. יעדערער האָט זיך איינגעוויקעלט אין זיין מאנטעל, האָט זיך געלעגט, וואו ער איז געשטאנען, און ווי מען האָט זיך נור געלעגט, איז מען שוין געשלאָפען. די אָפיצירען זיינען ארומגעלאָפען ווי בענומענע און האָבען מיט א פערדאָפּעלטער ענערגיע אריינגעשריען די טויט־מיעדע סאָלדאטען אין די אויערען זייער בעפעהל. אָבער אומזיסט, די „הערען" אָפיצירען האָבען דאָך א גאנצען טאָג געריטען אויף פערד, זיינען זיי נאָך אפנים ניט געווען אזוי פערמאַטערט, און דער שלאָף האָט נאָך ניט געשמיעדט אלע זייערע גליעדער, ווי די סאָלדאטען, וואָס האָבען דורכגעמאכט דעם שווערען וועג אויף אייגענע פיס. געזעהען אז מיט שרייען מאכט מען גאַרנישט, האָבען די אָפיצירען זיך מטריח געווען מיט זייערע אייגענע הענד אונז צו וועקען און טרייסלען. אָבער ווי נור זיי האָבען שוין איינעם אויפגעוועקט און געהען אריבער צו א צווייטען, פאלט דער ערשטער גלייך ווידער אוועק שלאָפען. אזוי האָבען מיר נאָך א ווייַלע געהערט: „העי, איהר דאָ, שטעהט אויף געצעלטען בויען!" אויף דעם הערט זיך שטענדיג דער זעלביגער ענטפער: יא, יא, באלד!" און מען קעהרט רוהיג איבער אויף דער אנדערער זייט און מען שלאָפט ווייטער. מיך האָט מען אויך געפּרופט אויפטרייסלען, אָבער נאָכדעם, ווי איך האָב דעם אָפיציר צוגעוואָרפען א פּאָר הארבע קללות — יענעם

אווענד זיינען קללות געפלויגען פון אלע זייטען — האָב איך ווייטער געשלאָפען א זיסען שלאָף פון א צדיק תמים.

צום ערשטען מאָל האָט די בלינדע דיסציפּלין פערלאָרען איהר ווירקונג. דער קערפּער איז געווען אזוי אויסגעמאַטערט, אז ער איז פּשוט ניט פעהיג געווען ווייטער צו שפּיעלען דעם נעהאָרכזאַמען הינטישען ביין...

IV

דייטשע סאָלדאַטען און ציווילע בעלגיער

מיר זיינען געווען שטארק דערהיצט פון גאנג, און די נאַכט איז געווען א קאַלטע. עס האָט אונז געקלאַפּט א צאָהן אָן א צאָהן, און איינער נאָכ'ן אנדערען איז אויפגעשטאַנען, כדי צו דערוואַרימען זיך דורך בעוועגונג. קיין שטרוי איז ניט געווען, און דער דינער מאַנטעל האָט ווענינ געוואַרעמט. די אָפיצירען זיינען געשלאָפען אין שלאָף־זעק, מיט וואָלענע קאָלדערעס.

ביסלעכווייז זיינען אלע אויפגעשטאַנען, ווייל אונזערע קליידער זיינען געווען דורכגענעצט פון טוי. עס איז געווען ניט פרעהליך אויפ'ן הארצען. מיר זיינען געשטאַנען אין רעדלעך און האָבען קריטיקירט די געשעהענישען פונ'ם פאָריגען טאָג. דאָס רוב סאָלדאַטען האָבען זיך געהאַלטען ביי דער מיינונג, אז מען דאַרף די אָפיצירען קלאָר געבען צו פערשטעהן, אז פון היינט אָן אין ווייטער וועט עס זיי ניט לייכט אָנקומען דורכצופיהרען זייערע שינדערייען. אן עלטערער רעזערוויסט האָט פאָרגעלעגט, אז ווען מען וועט אונז ווייטער הייסען דערשיסען א מענש, וואָס דער קריעגס־געריכט האָט איהם פעראורטהיילט צום טויט, זאָלען מיר אזא בעפעהל פּשוט ניט אויספירען; ער האָט געמיינט אז ווען מיר וועלען אלע האַלטען צוזאַמען וועט מען אונז גאָר־ניט קענען טהאָן. מיר האָבען איהם אָבער געבעטען, ער זאָל זיין פאָרזיכטיג, וואָרים אז מען וועט זיך פון אזעלכע רייד דערוויסען וועט מען מיט איהם קיין גרויסע מחזקות ניט מאַכען און מען וועט איהם דערשיסען פאר בונטעווען. וואָס ביי דעם רעזער־

וויסט אויפ׳ן צונג איז ביי אונז אַלעמען געווען אויף דער לונג. די ערביטערונג איז געווען אַן אַלגעמיינע, אָבער מען האָט ניט געוואָלט און ניט בעדאַרפט זיין ניט־פּאַרזיכטיג. די פּאָר טעג קריעג האָבען אונז געלערנט, אז מיר האָבען דאָ צו טהאָן מיט אַ רויהע קראַפט, וועלכע מאַכט קיין אונטערשיעד ניט צווישען רעכט און אומרעכט.

דערווייל איז געקומען די צייט צו מאַרשירען ווייטער, און מיר האָבען נאָך געהאַט צו טרינקען קאַפּע און איינצופּאַקען אונזערע זאַכען. ווען מיר זיינען שוין געווען גרייט צום מאַרש, האָט דער הויפּטמאַן געהאַלטען פאַר אונז אַ רעדע, אַנטקעגען דעם, וואָס מיר האָבען נעכטען אין אָוונד ניט געפאָלגט די אָפיצירען און זיך געלעגט שלאָפען, ניט אויפשטעלענדיג די גע־צעלטען. „איך נעהם אָן, האָט ער געזאָגט, אז איהר האָט דאָס געטהאָן צוליעב אייער נארישקייט. וואָרים ווען איך וואָלט אַנ־דערש געקלעהרט, וואָלט איך אייך אַלעמען געשטעלט פאַר אַ קריעגס־געריכט, און איהר וואָלט געוואָרען אומגליקליך פאַר אייער גאַנצען לעבען. אויף ווייטער אָבער וועל איך אייך האַל־טען אזוי שטאַרק אין צוים, אז אַזעלכע מעשות, ווי נעכטען, וועלען מעהר ניט קענען פּאַרקומען. און איהר וועט האָבען צו טהאָן מיט׳ן טייוועל, אויב איך וועל אייך ניט קענען האַלטען אין צוים. אַ בעפעהל בלייבט אַ בעפעהל, אפילו ווען מען רעדט זיך איין, אז מען איז מיעד!“

דער געגענד, דורך וועלכען מיר זיינען איצט געגאַנגען איז געווען האַלב וויסט און איינטאָניג. די ווענינע גאַנץ קליינע דערפער, וועלכע מיר זיינען דורכגעגאַנגען, זיינען געווען דורכ־אויס פערלאָזען פון די איינוואָהנער, די אָרימע הייזלאַך זיינען דאָס רוב געווען צושטערט, פערוויסט. מיר האָבען נאָכאַנאַנד בעגעגענט לאַנגע צוגען געלאָפענע. זיי זיינען פריהער אַנטלאָפען צוזאַמען מיט דער פראַנצויזישער אַרמעע, און איצט האָבען זיי זיך אומגעקעהרט צוריק אַ היים. וואָס וועלען זיי געפינען? דער קריעג האָט חרוב געמאַכט זייערע היימען.

נאָך אַ לאַנגען וועג זיינען מיר צוגעקומען נאָהענט צו דעם

גרויסען דאָרף סוני, אויף דעם בעלגיש־פראַנצויזישען גרענעץ. דער דאָרף ליעגט נאָך אויף דעם בעלגישען זייט. עס איז געווען ארום 12 בייטאָג, און הגם דאָס דונערען פון קאַנאָנען האָט זיך געהערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און האָט אָנגעוויזען, אַז עס ענטוויקעלט זיך אַ נייע שלאַכט, האָבען מיר דאָך געהאָפט צו בלייבען דאָ אין דאָרף איבער נאַכט. ארום איינס אַ זייגער זיינען מיר אריין אין דאָרף און מען האָט אונז ווידער איינ־קוואַטירט אין אַ שייער. דאָס רוב סאָלדאַטען האָבען מוחל גע־ווען דעם עסען פון דער פעלד־קיך און זיינען אַוועק אין „רעק־וויזיציע", דאָס הייסט מען האָט גענומען ביי די איינוואָהנער אייער, הינער, גענז, אפילו קליינע חזרים'לעך. באַלד האָט מען געמאַכט פייער און אַלע האָבען זיך גענומען צום קאָכען. ליידער האָבען דאָס רוב סאָלדאַטען פערגעסען צו בעצאָהלען פאַר די אַלע גוטע זאַכען.

פיעלע סאָלדאַטען האָבען געבראַכט פעסער און פלעשער וויין. מען האָט זיי אויפ'ן שטעל געעפענט און אויסגעלעדיגט. די מעהר פאָרזיכטיגע האָבען געוואָרענט, מען זאָל עס ניט טהאָן, נאָר ווער האָט זיי געהערט... דער נאַטירליכער רעזול־טאַט איז געווען, אַז אַ סך אונטעראָפיצירען און סאָלדאַטען זיינען באַלד געווען טויט־שכור. דער בעל־הבית פון „אונזער" שייער האָט נאָך געהאַט האַלב־דערוואַקסענע חזרים. איינער אַ שכור'ער אונטער אָפיציר האָט געפרופט קוילענען אַ חזיר מיט אַ טעמפּען טאַשען־מעסער. געקוילעט האָט ער איהם ניט, אָבער יסורים האָט ער איהם אָנגעטהאָן שרעקליכע. אַ פּאָר ניכטערע סאָלדאַטען האָבען דאָס דערזעהען, האָבען זיי מיט אַ קויל אין קאָפּ געמאַכט אַ סוף צו די ליידען פון דעם אָרי־מען בעשעפעניש און דעם אונטעראָפיציר האָט מען אַוועקגע־לעגט שלאָפען. דאָס איז אָבער נאָר געווען איין ביישפּיעל און ניט דער ערגסטער. די איינוואָהנער פון סוני זיינען גענוג ליי־דען אויסגעשטאַנען פון די שכורע סאָלדאַטען. אָפען און שטי־לערהייט האָט מען געראַבעוועט די גערטנער, שטאַלען און וואָה־נונגען פון דאָרף. און אַזוי ווי די אָפיצירען האָבען געלאָזען די

סאלדאטען פרייע הענד, אלץ איינס, וואס עס זאל ניט געשעהען, איז וויפיעל מען זאל זיך אויף זיי ניט קלאגען — האט עס נאטירליך ניט געקאנט ווערען בעסער.

אויף די בעפעלקערונג פון סוני איז געווען א גרויסער רחמנות. אקארשט זיינען דא דורכגעלאפען די פראנצוויזען — מיט־ברידער פון די בעלגיער — און האבען גערויבעוועט, מיט־גענומען אלץ, וואס זיי האבען אין איילעניש נור געקאנט איינ־פאקען, איצט האבען די דייטשען ניט בעסער געטהאן.

אין א פאמיליע פון זיעבען מענשען האט מען אונז דער־צעהלט, אז די פראנצוויזען האבען צוגענומען גאר דאס ברויט און פלייש. דורכגעזוכט אלע שפעלטלאך, און אפילו די טעכ־טערס גאלדענע זייגערס אוועקגע׳גנב׳עט. עהנליכע זאכען האט מען אונז דערצעהלט אין פיעלע הייזער. און וואס מיר האבען פריהער געהאלטען פאר אונמעגליך, דאס האבען מיר איצט גע־זעהען מיט די אייגענע אויגען: אונזערע אזוי גוט דיסציפלי־נירטע סאלדאטען האבען אויך גע׳גנב׳עט, גערויבעוועט. דער קריעג מאכט ניט קיין אונטערשיעד צווישען פיינד און פריינד.

די שיסעריי, וועלכע מען האט דא געקאנט גוט הערען, האט געהאלטען די איינוואהנער אין שטענדיגער אנגסט און אויפ־רעגונג און מיר האבען זיך קנאפ וואס גע׳חדוש׳ט, ווען מיר האבען געהערט, ווי די לייט בעטען גאט, ער זאל ווייזען זיין חסד און לאזען די דייטשען זיעגען. אן אלטער מאן, אן איי־גענטהימער פון אן איינפאהר הויז, וועלכער האט גערעדט ניט שלעכט דייטש, האט עס מיר דערקלעהרט: „איהר פערשטעהט, דאס הייסט ניט, אז מיר זיינען פאר דייטשלאנד. אה, גאט בעוואהר! מיר זיינען איינמאל בעלגיער און מיר זיינען דערצו שוין אזוי געוואוינט, אז אונז איז ליעבער צו בלייבען בעלגיער ביז ענדע פון אונזער לעבען. אבער ווען די דייטשען וועלען איצט מוזען אפטרעטען צוריק, וועלען די פראנצוויזען נאך א מאל קומען, און אונזער דארף וועט ווידער ווערען א שלאכט־פעלד. דאס ביסעל, וואס איז נאך פערבליבען, וועט דאמאלס

אוועק מיט'ן פייער. דעריבער מוזען די דייטשען זיענען". און ער האָט ווידער אָנגעהויבען בעטען גאָט.

די געגענד איז צוויי מאָל געווען בעזעצט פון פראנצויזען און לסוף זיינען מיר, דייטשען, געקומען. איז קיין חדוש ניט, וואָס די בעפעלקערונג האָט געליטען נויט און הונגער, און אָפט האָבען מיר פערטיילט ברויט צו די שווער געפּרופטע מענשען. מיט נאָך צוויי קאַמעראַדען האָב איך מיין „אייזערנע פּאָרציע" (פלייש און גרינס־קאָנסערווען מיט א זאק סוכארעס) אוועק־געשענקט אן אָרימע פרוי „געבענשט" מיט אכט קינדער. צו דער „פּאָוויערקע" האָט מען זיך געכאַפּט, אז ביי אונז פעהלט די „אייזערנע פּאָרציע". פאר אָט דעם שוואכען בעווייז פון ליעבע צום נעקסטען, איז יעדער פון אונז בעשטראָפט געוואָרען צו שטעהן צוויי מאָל אונטער'ן ביקס. דער פיהרער פון אונזער האלבען באטאליאָן, האָט געהאלטען, אז רחמנות איז נארישקייט, און ווען די פרוי האָט אכט קינדער איז עס איהר זאך. זיין קורצע רעדע האָט ער פערענדיגט מיט די פאָלגענדע ווערטער, וועלכע ער האָט שטארק בעטאָנט: אין קריעג איז יע־דער זיך אליין דער נעקסטער, מעג אלעס ארום אונז אפילו „פּגר'ען".

אן אנדער סאָלדאט האָט בעקומען פערצעהן טעג שטרענ־גען ארעסט. ער האָט צוזאמענגעקליבען צווישען די סאָלדאטען זעקס קליינע ברויטלאך און ער האָט עס געטראָגען צו אן אָרימע פאמיליע. אויפ'ן וועג האָט איהם געטראָפען דער זעלביגער אָפיציר מיט עטליכע אונטעראָפיצירען. דער אָפיציר האָט גע־פרעגט, וואו ער טראָגט די ברויט. דער סאָלדאט האָט געענט־פערט, צו א פאמיליע וואָס ליידט הונגער. דער אָפיציר האָט בעפוילען די ברויט באלד צוריק צו טראָגען אין באטאליאָן, און דעם סאָלדאט האָט ער מכבד געווען מיט אלע מעגליכע מיליטערישע אויסדריקען, ווי: איהר זייט משוגע? „קעמעל! נארישער באראן! קאפער! (אזוי רופט מען די שווארצע בע־פעלקערונג פון זיד אפריקא) אידיאָט!" און אזוי ווייטער. ווען דער סאָלדאט האָט דאך געוואָלט געהן ווייטער, האָט איהם דער

אַפּיציר נאָך אַ מאָל אַרייגעשריען דעם בעפעהל אין אויער אריין. דער סאָלדאַט האָט זיך אומגעקעהרט, אראָפּגעוואָרפען די ברויט דעם אָפּיציר צו די פיס און אין דעם רוהיגסטען טאָן אין דער וועלט האָט ער געזאָגט: „די קאַפּערן און אידיאָטען מוזען פערגיסען זייער בלוט כדי צו פערהיטען אייער יונקער פאַמיליע פון דעם עלענד, וואָס האָט געטראָפען אָט די אָרימע בעפעלקערונג!"

עס איז געווען אַ וואונדער, וואָס דער סאָלדאַט האָט פאַר „ניט פאַסיגען בענעהמען געגען זיין העכערען, אונטער אומ־שטענדען, וועלכע מאַכען די שולד שווערער", בעקומען נאָר פערצעהן טאָג שטרענגען ארעסט; ער האָט אין דער אמת'ן נאָך גוט אָבגעשניטען.

נאָך די געזעצען פון קריעג האָט ער זיין שטראָף געמוזט אָפּקומען אזוי: ווען דער באַטאַליאָן שטעלט זיך אָפּרוהען, נאָך אַ געפעכט, נאָך אַ לאַנגען מאַרש אָדער אין אָווענד, אויף נאַכטלעגער, מוז דער בעשטראָפטער סאָלדאַט זיך מעלדען ביי דעם אונטעראָפיציר, וועלכער האַלט די וואַך. אזוי פערצעהן טעג לאַנג, יעדען טאָג. דער באַטאַליאָן רוהט און די איבריגע סאָלדאַטען קענען זיך פריי בעוועגען, מוז דער בעשטראָפטער זיך אויפהאַלטען אין וואַכט־שטוב. ארויסגעהן מעג ער נאָר אויף בעדירפנישען, און דאָס, נור מיט דער ערלויבעניש פון אונטער־אָפיציר און אין בעגלייטונג פון אַ סאָלדאַט. ער טאָר ניט רויכערען, ניט לייענען, טאָר ניט נעהמען קיין אַנטהייל אין קיין אונטערהאַלטונג; טאָר אפילו ניט רעדען. אזוי ביז דער באַטאַליאָן ריהרט זיך פון אָרט. דערצו מוז ער יעדען טאָג גאַנצע צוויי שעה שטעהען צוגעבונדען צו אַ בוים. מען בינדט איהם צו מיט שטריק. מעג ער אקאָרשט האָבען דורכגעמאַכט אַ מאַרש פון 50—40 מייל אָדער איינגעשטעלט זיין לעבען אין אַ געפעכט פאַר דאָס זעלביגע פאָטערלאַנד, וועלכע בינדט איהם מיט שטריק, אַלץ איינס, זיינע צוויי שעה מוז ער אָפּ־שטעהן.

די ערביטערונג איז געוואַקסען און צוליעב די פיעלע האַר־

בע שטראַפען, איז זי געוואָרען אזוי גרויס, אז דאָס רוב סאָל־דאַטען האָבען זיך אָבגעזאָגט צו בינדען זייערע קאַמעראַדען. איך האָב זיך אויך אָפּגעזאָגט. מען האָט מיר דעם בעפעהל איבערגעחזרט און איך האָב אַלץ ניט געפאָלגט. ווי א גאַנץ און גאָר פער'עקשנ'טער זינדער, פאר ניט אויספיהרען א בע־פעהל און פאר בלייבען אונגעהאָרכזאַם, בין איך אויך פער'־משפט געוואָרען צו פערצעהן טעג שטרענגען ארעסט.

V

די שרעקען פון גאַסענקאַמף

אויף מאָרגען פריה האָבען מיר פערלאָזען דעם דאָרף סוני און אין א שעה ארום זיינען מיר אריבער דעם בעלגיש־פראַנ־צויזישען גרענעץ. מיר האָבען דאָ אויך געמוזט שרייען דריי מאָל „הורא!" פונקט ווי דאַמאָלט, ווען מיר זיינען אריבער דעם דייטש־בעלגישען גרענעץ.

ביי דעם פראַנצויזישען דאָרף וויוויעראָקור האָבען מיר געטראָפען פיינדליכע מיליטער. נאָך א געפעכט פון פינף שעה האָבען די פראַנצויזען אָפּגעטראָטען און גענען מיטאָג האָבען מיר בעזעצט דעם דאָרף.

מיר זיינען געגאַנגען פון הויז צו הויז זוכען עפּעס עסען. דער דאָרף האָט כמעט גאָר ניט געליטען פון דעם געפעכט, וואָס האָט זיך אקאָרשט געענדיגט. דורכגעגאַנגען אייניגע הייזער, זיינען מיר געקומען צו א פאַמיליע פון א לעהרער. דער פאָטער און דער זוהן זיינען געווען סאָלדאַטען. צוויי טעכטער פון אומ־געפעהר 20 און 22 יאָהר זיינען געבליבען אליין מיט דער מו־טער. די מוטער איז געווען זעהר שרעקעדיג, און אלע דריי האָבען געוויינט, בעת מיר זיינען אריין אין שטוב. די עלטסטע טאָכטער האָט אונז אויפגענומען מיט גרויס פריינדליכקייט, און צו אונזער גרויס וואונדער האָט זי מיט אונז גערעדט א ריינעם דייטש, אָהן קיין שום פעהלער. מיר האָבען זיך בעמיהט צו בערוהיגען די פרויען, געבעטען זיי ניט וויינען. מיר וועלען

זיי זיבער קיין שלעכטס ניט טהאן — האבען מיר עטליכע מאל איבערגע׳חזרט. דערצעהלט אלערליי מעשיות, כדי זיי צו ברענגען אויף אנדערע געדאנקען.

איינער פון מיינע קאמעראדען האט דערצעהלט, אז מיר האבען היינט אין דער פריה אין געפעכט פערלארען זיעבען מאן, אז א סך אונזערע זיינען פערוואונדעט. אבער די אויפרעגונג פון די דריי פרויען איז דורך דעם געווארען נאך שטארקער; און דאס האבען מיר שוין ניט געקאנט בעגרייפען. איינע פון די מיידלאך, וועלכע האט זיך בערוהיגט פריהער פאר איהר מוטער און שוועסטער, האט אונז ערקלעהרט, פאר וואס זיי זיינען אזוי שטארק צורודערט. דאס מיידעל האט פערבראכט העכער צוויי יאהר אין א פענסיאן אין שארלאטענבורג, ביי בערלין. איהר ברודער האט געוואוינט אין בערלין. געארבייט אלס טעכניקער. ווען זי האט געענדיגט דעם פענסיאן, האט דער ברודער גענומען אורלויב אויף דריי מאנאט און ער איז געפאהרען א היים, בעגלייטען זיין שוועסטער. ביידע האבען זיך אין דייטשלאנד גאנץ גוט געפיהלט; און נאך דער קריעג, וואס האט פלוצלונג אויסגעבראכען, האט ניט געלאזען דעם יונגען טעכניקער אומקעהרען זיך אין בערלין. ער האט געמוזט אריין אין דער פראנצויזישער ארמעע, און איצט דיענט ער אין דעם זעלבינגען באטאליאן, וואו זיין פאטער איז א רעזערוו־אפיציר.

נאך א קורצער פויזע האט דאס מיידעל צוגעגעבען: „פאטער און ברודער זיינען נאך היינט אין דער פריה דא געווען. זיי האבען אנטהייל גענומען אין קאמפף געגען אייך; און עס קאן זיין, אז גראד די קויל, וואס האט אוועקגעלעגט אייערע קאמעראדען, איז געוועזען זייערע... א, ווי שרעקליך דאס איז! זיי, וואס האבען שטענדיג געפיהלט צו די דייטשען נור ליעבע און אכטונג! איצט זיינען זיי אוועק. און כל זמן די דייטשען וועלען שטעהן צווישען זיי און אונז, וועלען מיר פון זיי ניט קענען בעקומען קיין שום ידיעה, וועלען מיר ניט הערען, צו לעבען זיי, צו זיינען זיי טויט. ווער האט עס דעם פורכטבארען

קריגן אויף זיין געוויסען? ווער איז שולדיג אין דעם דאָזיגען באַרבאַרישען פאַרברעכען? טרערען האָבען פאַרשטיקט איהר שטימע, און אונזערע אויגען זיינען אויך ניט געבליבען טרוקען. מיר האָבען זיי שטום געדריקט די הענד און שטיל און איי־לענדיג זיך אַרויסגעמאַכט פון שטוב.

ביז אָוונד זיינען מיר געבליבען אין דאָרף. מען האָט אונז געלאָזען אַרומגעהן פריי. נאָך מיטאָג זיינען ניין מאַן פון מיין באַטאַליאָן אַרעסטירט געוואָרען, ווייל זיי האָבען זיך פערזינדיגט מיט אַ פרויען־צימער. מען האָט ביי זיי צונעמען די געוועהר און אוועקגעזעצט אין וואַך־שטוב. דאָס זעלבע איז געשעהען מיט אייניגע אינפאַנטעריסטען אויך. זיעבען מאַן פון מיין באַטאַליאָן האָבען זיך אין אָוונד אומגעקעהרט צוריק. וואָס פון די אַנדערע צוויי איז געוואָרען, האָב איך זיך קיינמאָל ניט געקאָנט דעריסען.

אין יענער צייט איז ביי אונזערע סאָלדאַטען געווען אַ גרויסע נויט אין טאַבאַק און איך ווייס, אז פאַר אַ פאַפּיראָס האָט מען געצאָהלט אַ מאַרק און מעהר, אויב מען האָט עס נור געקענט קריגען. דאָ אין וויוויער־אַקור איז געווען נאָר איין טאַבאַק פערקויפער, אָנגעשטעלט פון שטאַאַט. (אין פראַנקרייך איז טאַבאַק מאָנאָפּאָל פון שטאַאַט). איך האָב געזעהען, ווי אונטעראָפיצירען האָבען אָט דעם פערקויפער געכאַפּט, אָנ־געשטעלט אויף איהם די רעוואָלווערען און אויף אזא אופן גע־צוואונגען, ער זאָל אַרויסגעבען גאָר די טאַבאַק, וואָס ער האָט געהאַט. ניט פאַר געלד, נור פאַר אַ רעקוויזיציאָנס צעטעל, וואָס האָט קיין שום ווערטה ניט. די „העררען“ האָבען שפּע־טער דעם טאַבאַק פערקויפט: אַ האַלבען מאַרק פאַר אַ קליינעם פעקעלע. געגען אָוונד האָבען מיר פערלאָזען דעם דאָרף און זיינען אוועק ווייטער. מיר האָבען געדאַרפט ברענגען די האַ־וויצער באַטעריע אין אַ נייער שטעלונג, פון וואַנען מען האָט בעשאָסען די פראַנצויזישע פאָזיציעס ביים טייך מאַאַס. נאָך אַ קורצען מאַרש האָט זיך אָנגעהויבען אַ געפעכט מיט די פראַנ־צויזען נאָרד־איסט פון דאַנשערי. אויף דער זייט מאַאַס זיינען

איצט געשטאנען נור קליינע פראנצויזישע קרעפטען, זייער אויפגאבע איז געווען צו פערהאלטען אונז אזוי לאנג, ביז די הויפט טהיילען פון זייער ארמעע וועלען אריבער דעם מאאס. די קרעפטען, וואָס האָבען „געדעקט" דעם איבערגאנג האָבען זיך אין גאנצען צוריקגעצויגען ערשט, ווען עס איז געוואָרען דונקעל. מיר האָבען זיי פערפאָלגט. אַ סך בריקען זיינען נאָך געבליבען, זיינען אָבער געווען צו וועניג, און דער פיינד האָט ניט געהאט קיין מעגליכקייט צוריקצוציהען אלע זיינע קרעפטען גיך, אויף איין מאָל. אין דאָנשערי, וועלכע איז געשטאנען אין גאנצען אין פלאמען, איז ביינאכט געקומען צו אַ אונגעוועהנליכען מערדערישען נאסען־קאמפף. די פראנצויזען האָבען געקעמפפט מיט אַן אונגעהוירער אנשטרענגונג; עס איז געוואָרען אַ שרעקליכע הריגה. מאן געגען מאן! איינער אויף איינעם! „מאן געגען מאן" איז דאָס שרעקליכסטע, וואָס איך האָב אין קריעג איבערגעלעבט. קיינער ווייס דערנאָך ניט, וויפיעל מענשען ער האָט נע'הרג'עט. מען פאקט אַ געגנער, וועלכער איז אמאָל שוואכער און אַ מאָל שטארקער, ווי מ'איז אליין. ביים שיין פון די ברענענדיגע הייזער זעהט מען אז דאָס ווייסעל אין זיינע אויגען איז רויט; אויף די ליפען שטעהט איהם אַ געדיכטער שוים. דער קאָפ אָפגעדעקט, מיט צוואוואָרפענע האָר, דער מונדיר אָפען און דאָס רוב צוריסען, אין טראנטעס, שטעכט מען, און מען שניידט, און מען דראפעט, און מען בייסט, און מען שטויסט ארום, ווי אַ ווילדע חיה. עס געהט אויף לעבען און טויט; מען קעמפפט פאר דעם אייגענעם לעבען, קיין רחמנות איז דאָ ניט דאָ, קיין פארדאָן ווערט ניט געגעבען, מען הערט נור דעם אָטעם, וועלכער ווערט אזוי ווי ארויסגעשטויסען פון אינעווייניג מיט אַ קרעכץ, מיט אַ כריפ. מען טראכט נור וועגען אייגענעם לעבען, וועגען טויט און וועגען דער היים. פיבערהאפט שנעל, אין שטורעם ווינד פון געדאנקען יאָגען זיך פערביי אלטע עראינערונגען. ווידער געשניטען, געשטאָכען, געביסען. אָהן געוועהר, אָהן וואפען, אויף טויט און לעבען. דו אָדער איך —איך? איך? ניין — דו. מען שפאנט אָן די קרעפ־

טען וואס ווייטער אלס איבערמענשליכער. איצטער נאך איין שטויס, איין גוטען ביס, און דו ביזט דער זיעגער. א זיעגער נור אויף איין רגע, דען עס פאלט דיך גלייך איבער דער נעקסטער געגנער, וועלכער האט מיט א סעקונדע צוריק גע׳פטר׳ט איינעם פון דיינע קאמעראדען... דא דערמאנסטו זיך פלוצלונג אז דו האסט דאך נאך ביי זיך דעם שפיעז. זוכסט האסטיג און געפינסטו איהם אויף דעם ארט, וואו ער דארף זיין לויט די מיליטערישע רעגעלען. איינס, צוויי, דריי, און ער געהט אריין טיעף דעם געגנער אין ברוסט.

ווייטער, ווייטער דא קומען ווידער נייע פיינד, אמת׳ע פיינד, עס ווערט דיר מיט אמאל אזוי נאהענט דער געדאנקען, אז דער וואס שטעהט געגען דיר איז דיין פיינד, דיין אייגענער פיינד, ער טראכט ווי דיין לעבען צו נעהמען, ער בייסט, שטויסט און דראפעט, כדי דיך גובר צו זיין, כדי אריינצולאזען זיין שפיעז דיר אין הארצען, חאפסטו זיך ווידער צו דיין שפיעז. גאט צו דאנקען! ער ליגט שוין אויף דער ערד צו דיינע פיס, ביסט געראטעוועט!... דאך, האלט, דעם שפיעז דארף איך נאך האבען; איך ציה ארויס פון ברוסט — א שטראם ווארימע בלוט שיסט ארויס פון אפענעם וואונד מיר אין פנים! מענשען-בלוט, ווארימע מענשען-בלוט! מען טרייסעלט זיך אפ, אבער נאר אויף איין רגע, דער נעקסטער פיינד איז שוין דא — מען מוז זיך איבער א נייעס וועהרען. ווידער און ווידער הויבט זיך אן די משוגע׳נע הריגה, אלץ ווידער און ווידער — די גאנצע נאכט...

ענדליך ארום פיער א זייגער אין דער פריה, נאכדעם, ווי א פאר באטאליאנען אונזערע האבען בעזעצט די גאסען, וואס פיהרען צו די בריקען, האט זיך דאס רעשט ביסעל פראנצויזען איבערגעגעבען. ווען די פראנצויזען פון אנדער זייט טייך האבען דאס בעמערקט, האבען זיי אויפגעריסען די בריקען; זיי האבען עס געטהאן, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס אויף די בריקען האבען זיך נאך געפונען זייערע אייגענע פראנצויזישע סאלדאטען, וועלכע האבען נאך געהאלטען אין אריבערגעהן.

די בריקען זיינען געפלויגען אין דער לופטען. דייטשע און פראַנצויזען האָבען זיך מיט אַ מורא׳דיגער געשווינדעקייט געדרעהט אין דער הויך; מענשען און אָפּגעריסענע קערפּער־טהיילען זיינען ארומגעפלויגען אין דער לופטען. פריינד און פיינד האָבען געפונען אין מאַאַס זייער נאַסען קבר.

איצט האָט מען שוין מיט אַ ביסעל רוהיגקייט געקאָנט ארומקוקען דעם אָרט פון דער בייגאַכטיגער שחיטה. טויטע און טויטע, יאָמער און עלענד און איבער אַלץ און אַלעמען און ארום אַלץ און אַלעמען העלע פלאַמען, אַ דיקער שטיקענ־דיגער רויך. אָבער מען איז שוין געוואָרען צו רויה, אז מען זאָל קענען פיהלען רחמנות.

די איינציגע געביידע, וואָס איז געבליבען גאַנץ אין דאָנ־שערי, איז געווען די קאַזאַרמע פון די פראַנצויזישע דראַגונער. אונז איז אָבער נעבליבען ניט פיעל צייט ארויסצושיקען ארום־זוכער און וועג פּאָרשער, ווייל זיעבען אין דער פריה האָט שוין די פראַנצויזישע ארטילעריע אָנגעהויבען צו וואַרפען אין דאָרף אַ גראַנאַט נאָך אַ גראַנאַט. מיר האָבען זיך פערפעסטיגט הינטער אַ דיקען מויער פון אַ גאָרטען דירעקט פאַר דעם מאַאַס. דער בריק איז דאָ געווען אַ פלאַכער, דער ברעג וואָס אנטקעגען איז פערקעהרט געווען הויך און גלייך אראָפּ, דאָרטען האָט זיך פערפעסטיגט די פראַנצויזישע אינפאַנטעריע, און אויף דעם אָפּהאַנג פון ברעג האָבען זיי געבילדעט דריי פעסטע פּאָזיציעס איינע איבער דער אנדערער, ווי עטאַזשען. דעם שונא׳ס אר־טילעריע האָט געשאָסען צו ווייט, זיינען מיר געשטאַנען אוי־סער דעם פייער; ער איז אריבער איבער אונז. מיר האָבען דער־ווייל געהאַט אַ געלעגענהייט צו זעהען די ווירקונג פון אונזער איינענער ארטילעריע, וועלכע האָט בעשאָסען די פיינדליכע פּאָזיציעס אויף דעם אָפּהאַנג פון ברעג ענטקעגען אונז. די איין־און־צוואַנציג צענטימעטער גראַנאַטען האָבען זיך מיט אַ פייף אויפגעהויבען איבער אונזערע קעפּ מיט אַ מורא׳דיגען רעש האָבען זיי געפּלאַצט און יעדען מאָל אָנגעמאַכט אַ שרעקליכען חורבן אין די פּאָזיציעס פון דעם שונא.

די פראַנצויזען האָבען ניט געקאָנט לאַנג אויסשטעהן אזא האַגעל פון גראַנאַטען. זיי האָבען אָפּגעטראָטען, איבערגעלאָזען אויף גאָט'ס בעראָט אַלע הויכע ערטער ביים מאַאַס. די שטאָדט סעדאַן האָבען זיי אויפגעגעבען אָהן קאַמפּף. און די שטאָדט איז דעריבער געבליעבען כמעט דורכאויס גאַנץ, ניט ווי דאָנ־שערי, וועלכע איז אין גאַנצען חורב געוואָרען. אין סעדאַן האָט קוים איין הויז געליטען. ווען מען האָט אין דאָנשערי געטרובעט זיך צו זאַמלען, האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז מיין באַטאַליאָן האָט אין דעם געפעכט פערלוירען 30 מאַן. מיר האָבען זיך צונויפגעקליבען הינטער דער הראַגונער קאַזאַרמע און אונזער באַטאַליאָן, אין וועלכען עס איצט שוין פערבליבען ניט מעהר ווי 90 מאַן, האָט בעקומען אַ בעפעהל צו געהן אין אַ פּלאַץ וועלכער איז אונז געווען אונבעקאַנט, און דאָרטען פּרופען בוי־ען אַ פּאַנטאָן־בריק איבער דעם מאַאַס. מען האָט אונז צוגעגע־בען 80 מאַן פון אַ צווייטען באַטאַליאָן און מיר זיינען אוועק צוטהיילט אויף קליינע גרופּעס, כדי דער פיינד פון יענער זייט זאָל אונז ניט בעמערקען. נאָך אַ שעה צייט מאַרשירען, האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קליינעם וועלדעל אומגעפעהר 200 מעטער ווייט פון מאַאַס; דאָרטען האָבען מיר זיך געקאָנט אויסרוהען ביז נאַכט.

אז עס איז געוואָרען פינסטער איז קווער איבער'ן פעלד גע־קומען צו פאָהרען דער בריקען־צוג פון דעוויזיע און באַלד נאָכדעם דער בריקען־צוג פון קאָרפּוס, אלס רעזערווו. נאָכדעם ווי מען האָט געמאַכט אַלע הכנות און די וויכטיגסטע צוגריי־טונגס־ארבייט איז געווען פאַרטיג, זיינען צוגעפאָהרען די איינ־צעלנע פּאַנטאָן־וועגען אָהן גערויש און אָהן געקלינג און בליץ־שנעל האָט מען פון זיי אראָפּגענומען די פּאַנטאָנס. מיר האָ־בען שוין געהאַט פיער פּאַנטאָנס, דאָס הייסט 20 מעטער בריק פאַרטיג, און דער געגנער האָט אונז נאָך ניט בעמערקט. פּלוצ־לונג האָבען אָנגעהויבען ארבייטען די פיינדליכע שיינוואַרפער (פּראָזשעקטאָרס) און זיי האָבען בעזוכט און בעטאַפּט מיט זייער ליכט די אומגעגענד פון טייך. מיר האָבען זיך אפילו

גלייך אויסגעצויגען אויף דער ערד, דאָך האָט אונז דער גענגער מסתמא בעמערקט, ווייל די שיינוואַרפער האָבען געזוכט אהין און אהער, און האָבען זיך ענדליך אָפגעשטעלט אויף דעם אָרט, וואו מיר האָבען אָנגעהויבען צו בויען די בריקען, און איהם אַ לענגערע צייט געהאַלטען אין לופט. מען האָט אונז ענטדעקט. מיר האָבען נאָך קיין צייט ניט געהאַט קלאָהר צו ווערען, וואָס דאָ קומט פאָר, ווי די פיינדליכע ארטילעריע האָט שוין אויסגעשאָסען לינקס און רעכטס פון אונז אין וואַ־סער. מיר זיינען נאָך אַלץ געלעגען אויסגעצויגען אויף דער ערד, ווען דער שונא האָט אונז ווידער צוגעשיקט פיער גראַנאַטען. דעם מאָל עטוואָס נעהנטער צום בריק און איין גראַנאַט אין ברעג.

באַלד שיסט מען צום דריטען מאָל. און צוויי גראַנאַטען טרעפען דירעקט אין בריק. איינינע פּיאָנירען פאַלען אין וואַ־סער, און צוויי ליגען טויט אויפ'ן בריק. די וואָס זיינען אריינגעפאַלען אין וואסער זיינען צוגעשווימען צום ברעג און זיינען אָבגעקומען נור מיט אַ קאַלטער באָד. נאָר איינער איז דערטרונקען געוואָרען.

VI

דער איבערגאַנג פון מע'ז

הגם דער פייער פון דער ארטילעריע האָט נאָך אַלץ אָנגע־האַלטען און ער איז געווען גאַנץ שטאַרק, האָבען מיר דאָך אונזערעביידע טויטע ארויסגעצויגען און געבראַכט אויף דער טריקעניש. דער בריק איז געווען שטאַרק צושעדיגט, און מיר האָבען קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, מיר האָבען געמוזט פערבייטען די צושאָסענע פּאַנטאָנס אויף נייע. (אַ פּאַנטאָן בריק הייסט אַ בריק אויף שיפלאָך אָדער פליטען. ער איז גע־דעקט מיט ברעטער און גראָבע לייַנוואַנד. אזא בריק ווערט איבערגעצויגען זעהר גיך. פּאַנטאָנס רופט מען די איינצעלנע שיפלעך אָדער פליטען פון אזא בריק.) נאָכדעם ווי דער אר־

טילעריע פייער איז געווארען עטוואס רוהיגער, האבען מיר צום צווייטען מאל אנגעהויבען דאס שווערע שטיקעל ארבייט אבער ווי נאר מיר האבען אנגעהויבען, האט ווידער א שאס געטראפען און שווער בעשעדיגט דעם בריק. צום גליק האט דעם מאל קיינער פון אונזערע מענשען ניט געליטען. איצט האבען מיר בעקומען א בעפעהל, זיך צוריק צו ציהען, כדי אין א קנאפע האלבע שעה ווידער אנצוהויבען פון דאס ניי.

די פיינדליכע שיין־ווארפער זיינען געווען אויסגעלאשען און מיר האבען אויף אזא אופן געקאנט ברענגען אין דער ליניע פון בריק אן ערך פון צעהן פאנטאנס. באלד אבער האט מען אונז ווידער בעשאסען מיט גראנאטען. די פיינדליכע פאטרו־לען האבען אונז בעמערקט. א היבש ביסעל באטערייען האבען גלייכצייטיג אויף אונז געעפענט א פייער און אין פערלויף פון צעהן מינוט איז פון אונזער גאנצער ארבייט געבליבען א חורבן פון זינקענדע פאנטאנס; צוועלף מענשען זיינען געפאלען טויט.

איצט האבען מיר בעקומען א בעפעהל זיך אפצורוקען. נאר אכט מאן זיינען פערבליבען צו בעהאלטען די טויטע און בעזארגען די פערוואונדעטע. די איבריגע האבען זיך געאיילט ארויסצוקומען פון דעם געפעהרליכען פלאץ. נאכדעם ווי מיר זיינען אפגעגאנגען אומגעפעהר צוויי קילאמעטער מיט'ן ברעג ארויף שטראם, האבען מיר זיך אפגעשטעלט און מיר האבען דערזעהן, אז דער בריקען צוג פון קארפוס איז שוין ווידער אויפ'ן פלאץ. מען האט אונז ערקלעהרט, אז מיר וועלען די איינציגע גלידער פון בריק פארטיג מאכען אויף דער טריקע־ניש. די גלידער פון בריק, יעדעס גליד צוויי פאנטאנס, פעסט צוזאמענגעבונדען, פערזארגט מיט אנקערס און אלע נויטיגע קלאפערגעצייג, זיינען פערטיג געמאכט געווארען אויף דער טריקעניש, און נאכדעם האט מען זיי אראפגעלאזען אין וואסער. מען האט אונז געזאגט דעם ארט, וואו דער בריק דארף געצויגען ווערען און מיר האבען מיט אלע כחות גערודערט אראפ שטראם צו דעם בעשטימטען ארט. דער געגנער האט פון אזא

שפּיצעל קיין בעגריף ניט געהאַט. האָט ער אונז געלאָזען ניט בעלויכטעט, און גיך, איינער נאָך דעם אַנדערען, האָבען אַלע גלידער דערגרייכט דעם אָרט, וואו דער בריק האָט געזאָלט גע־צווינגען ווערען. אין מורא'דיגער איילעניש זיינען די איינצעלנע גלידער אָנגעפּאָהרען און מען האָט זיי פערבונדען איינס מיט דעם אַנדערען. אין קנאַפּע צוואַנציג מינוט איז אַלץ געווען ווי עס איז אין אָרדנונג, און די אינפאַנטעריע האָט זיך אַ לאָז גע־טהאָן איבער'ן בריק, וועלכער איז געווען בעדעקט מיט שטרוי, כדי דער גערויש פון די טריט זאָל זיך שוואַכער הערען.

אין דער זעלבער צייט האָבען די דייטשען אָנגעהויבען אריבערגעהן דעם טייך אין אַנדערע שטעלען אויך, אַלץ דורך פּאָנטאָנס, און איידער די פראנצויזען האָבען זיך געקאָנט אָפּ־געבען אַ רעכנונג, וואָס דאָ איז אייגענטליך פּאָרגעקומען, איז דער ברעג פון אַנדער זייט געווען בעזעצט פון אונזערע טרופּען. מיר האָבען איהם באַלד געהאַלטען פעסט אין אונזערע הענד.

דאָ האָט די פראנצויזישע אַרטילעריע צוזאַמען מיט דער אינפאַנטעריע געעפענט אַ ווילדען פייער אויף די פּאָנ־טאָנס, וועלכע האָבען נאָך געהאַלטען אין אריבערשווימען. מיר, פּיאָנירען, וועלכע האָבען געהאַלטען בעזעצט די איינצעלנע פּאָנטאָנס פון בריק, זיינען דאָס רוב אוועק און אונזער אָרט האָט פערנומען אינפאַנטעריע; אונז האָט מען אוועקגעזעצט אַלס רודערער אויף די פּאָנטאָנס, וועלכע האָבען נאָך געהאַל־טען אין אריבערשווימען. איך האָב זיך געזעצט אויף איין פּאָנטאָן, אַלס שטורמאַן און מיט פיער מאַן ביים רודער און אכצעהן אינפאַנטעריסטען, האָבען מיר אָנגעהויבען אונזער ער־שטען אריבערפאָהר אונטער אַן אמת'ן העלישען פייער פון דעם שונא'ס אַרטילעריע. גליקליך, נאָר מיט איין לייכט פער־וואונדעטען פּיאָניר, האָבען מיר דערגרייכט דעם ברעג. איך האָב פערנומען דעם אָרט פונ'ם פערוואונדעטען ביים רודער און ער האָט אָנשטאָט מיר געקירעוועט. צוריק פאָהרענדיג איז אונזער פּאָנטאָן געטראָפען געוואָרען פון אייניגע אינפאַנטעריע קוילען, אָבער צום גליק נאָר העכער פון דער וואַסער־ליניע.

לינקס און רעכטס זיינען געפאָהרען די פּאָנטאָנס. איינינע פון זיי אין א זינקענדען צושטאנד.

די פיאָנירען, וועלכע האָבען אלע געקאָנט שווימען, האָבען זיך נעפּרופט דערלאנגען דעם ברעג און זיי האָבען איינפאך געשפּרונגען אין וואסער. די אינפאנטעריסטען אָבער זיינען דערטרונקען געוואָרען מאסענווייז. נאָך דעם ווי מיר זיינען צוגעקומען צום ברעג און האָבען בעזעצט א נייעם פּאָנטאָן, האָבען מיר זיך ווידער אָפּגעשטופּט און ציהענדיג דעם רודער מיט איבערמענשליכע קרעפטען, האָבען מיר געמאכט די רייזע צום צווייטען מאָל. דעם מאָל זיינען מיר צוגעקומען צום אנדער זייט מיט איין פערוואונדעטען און צוויי טויטע אינפאנטעריסטען. מיר האָבען נאָך ניט דערגרייכט דעם ברעג, האָבען שוין אלע אינפאנטעריסטען ארייגעשפּרונגען אין וואסער, וועלכע איז דאָרטען ביים ברעג פלאך און זיי האָבען געבראָדזשעט צו דער טריקעניש. מיט די צוויי טויטע אויפ'ן פּאָנטאָן, האָבען מיר זיך אויסגעקירעוועט צוריק צו פאָהרען; פון לאַנגען שטארקען רודערען האָבען די הענד שרעקליך וועה געטהאָן, זיי זיינען באלד בעדעקט געוואָרען מיט מאָזאָלעס, מיט פענכערס פון בלוט און וואסער. מיר האָבען אָבער געמוזט רודערען, מע־נען די הענד ווי געשוואָלען זיין, מעג דער וועהטאָג זיין ווי גרויס. קיין רוה איז איצט ניטאָ.

מיר זיינען אין גאנצען געווען צוואנציג מעטער ווייט פון ברעג, ווען אונזער פּאָנטאָן איז געטראָפען געוואָרען פון א סך אינפאנטעריע קוילען, אלץ נידרינער פאר דער וואסער־ליניע. ווען די קויל געהט אריין אין פאָנטאָן לאָזט זי איבער א לעכעל נאָר אזוי גרויס, ווי די קויל גופא. ווען די קויל געהט אָבער ארויס פון דער אנדער זייט, איז שוין די עפענונג אזוי גרויס, ווי א האנד, ווי א טעלער. אונזער פּאָנטאָן האָט דעריבער אָנ־געהויבען אויפ'ן שטעל צו זינקען; אונז פיאָנירען איז ווידער געבליבען נור איינס, שפּרינגען אין אייז־קאלטע וואסער אריין. און ווי נאָר מיר האָבען דעם באָאָט פערלאָזען, איז ער גלייך גע־זונקען. מיר האָבען אָבער אלע דערגרייכט דעם ברעג. מיר זיי־

נען נעראַטעוועט — אָבער נאָר אויף איין אוינענבליק. ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס אונזערע קליידער זיינען געווען נאַס, האָבען מיר גלייך געמוזט בעזעצען אַ נייעם באָאַט, און נאָך ניט רעכט דעם אָטעם נעכאַפּט, האָבען אונזערע צעוואונדער־טע הענד ווידער געפיהרט דעם רודער.

מיר האָבען קוים דערגרייכט די העלפט פון טייך, ווי מיר האָבען זיך צוזאַמענגעשטויסען מיט אַן אַנדער באָאַט. דער אַנ־דער באָאַט, וועלכער האָט פערלאָרען דעם שטורמאַן און צוויי רודערלייט, האָט אונז אַזאַ שטויס געטהאָן, אַז אונזער פּאָנטאָן האָט זיך כהרף־עין אַ קעהר געטאָן אויף אַ זייט און 18 אינ־פאַנטעריסטען מיט איין פּיאָניר זיינען אריינגעפאַלען אין טיע־פען וואַסער. מיר האָבען זיך זאַלבעפערט געראַטעוועט אויפ'ן אַנדערען פּאָנטאָן און אין נאַנצען דורכגענעצטע האבען מיר געקערעוועט צום לינקען ברעג. ווי נור מיר זיינען צוגעקומען צום ברעג, האָבען מיר גלייך בעקומען אַ בעפעהל איבערצו־פיהרען אַ פּאָנטאָן אָנגעלאָדען מיט אַמוניציע, און דאָס לוס־טיגע שפּיעל האָט זיך אָנגעהויבען פון דאָס ניי. נאָך פינף מאָל האָבען מיר אַזוי דורנעשניטען דעם טייך מאָאָס.

דערווייל איז געוואָרען טאָג. אויף יענער זייט האָט זיך ענטוויקעלט אַ פורכטבארער קאַמפף צווישען די נור וואָס אריבערגעקומענע דייטשע מיליטער מיט די פראַנצויזען. די דייטשען האָבען גהאט די אויבערהאַנד צוליעב דעם, וואָס איצט, פון נאָהענטען, האָט זיי די פראַנצויזישע ארטילעריע שוין מעהר ניט נעקאָנט בעשיסען.

מיר האָבען בעקומען אַ קורצע צייט אויף אויסרוהען, און אין גאַנצען דורכגענעצטע זיינען מיר געלעגען אין אַן אַלטען טרענטש, און אונזער גאַנצער לייב האָט געציטערט פאַר קעלט. די הענד זיינען געווען געשוואָלען, צוויי מאָל אַזוי דיק, ווי גע־וועהנליך. זיי האָבען אַזוי שטאַרק וועה געטהאָן, אַז מיר האָבען אַפּילו די פעלד־פלאַש צום מויל ניט געקאָנט צוטראָגען. עס איז געווען אַ שרעקליכער אָנבליק, ווי מיר יונגע, שטאַרקע לייט, זיינען געלעגען אויף דער ערד הילפלאָז און צובראָכען ...

VII

נאָכיאָגענדיג זיך נאָך דעם פיינד

נאָך א קורצען אָפּרוהען, האָט מען אונז קאָמאַנדירט צו געהן איבער די ברענענדע הייזער אָפּזוכען פערוואונדעטע. אָבער מיר האָבען ניט פיעל געפונען, ווייל דאָס רוב שווער פערוואונדעטע, וועלכע האָבען אליין ניט געקאָנט ארויסקומען אויף א זיכערען אָרט, זיינען פשוט פערברענט געוואָרען, און נור די קנעפּ פון די מונדירען, און די וואפען וואָס זיינען איבערגעבליבען פון די אומגליקליכע, האָבען געלאָזט מערקען, פאר וועלכען „פאטערלאַנד" זיי האָבען דעם שרעקליכען פייער־טויט געליטען. ביי פיעלע אָבער האָט מען אפילו ניט געקאָנט פעסט שטעלען די נאציאָן, צו וועלכער זיי האָבען געהערט. א הייפעל אש, א חורבה פון א הויז — דאָס איז אלץ, וואָס איז געבליבען פון גאנצע פאמיליען, פון גאנצע גאסען אפילו. נור דאָס רוב ווינקעלערען, וועלכע זיינען געווען פערזאָרגט מיט א פעסט געמויערטען געוועלב פון אויבען, זיינען געבליבען שטעהן נעגען פייער. און דער גליהענד הייסער וויין אין די פלאַשען און פעסער איז איצט געווען זעהר א געוואונשטע לאָבונג פאר אונזערע סאָלדאטען, וועלכע זיינען געווען דורכ־גענעצט ביז צום הויט און דורכגעפראָרען אין גאנצען לייב. מיט געפאהר פאר'ן לעבען, ווייל פיעלע קעלערען האָבען גע־קאָנט איינפאלען, האָבען די סאָלדאָטען ארויסבעקומען דעם וויין און געטרונקען דורשטיג, הייס, ווי ער איז געווען. און ווי אָפט אין דער לעצטער צייט, האָט דעם מאָל אויך געטראָ־פען. נאָכדעם, ווי דער הייסער וויין האָט אָנגעהויבען צו וויר־קען, נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך געפיהלט פרישער אין קער־פּער און מונטערער אין גייסט, האָט זיך באַלד ארויסגעוויזען די גראָבקייט און רויהקייט, וועלכע איז פאר דער צייט פון קריעג ביי אונז געוואָרען א צווייטע נאטור, ארויסגעוויזען אויף א מיאוסען אופן. דאָס רוב פון אונז האָבען זיך בענומען אזוי

פונקט ווי זיי וואָלטען אין די אונערהערטע ליידען פון די לעצ־
טע שטונדען גאָר קיין אַנטהייל ניט גענומען, ווי זיי וואָלטען
ניט געהאַט פאַר די אויגען די שוידערליכע רעזולטאַטען פונ׳ם
פורכטבאַרען מאָרד.

דער דרך־ארץ צו טויטע, ווי די מוטער האָט אונז שוין
אין דער פריהסטער קינדהייט געלערנט, דער נאַטירליכער
שוידער, מיט וועלכען מיר דורכשניטס־מענשען געהען פאַרביי
אונזערע פערשטאָרבענע, דאָס אלץ איז מעהר ניט געווען צו
בעמערקען. מיין פעדער וואָלט מיר ניט דיענען, ווען איך זאָל
וועלען איבערגעבען די אויסדריקען, בעשרייבען די בעוועגונגען
מיט די הענד, וועלכע סאָלדאַטען און אָפיצירען האָבען זיך
ערלויבט, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט צו דערקענען, צו וועל־
כער נאַציאָן דער טויטער האָט געהערט, און צו איז דאָס גע־
ווען אַ מאַן אָדער אַ פרוי. די פערהעלטניסען זיינען געווען
שטאַרקער פאַר אונז מענשען; און איך האָב זיך ווידער אי־
בערגעלעגט, אז עס איז דאָך גאַנץ נאַטירליך, ווען נאָך אַ טאָג
מאָרדען, פערשווינדען אלע מענשליכע געפיהלען און נאָר דער
געפיהל פון זעלבסטערהאַלטונג בלייבט אין זיין גאַנצער שטאַר־
קייט.

דערווייל האָט דער געפעכט צווישען די אריבערגעקומענע
דייטשען מיט די פראַנצויזען אויף יענער זייט מאַאַס, דער־
גרייכט זיין העכסטען פונקט. אונזער מיליטער האָט געליטען
גרויסע פערלוסטען. איצט האָט עס געהאַלטען ביי אונז. ביז
אהער האָט די דייטשע ארטילעריע בעשאָסען די פיינדליכע
שטעלונגען מיט אַן אונערהערטער העפטיגקייט. איצט האָט זיך
אָנגעהויבען אַ שטורם. די ארטילעריע איז ענטשווינגען געוואָרען
און מיט שטורם־שריט האָבען מיר געפרופט נעהמען דעם אָפּ־
האַנג פון באַרג צו די פיינדליכע שטעלונגען. ביז אויף צוויי
הונדערט מעטער האָבען מיר געקאָנט צוקומען; דאָ אָבער האָבען
די פראַנצויזישע מאַשין־געוועהר אָנגעהויבען צו ארבייטען,
און מיר זיינען צוריק געטריבען געוואָרען מיט בעדייטענדע

פערלוסטען. צעהן מינוטען שפעטער האָבע מיר צום צווייטען מאָל געשטורעמט, און פונקט ווי פריהער האָבען מיר זיך געמוזט אומקעהרען צוריק מיט גרויסע פערלוסטען. מיר האָבען ווידער גענומען א שטעלונג אין אונזערע טרענטשעס, אָבער עס האָט אויסגעזעהען, אז יעדער מוט צום קאמפף האָט אונז פערלאָזען. טעמפ האָט יעדערער נעקוקט פאר זיך. דעם מוט פערלירען האָט מען דאָך ניט געדארפט, הגם די קרבנות פון אונזערע נוצלאָזע שטורעם־אָנגריפען האָבען בעדעקט דאָס פעלד און מיר האָבען נאָכאנאנד געהאט פאר די אויגען די טויטע קאמעראדען.

די ארטילעריע האָט ווידער אָנגעהויבען צו ארבייטען. עס זיינען אָנגעקומען נייע פערשטארקונגען. נאָך א האלבע שעה האָבען מיר געשטורעמט א דריטען מאָל איבער די טויטע קערפערס פון אונזערע געפאלענע חברים. דעם מאָל זיינען מיר געגאנגען פאָרווערטס שפרינגענדיג. ווען מיר האָבען אומגעפעהר 20 מעטער פאר דעם פיינדליכען גראָבען זיך אָפגעשטעלט צום לעצטען מאָל, האָט דער געגנער צוגענומען די גאנצע ערשטע ליניע זיינע. און מיר האָבען באלד בעמערקט, אז די דייטשען געהען פאָרווערטס איבער דער גאנצער ליניע. די רעטעניש פון אזאַ אונערווארטעטען אָפטרעטען, האָבען מיר ערשט שפעטער געטראָפען: די הויפט־טיילען פון דער פראנצויזישער ארמעע האָבען שוין לאנג געהאלטען אין אָפטרעטען; דאָ האָט זיך געהאנדעלט נור אום א מאנעווער, צו דעקען דעם ריק־צוג, און דער דאָזיגער מאנעווער פון די פראנצויזען האָט אונז זעהר טייער געקאָסט.

אין דער נעקסטער שטונדע האָט דער געגנער אין גאנצען אָפגעראמט די הויכע ערטער ביים מאאס. ווען מיר האָבען דערגרייכט דעם העכסטען פונקט פון די פערלאָזענע פראנצויזישע פאָזיציעס, האָבען מיר דערזעהען א שוידערהאפטען בילד. די וועגען, וועלכע דער געגנער האָט בענוצט פאר זיין ריק־צוג, האָבען מיר געקאָנט לייכט ארומקוקען. די פראנצויזען האָבען אָפגעטראָטען אין געדיכטע מארש־קאָלאָנען. די שווערסטע קאנאָנען, וואָס מיר האָבען דאָ געהאט מיט זיך (די איין־און

צוואַנציג צענטימעטער) האָבען גענומען די אָפּציהענדע קאָלאָ־נען אונטער פייער. א גראַנאַט נאָך א גראַנאַט, איז געפאַלען אין די פראַנצויזישע אינפאַנטעריע און אין אַנדערע טיילען פון זייער מיליטער. הונדערטער פראַנצויזישע סאָלדאַטען זיי־נען בוכשטעבליך צוריסען געוואָרען אויף שטיקער. מען האָט גע־זעהען ווי גאַנצע קערפּער און טהיילען פון קערפּער זיינען גע־פלויגען אין דער לופטען און, ארונטערגעפאַלען, זיינען זיי גע־בליבען הענגען אויף די בוימער ביי די זייטען פון וועג...

מיר, פּיאָנירען, האָבען בעקומען א בעפעל אָבצורייניגען דעם וועג פון טויטע און פערוואונדעטע, כדי אונזער מיליטער זאָל קענען פריי פערפאָלגען דעם פיינד. אין היץ איז דאָס געווען מורא'דיג שווער. צוויי מענשען נעמען א טויטען, איינער פאַר'ן קאָפּ, דער אנדערער פאַר די פיס, און א שליידער אין גראָבען ביים זייט וועג. טויטע מענשליכע קערפּער האָבען מיר בעהאַנ־דעלט פּונקט ווי א ברעט ביים בויען א בריק. אויסגעריסענע הענט און פיס האָט מען אויך געשליידערט אין גראָבען.

בעת אין די ערשטע חדשים פון קריעג האָט א סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דעפּוטאַט ערקלערט, אז ער טרעט אריין פריי־וויליג אין דער ארמיי, כדי אכטונג צו געבען, אז אויפ'ן שלאַכט־פעלד זאָל הערשען וואָס מעהר מענשליכקייט, האָבען פיעלע פון אונז דערפון געלאַכט און די שאַרפסטע וויצען אויף זיין חשבון האָט מען ביי אונז אין באַטאַליאָן געקענט הערען. דוקא פון גענאָסען. ווייל מיר זיינען אלע געווען זיכער, אז אָט דער „מענשליכער" פאָלקס־פערטרעטער מוז זיין אָדער שוין צו נאַ־איוו, אָדער ניט אויפריכטיג...

מיר האָבען אויך געדאַרפט אָברייניגען פון וועג די טויטע פערד און צושאָסענע באַטערעען. האָבען צו טאָן מיט נבלות פון פערד איז געווען איבער אונזערע כחות. האָבען מיר געפונען א מיטעל, ווי דאָס צו טאָן ניט מיט איינענע הענט. מיר האָבען געכאַפּט לעבעדיגע פערד, וועלכע זיינען ארומגעלאָפען אָהן א בעל־הבית ; פערוואָרפען א פעטליע איבער א פוס פון א נבלה, פערצווינען, צוגעבונדען צום שטריק א לעבעדיגען פערד, ער

זאָל עס אָבפיהרען אָן א זייט. די אָבגעריסענע גלידער, וואָס זיינען געהאנגען אויף די בוימער, האָט מען געלאָזען הענגען. דעם וועג האָבען זיי דאָך ניט געשטערט. די פעלד־פלאַשען אין די טורניסטער פון די טויטע האָבען מיר גוט דורכגעזוכט, און אויב מען האָט דאָרטען געפונען עפּעס צום עסען אָדער צו טרינקען, האָט מען עס גלייך פערצעהרט מיט'ן גרעסטען אפעטיט.

הונגער און דורשט ווילען פון סענטימענטאַליטעט ניט וויסען.

ווייטער איז דער וועג געווען געדיכט בעדעקט מיט געוועהר, וואָס דער שונא האָט אוועקגעוואָרפען לויפענדיג. מאַסען פראַנצויזען זיינען געשטאָרבען פון היץ־שלאַג, זיינען זיי אויך געבליבען ליגען אין מיטען וועג. אַנדערע ווידער האָבען זיך צו־געשלעפּט צום פעלד בייביידע זייטען וועג און זיי האָבען דאָר־טען געוואַרט אויף הילף אָדער טויט. מיר האָבען זיי אָבער ניט געקאָנט העלפען. מיר האָבען זיך קוים אליין געהאַלטען אויף די פיס. נאָר ווען מיר זאָלען אפילו קאָנען העלפען, האָבען מיר עס ניט געטאָרט. מיר האָבען דאָך בעקומען א בעפעל: פאָר־ווערטס!

דאָ האָב איך ביי א סך סאָלדאַטען בעמערקט א זאַך, וואָס איז מיר נאָר פריהער אויפ'ן זינען ניט ארויף: קנאה. פּיעלע חברים מיינע האָבען מקנא געווען די טויטע סאָלדאַטען און האָבען זיך געוואונשען צו זיין אויף זייער אָרט, עס זאָל שוין נעמען א סוף צו די יסורים. און דאָך האָבען מיר אַלע מורא געהאַט פאַר'ן שטאַרבען. מיר האָבען אַלע אָפט געגאַרט דעם טויט. אָבער פאַר שטאַרבען וואָס געדויערט שעה'ן לאַנג, ווי געוועהנליך אויפ'ן שלאַכטפעלד, וואו די פערוואונדעטע, פער־לאָזענע סאָלדאַטען שטאַרבען שטיקערווייז, פאַר דעם האָט אונז געגרוילט. איך האָב געזעהן הונדערטער מענשען שטאַרבען אין פולער יוגענד־בליהונג, אָבער צווישען זיי אַלעמען האָב איך ניט געפונען קיין איינציגען, וואָס זאָל שטאַרבען גערן. א יונ־גען פיאָניר פון קעלן, קעלנער האָט ער געהייסען, האָט א שטי־

קעל גראנאט דעם נאנצען בויך אויפגעריסען, אזוי אז די אינ־
געווייד איז אראָבגעהאנגען צו דער ערד. אין שרעקליכע יסורים,
אין משוגענע שמערצען האָט ער מיך געבעטען, איך זאָל איהם
פערזיכערען, אז ער וועט ניט שטארבען. איך האָב איהם נאַ־
טירליך פערזיכערט, אז זיין וואונד איז דורכאוים ניט אזא
שווערע, אז דער דאָקטאָר וועט באלד קומען און איהם העלפען.
איך בין ניט קיין דאָקטאָר און מיט בעהאנדלען קראנקע האָב
איך פריהער ניט געהאט צו טאָן. פונדעסטוועגען איז מיר גע־
ווען קלאָר, אז דער אומגליקליכער האָט נאָך צו לעבען נאָר א
פאָר שמערצליכע שטונדען. איהם האָבען אָבער מיינע ווערטער
געבראכט בערוהיגונג. אין צעהן מינוט שפעטער איז ער געווען
טויט.

מיר האָבען געמוזט געהן ווייטער און ווייטער. דער הויפּט־
מאַן האָט אונז מיטגעטיילט, אז מיר האָבען בעקומען א בעפעל
צו פערפאָלגען דעם פיינד אזוי הארטנעקיג, ווי מעגליך. דער
גאנצער באטאליאָן האָט אָנגעהויבען מורמלען. נאָכדעם, ווי
מיר זיינען טאָג און נאכט געווען אויף די פיס, געמאָרדעט, ווי
בארבארען, ניט געהאט ניט קיין געלעגענהייט, ניט קיין מעגליכ־
קייט צו עסען אָדער צו רוהען, פערלאנגט מען איצט פון אונז,
אויסגעזויגענע מענשען, מיר זאָלען הארטנעקיג פערפאָלגען דעם
פיינד. דער הויפּטמאַן האָט פערשטאנען אונזערע געפיהלען
און ער האָט אונז געפּרואווט בערוהיגען מיט פריינדליכע רייד.

צוליעב מאנגעל אין בריקען האָט די קאוואלעריע נאָך ניט
געקענט אריבער דעם מאאס. די פערפאָלגונג האָט דערווייל
געמוזט דורכגעפיהרט ווערען פון פוסגעהער און קליינע אָבטיי־
לונגען ארטילעריע. מיר האָבען דארום געמוזט אויף יעדען פאַל
געהן פאָרווערטס, צום וועניגסטען אזוי לאנג ביז די קאוואלע־
ריע און די מאשינען־געוועהר־אָבטיילונגען וועלען ווייטער, אראָב
שטראָם, אריבערגעהן די בריקען. אין געגענד פון סאָמפּי האָט
א טייל פראנצויזישע מיליטער ווידער געמאכט פראָנט. מיר
האָבען קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי זיך צו בעפעסטיגען
אויף דער פּאָזיציע אזוי גוט ווי מעגליך. מיר האָבען זיך לייכט

איינגעגראָבען, לינקס, רעכט און פאַר די באַטעריען אין א טרענטש מיט טענענהאָלץ בעפעסטיגט, א האלבען וואוקס פון א מענשען די הויך. די מאַשינען־געוועהר האָט מען איינגע־בויט, אוועקגעלעגט א סך אַמוניציע, עס זאָל זיין צו דער האַנד. מיר האָבען נאָך ניט געענדיגט אַלע הכנות, און אונזערע גראַ־נאַטען האָבען זיך שוין געטראָגען איבער אונזערע קעפּ אין די רייהען פון שונא. די בעפעסטיגונג פון טענענהאָלץ האָט אונז פערבאָרגען פונ׳ם פיינד; אָבער א װעלדעל, וואָס האָט זיך גע־פונען אומגעפעהר 500 מעטער פאַר אונז, האָט אונז פערשטעלט יעדען ווייטערען אויסזיכט.

מיר האָבען איצט בעקומען אינסטרוקציעס, ווי זיך צו האַל־טען אויב דער שונא וועט מאַכען א רייטער־אַנגריף. אַן אַלטער גרייז־גרויער מאַיאָר פון אינפאַנטעריע האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע. אונז פּיאָנירען האָט מען פערטיילט צווישען דער אינפאַנטעריע. זיי האַלטען אַפּנים, אַז פערטיידיגען דאָס פאָ־טערלאַנד דאַרפען נאָר די פּשוט׳ע סאָלדאַטען. אַזוי ווי די „העררען" האָבען נאָר איין אַרבייט — צו קאָמאַנדירען, און מיר זיינען פאַר דער איצטיגער אונטערנעמונג געשטעלט געוואָרען אונטער אינפאַנטעריע־אָפיציערען. זיינען אונזערע שטענדיגע קאָמאַנדירען געוואָרען איבריג און זיי האָבען זיך אָבגעטראָגען אויף „פראַנצויז"...

אונזער אינסטרוקציע איז געווען: ביי אַן אַנגריף פון קאַ־וואַלעריע מוז אַלץ בלייבען רוהיג, די געוועהר גרייט האַלטען, און קיינער זאָל זיך ניט אַרויסרוקען, ניט לאָזען זעהן! ניט עפענען דעם פייער, איידער א מאַשין־געוועהר, איבער וועלכע דער מאַיאָר אַליין קאָמאַנדעוועט, וועט צוערשט אָנהויבען אַר־בייטען, נאָכדעם אָבער א לעבעדיגער שנעל־פייער.

אונזערע באַטאַרעען האָבען זעהר העפטיג געפייערט; דעם ציעל האָט געוויזען א גרויסען לופט־באַלאָן, וועלכער האָט זיך געדרעהט אין דער הויך, אויסגעקוקט די פיינדליכע פּאָזיציעס און דורך פייער־ראַקעטען געגעבען סיגנאַלען, וואָס זיינען גע־ווען פערשטענדליך נאָר פאַר די, מיט וועמען מען האָט זיך פריי־

הער צוזאמענגערעדט. אזוי איז עס אין א היינטיגען קריעג. דער ארטילעריסט איז ווי א בלינדער, ער ווייס ניט, וואו זיין גראנאט וועט טרעפען. דאָס אויג פון קאנאָן געפינט זיך ער־גענץ וואו אין דער הויך פון א לופט־שיף.

עס איז אריבער איין פערטעל שעה נאָך דער אנדערער, און מיר האָבען שוין כמעט געגלויבט, אז דעם מאָל האָבען מיר גע־שפּיעלט מיט גליק און זיינען געבליבען אויסערען פייער. פּלוצ־לונג איז געוואָרען לעבעדיגער. איינער טוט א שטילען שטויס דעם צווייטען, און אַלע בליקען ווענדען זיך אויף דעם ברעג וועלדעל, 500 מעטער ווייט פון אונז. פוןביידע זייטען וועל־דעל טראָגט זיך א גרויסע מאסע רייטער, פאר דעם וועלדעל פעראייניגען זיי זיך אין איין מחנה און לאָזען זיך לויפען צו אונז. אין א ווילדען גאלאָפּ קומט דער גרויסער לעבעדיגער קנויל צו נאָהענט צו אונזער ליניע. איך האָב ניט ווילענדיג א קוק געטאָן אהינטער און האָב בעמערקט, אז אונזער ארטילע־ריע האָט אין גאנצען אָבגעשטעלט דעם פייער און די ארטילע־ריסטען שטעלען אָן זייערע קאראבינען צו פערטיידיגען די קאנאָנען.

אָבער דער אומגליק קומט צו נאָהענט ניכער, ווי איך קאָן עס דערצעהלען. ניט ווימענדיג וואָס איך טו, האָב איך בע־טאַפּט מיין קערפּער אין א פונקט, וואו א פערד האָט מיר אמאָל געטראָפען מיט דער קאָפּיטע. און זיי קומען צו אַלץ נעהנטער, מיט א ווילדער שנעליגקייט. מען זעהט די קאָפּיטעס פון די פערד, וועלכע בעריהרען קוים די ערד און עס ווייזט אוים, ווי זיי פליהען אריבער די פּאָר הונדערט מעטער; מיר דערקענען די רייטער אין זייערע שווערע מונדירען, אונז דוכט זיך אפילו, אז מיר דערקענען די אויפגערעגטע פּנים'ער פון די קאוואַלעריסטען, וועלכע ווארטען, אז פּלוצלונג זאָל אויף זיי פּאַלען א האָגעל מיט קוילען. זיי זיינען שוין 350 מעטער פון אונז, דער שווערער שנאָרכען פון די פערד הערט זיך אַלץ דייטליכער, אָבער מיר הערען נאָך אַלץ ניט דעם פייער פון דעם מאַיאָר'ס מאשינען־געווער. דריי הונדערט מעטער, צוויי

הונדערט פופציג — דער וואס ליגט נעבען מיר טוט מיר גראב א שטויס אין די ריפען: „איז דער אלטער מאסען־מערדער (אז ער מיינט דעם מאיאר, איז ביי מיר אפילו אין רגע קיין ספק ניט געווען) משוגע געווארען; איצטער געהען מיר צום טייפעל, זיכער, ווי דער טויט!" איך גיב אבער קיין אכט ניט אויף זיינע רעד, יעדער נערוו אין מיר האמערט, קראמפהאפט האלט איך אומגעקלאמערט מיין געוועהר און קוק גלייך אנטקעגען דעם אומגליק. צוויי הונדערט מעטער — גארנישט! איז דער אלטער בלינד אדער — ? הונדערט אכציג מעטער, איך פיהל ווי א קאלטער שוויים רינט פון מיין רוקען, איך ציטער, ווי מיין לעצטע מינוט וואלט געקומען. הונדערט פופציג... דער, וואס נעבען מיר, לעגט זיך פעסט אן אויף מיר. די לאנגע ווערט וואס א מינוט אונערטרעגליכער. הונדערט דרייסיג און עס הויבט זיך א העלישער ליארם. נררררר... אן אונגעהויערער האגעל פון קוילען בעשיט די אנגרייפער און אין זייער געדיכטע מאסע טרעפט כמעט יעדע קויל.

די ערשטע רייהען ווערען אבגעקאסעט. פערד און רייטער פאלען צוזאמען און בילדען א וואל פאר די וואס קומען איצט ווילד אנגעלאפען; זיי שטורמען ארויף אויף דעם דאזיגען פלייש־וואל און דארטען ווערען זיי צושמעטערט פון דעם שרעקליכען פייעריגען האגעל. „ווייטער פייערן!" הערט זיך די קאמאנדע, וועלכע איז איצט אין גאנצען איבריג: „לעבעדיגער, אליץ לעבעדיגער!" שנעלער און פערניכטענדער ווערט געפיהרט די מערדערישע ארבייט. אין די לעבעדיגע הויפענס, וועלכע קעמפפען מיט׳ן טויט ווערען געווארפען הונדערט־פאכיגע שאסען. יעדע סעקונדע פאלען הונדערטער. קוים הונדערט מעטער פאר אונז ליגען זעקס הונדערט מענשען און פערד, איבעראנאנדער, נעבענאנאנדער, אן א זייט און אין אלערליי פאזעס, וועלכע מען קאן זיך נאר פארשטעלען. וואס עס איז מיט פינף מינוט צוריק נאך געווען א בילד פון קראפט, מעכטיגע רייטער, לעבענספריידיגע יונגענד, דאס איז איצט א בלוטיגער עלענדער קנויל אהן א פארמע.

עס איז דאָך בעקאַנט, אַז אַ סאָלדאַט ווייס ניט קיין אנגסט, קיין מורא: ער האָט מורא, העכסטענס, פאַר גאָט; חוץ איהם, ניט פאַר קיינעם אין דער וועלט... און דאָך איז עס געווען אנגסט, גאַנץ געמיינע, נידריגע אנגסט, וואָס מיר האָבען מיט פינף מינוט צוריק געפיהלט. פונקט אזוי ווי די פראַנצויזען, אָדער ענגלענדער, אָדער טערקען. און ווער עס זאָגט פערקערט, ווער עס זינגט דעם שיר השירים פון טאַפּפערקייט, פון פורכטלאָזען קאַמפּפלוסט, יענער איז ענטוועדער גאָר קיינמאָל אין קריעג ניט געווען אָדער ער איז אַ געמיינער ליגנער און אַ צבועק.

פאַרוואָס פרעהען מיר זיך און מאַכען וויצען? ווייל זיי האָבען דעם מאָל פערלוירען דעם לעבען, ניט מיר. ווייל עס איז געגאַנגען אויף לעבען און טויט — זיי אָדער מיר. מיר האָבען אַ רעכט זיך צו פרעהען און אַלע סענטימענטען שיקען צום טייפעל. צוליעב וואָס דען זיינען מיר סאָלדאַטען?

VIII

כמעט בעגראָבען לעבעדיגערהייט אויף'ן שלאַכטפעלד

דער אַרטילעריע־קאָמאַנדיר לויפט צו צום אינפאַנטעריע־מאַיאָר און דאַנקט און גראַטולירט.

מיר יאָגען זיך נאָך דעם רעשטעל פון שונא, וועלכער איז אויף אונז אָנגעפאַלען. ער איז פאָלשטענדיג געשלאָגען און אַנטלויפט. די מאַשין־ביקסען האַלטען איהם אונטער אַ שאַרפען פייער. וואָסערע צוויי הונדערט זייערע האָבען זיך געראַטעוועט און טראָגען זי דאָרט אַלע זייטען. די אַרטילעריע נעמט אי־בער דאָס פייער און מיר נעמען זיך אויפקלייבען די פערוואונ־דעטע פון שונא. דאָס איז גאָר ניט געווען קיין לייכטע אַרבייט, וואָרים עס איז אויסגעקומען אַרויסצושלעפּען די פערוואונדעטע פון אונטער בערג מיט פערד, וואָס האָבען טיילווייז נאָך גע־לעבט. זיי האָבען ווילד געבריקעוועט אַרום זיך, און ווען זיי

פלעגט זיך איינגעבען אַרויסצורייסען זיך, פלעגען זיי זיך אַוועקלאָזען אין אַ משונה'דיגען גאַלאָפּ, ווי שווער זייערע וואונדען זיינען ניט געווען. און ניט איין פערוואונדעטער פון דעם שונא'ס סאָלדאַטען, וועמען מען וואָלט נאָך געקאָנט העלפען, איז צו'מזיק'ט געוואָרען אויף טויט דורך די קאָפּיטעס פון די פערד.

יעדער פון אונז האָט מיט זיך באַנדאַזשען און מיר האָבען זיך אַ נעם געטאָן צו געבען די פערוואונדעטע די ערשטע פאַרלויפיגע הילף. דאָ זיינען דאָס רוב געווען שווער פערוואונדעטע און ניט איינער פון זיי איז אונז אַוועקגעשטאָרבען אונטער די הענט, בעת מיר האָבען געהאַלטען אין פערבינדען זיין וואונד. ווי ווייט זיי האָבען נאָך געקענט רעדען, האָבען זיי גערעדט צו אונז מיט אַ מאָדנער לעבעדיגקייט. מיר האָבען זייערע ווערטער ניט פערשטאַנען, דאָך האָבען מיר געוואוסט וואָס זיי מיינען צו זאָגען, ווייל זייערע הענט און מינעס האָבען דערפאַר גערעדט שוין גאָר אַ בערעדעוודיגע שפּראַך. זיי האָבען געוואָלט אויסדריקען זייער דאנק פאַר'ן בארמהערציגקייט־דיענסט, וואָס מיר האָבען געטאָן פאַר זיי. און עס איז געווען צו זעהן, אַז זיי חידוש'ען זיך, ווי אַזוי מענשען, וואָס האָבען אָקאָרשט צו זיי געבראַכט טויט און ליידען, זוכען זיי איצט ווי ווייט מעגליך, לויט זייערע מענשליכע כחות, צו פערלייכטערען. מ י ר האָבען עס אויך ניט פערשטאַנען. זיי, אַזוי ווי אונז, האָט זיך געדוכט, אַז דאָס קומט פאַר ערגיץ אין אַ פאַרקערטער וועלט, און אַז זיי און מיר זיינען ליאַלקעס אַהן ווילען, וואָס אַ העכערע מאַכט פיהרט און קאָמאַנדעוועט מיט זיי.

אָן אָבטיילונג איז געווען בעשעפטיגט מיט גראָבען אַ מאַסען קבר פאַר די טויטע. מיר האָבען אַרומגעזוכט די טויטע אויב זיי האָבען ניט אויף זיך וועלכע עס איז ווערטזאַכען און פּאַפּירען. פון די זאָטלען אויף די פערד האָבען מיר אַראָבגענומען די פּאָרציע עסענוואַרג און געטראַנקען, וואָס האָט זיך געפונען אין זיי, און ווען דער קבר איז פאַרטיג געוואָרען, זיינען מיר צונעטראָטען צו דער „קבורה". איך בין געווען קאָמאַנ־

דירט צו די „קברנים“. מיר האָבען די טויטע געלעגט הארט איינעם נעבען אנדערען, אום אויסצונוצען יעדען ברעקעל פּלאַץ. ווען מען זאָל גוט אויסמארקירען, האָט מען אויפ'ן דעק פון קבר געקענט אויסלייגען א 23 טויטע. און ווען עס זיינען שוין גע־ווען אויסגעלעגט 2 שורות טויטע, איינע איבער די אנדערע, האָט אן ארטילעריע אונטעראָפיציר, וואָס איז דערביי געשטאַנען, בעמערקט, אז איינער פון די „טויטע“ לעבט. ער האָט אליין געזעהן, ווי דער „בן מנן“ האָט א ריהר געטאָן מיט'ן פינגער פון דער רעכטער האנד. ביי א גענויערער אונטערזוכונג האָט זיך טאַקע ארויסגעשטעלט, אז מיר האָבען שיעור ניט בעגראָ־בען א לעבעדיגען. וואָרים נאָך א צוויי שטונדען ארבייטען ארום איהם, איז געלונגען צו ברייננען איהם צו זיך. דער אינ־פאנטעריע־אָפיציר, וועלכער האָט געהאט די אויפזיכט אויף דער אָבטיילונג האָט זיך געווענדעט צו די צוויי סאָלדאַטען, וואָס האָבען אויסגעלעגט די טויטע אין שורות, צי זיי זיינען זיכער, אז די אלע טויטע זיינען ווירקליך טויט. „זיכער טויט“ — האָבעןביידע געענטפערט. דער מענשענפריינדליכער אָפי־ציר האָט זיך פאַלשטענדיג צופרידענגעשטעלט און ער האָט גע־הייסען אָנגעהן מיט דער ארבייט. קיינער האָט ניט געצווייי־פעלט, אז אונטער די 138 מאַן, וואָס מען האָט פערשאַטען אין דעם מאַסען קבר, האָבען זיך געפונען מעהרערע, אין וועמעס קערפּערס דאָס לעבען איז ניט אין גאנצען אויסגעלאָשען גע־ווען. ניט ווייט פון אונז זיינען אנדערע אָבטיילונגען פערנומען געווען מיט גראָבען צוויי נאָך גרעסערע מאַסען־קברים. אויך זיי זיינען ניט איבריג פאַרזיכטיג געווען ביים אָבטיילען די לע־בעדיגע פון די טויטע.

פון שונא'ס אינפאנטעריע איז גאָר נישט געווען צו זעהן. ווי עס שיינט, האָט ער געשיקט אין אטאַקע נאָר ארטילעריע און קאוואלעריע. דערווייל האָבען גענומען אָנקומען די הויפּט־טיילען פון אונזער ארמיי, אין ריעזען־קאָלאָנגען, וואָס דאָס אויג האָט קוים זיי געקענט ארומכאַפּען. קאוואלעריע דיוויזיעס, רייטענדע פעלד־ארטילעריע און מאשין־ביקסען־קאָמפּאַניעס

האָבען אריבערגעיאָגט אַלע אַנדערע ארמיי־אַבטיילונגען. דעם שונא איז געלונגען כמעט ארויסצומאכען זיך פון אונז, און אונזער קאוואַלעריע האָט זיך א לאָז געטאָן מיט א שנעלען מארש, כדי אָנצויאָגען די אָבטרעטענדע ארמיי און אזוי נאָהענט זיך צורוקען צו איהר, אַז זי זאָל ניט האָבען די מעגליכקייט ארויסצורוהען דורך דער נאכט און קומען צו זיך. אויך מיר האָבען שוין געהאט בדעה ארויסצומארשען, ווי עס איז געקומען דער בעפעל, אַז מיר זאָלען זיך לאָזען אויף נאכטלעגער, ווי אַלע מאָל איז דער פּלאַץ געווען גענוי אָנגעגעבען פון דער אויבען־קאָמאנדע, טאָמער מאכט זיך עפּעס זאָל מען וויסען, וואו מיר געפינען זיך, און מיר זאָלען זיין צו דער האנד. און קוים האָבען מיר דערגרייכט דעם פּלאַץ, איז ווי פון דער ערד ארויסגעוואקסען פאר אונז אונזער פעלד קיך, וואָס מיר האָבען שוין געגלויבט, אַז זי האָט אונז פערלאָרען. דער קיך־פּערזאָנאַל האָט קיין שום בעגריף ניט געהאט, וואָסערע פערלוסטען מיר האָבען געליטען פאר די לעצטע פּאָר טעג און זיי האָבען געקאָכט פּאַר דער פריהערדיגער צאָהל קעפּ פון אונזער קאָמפּאַניע. ווי גרויס איז געווען זייער איבערראשונג ווען אָנשטאָט א קאָמפּאַניע מוטיגע, קאמפּפסלוסטיגע געוויקסיגע פּיאָנירען, האָבען זיי דערזעהן פאר זיך א קליינע מחנה צובראָכענע, צוקראָכענע, אויף טויט אויסגעמאטערטע מענשען־שאָטענס. מיר האָבען בעקומען קאָנסערווען־זופּ, ברויט, פליייש, קאפּע און יעדער צו א סיגארעט. ענדליך האָבען מיר געקענט ווידער ווי געהעריג זאט זיך אָנעסען. קאפּע האָבען מיר געמעגט טרינקען, וויפיעל מיר האָבען געוואָלט, און דער סיגארעט איז פאר די מעהרסטע געווען פיעל וויכטיגער, ווי דאָס עסען און טרינקען!

אָט די אַלע טייערע זאכען און די פּאָר שטונדען רוה, וואָס האָבען צו אונז געוואונקען, ערגיץ אין א קארטאָפעל־פעלד, האָבען אָנגעפילט אונזערע הערצער מיט קינדערשער פרייד. מיר האָבען זיך לוסטיג געמאכט און זיך צואווילדעוועט, ווי נאַסען יונגען. אָה, וואָס פּאַר אַ נחת א סאָלדאט צו זיין! — האָט זיך

דערהערט פון אונזער מחנה, פון אָנהויב אביסעל ציטעריג און דערנאָך העכער און העכער. אָבער גאָר באלד איז דאָס ליעד פערשטומט געוואָרען. יעדער איינער האָט צוגעטולעט זיין מידען קאָפּ צו דער הארטער ערד. מיר זיינען געשלאָפען, ווי דער׳הרג׳עטע.

מיר האָבען געקענט שלאָפען ביז זעקס א זייגער אין דער פריה, און כאָטש מיר זיינען געלעגען אויף דער נאקעטער ערד, איז אָנגעקומען גאנץ שווערליך אונז אויפצואוועקען. דער פריהשטיק אין דעם פריהמאָרגען איז געווען אויסגעצייכענט: שעפּסען־פלייש, קענטיג פערנומען ערגיץ אין דער נאכבאר־שאַפט, גרינס, ברויט, קאפע, א פולען בעכער וויין און געדוי־בערט חזיר־פלייש. דער קאפּיטאן האָט געהאלטען אין איין דערמאנען אונז, אז מיר זאָלען זיך אָנעסען צו זאט, וואָרים עס שטעהט פאָר א שווערער מארש־טאָג. אום 7 א זייגער האָבען מיר זיך געריהרט פון אָרט. פון אָנפאנג איז די שטימונג גע־ווען ניט קיין שלעכטע. שמועסענדיג האָבען מיר ענטדעקט, אז מיר האָבען אַלע פאַלשטענדיג פערלאָרען דעם חשבון פון דער צייט. קיינער האָט ניט געוואוסט, צי עס איז מאָנטאָג אָדער מיטוואָך, צי דער פינפטער אָדער אכטער אין חודש. און וואָס ווייטער אין מלחמה אריין, אַלץ מעהר האָט זיך דאָס געוואָרפען אין די אויגען. דער סאָלדאט אין מלחמה קען קיינמאָל ניט בעצייכענען דעם טאָג אָדער דעם דאטום. איין טאָג איז ווי דער אנדערער.

ווען געגען מיטאָג־צייט האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט אין א גרויסען פויערים־הויף, און מיר האָבען ווידער אומזיסט געוואַרט אויף אונזער פעלד־קיך, האָבען מיר זיך געזעהן אליין צו העלפען. דערשאָסען איינע פון די קיה, וואָס האָבען זיך געפּי־טערט אויף א לאָנקע דערביי, אָבגעשונדען און ניט געוואַרט אפילו ביז דאָס בלוט זאָל אָברינען, האָט יעדערער זיך א חלק אָבגעשניטען און קוים־קוים א בראָט געטאָן אין דעקעל פון דער כלי, וואָס ער האָט געטראָגען מיט זיך. פּיעלע האָבען עס גע־געסען מיט פעפער און זאלץ. כמעט יעדען טאָג איז אונז אוים־

געקומען צו זיין אונזערע אייגענע קצבים. דערפון האָט זיך גענומען, וואָס מיר האָבען אַלע געליטען אויפ'ן מאָגען. דער מאָגען האָט ניט געוואָלט פערטראָגען דאָס האלב-רויהע, נאָך לעבענס-וואַרימע פלייש, אראָבגעשלונגען אָהן ברויט אָדער עפּעס אנדערש. דאָך האָבען מיר עס ווייטער אזוי געטאָן. האָט געפיהלט א סאָלדאט הונגער און דערזעהן ליגען א חזיר, א רינד, א יונג שעפּסעל, האָט ער עס דערשאָסען, אָבגעשניטען פאַר זיין געברויך און דאָס איבריגע געלאָזען אויף הפקר.

אונזערע קאַמעראַדען האָבען דערווייל דורכגעזוכט די געגענד און דערטאַפּט א גרויסע פאַס מיט האָניג. יעדער האָט אָנגעפילט זיין כלי ווי אַן אויג און צוגעשפּילעט צו זיין רענצעל פון הינטען. מיר צעהן האָבען דאָס זעלביגע געטהאָן און מיר האָבען באלד אָנגעיאָגט אונזער אבטיילונג. אָבער קוים האָבען מיר בעוויזען אָבצומאַרשירען א פּאָר הונדערט מעטער, ווי מיר זיינען בעפאלען געוואָרען פון א מחנה ביענען, וואָס האָבען זיך מיט יעדער מינוט פערמעהרט אין די הונדערטער. וואָס מיר האָבען ניט צוטהאָן, אום לויז צו ווערען פון די חיה'לעך איז געוואָרען אַלץ ערגער און ערגער. יעדער פון אונז איז צו־שטאָכען געוואָרען, ביי פיעלע זיינען די אויגען אויפגעלאָפען אזוי, אז זיי האָבען שוין ניט געקאָנט זעהען. די אָפיצירען, וואָס האָבען געריטען ארום צוואַנציג מעטער פאַר אונז, איז אויפגעפאלען, וואָס אונזער מאַרש געהט צו אזוי פּאַוואָליע. דער „אַלטער" איז צוגעקומען, האָט דערזעהען די ביענען און אונזערע געשוואָלענע פּנים'ער, אָבער ער האָט נאַטירליך, ניט געכאַפּט דעם צוזאמענהאנג, ביז אַן אונטער־אָפיציר האָט איהם ניט אָבגעגעבען די נויטיגע ערקלעהרונג. „ווער האָט האָניג אין זיין כלי?" האָט דער אַלטער אויסגעשריען מיט צאָרן. „אַלע"! — האָט דער אונטער־אָפיציר געענטפערט. „איהר אויך?" — „צו בעפעהל הערר קאַפּיטאַן". דער אַלטער האָט זיך געערגערט גאָר ניש־קשה'דיג, ווייל אויב אזוי האָט ער שוין קיינעם ניט געקאָנט בעשטראָפען. מען האָט זיך גע־מוזט אָבשטעלען כדי אָוועקצוואַרפען די „פּאַסקודסטווע", ווי

דער שטרענגער האַרר אונזערער האָט זיך אויסגעדריקט. איי־ נער האָט דעם אַנדערען אָפּגעשפּילעט די כלי, און דער זיסער מאכל אונזערער איז געפלויגען לינקס און רעכטס, בעשרייבענ־ דיג אין דער לופטען אַ הויכען בויגען. מיט דעם האַניג זיינען מיר שוין פּטור געוואָרען פון די כלים, וואָס דאָס איז שוין גראָד ניט געוועזען אזוי אונאַנגענעהם.

און מיר האָבען זיך אוועקגעלאָזען ווייטער, אונטער דער גליהענדער מיטאָג־זון. די מוניציאָנס־ראַטעס און אַנדערע אב־ טיילונגען, וואָס האָבען געהאַלטען אין איין דורכגעהן, האָבען ניט געלאָזען זיך איינלעגען די זיילען שטויב אויפ'ן וועג. אור־ מעטום אויפ'ן פעלד האָבען זיך געזעהען לאַגערען פון פליכט־ לינגע, וועלכע האָבען אויפגעשלאָגען ביידלעך און געלעבט ווי היימלאָזע ציגיינער. זיי פלעגען זיך דערנעהנטערען צו אונז און בעטלען אַ שטיקעל טרוקענע ברוים.

מיר האָבען מאַרשירט אָהן אַ פּויזע ביז שפּעט אין אָוועגד. ארום ניין אזייגער, ווען מיר זיינען צוגעקומען האַרט צום שטאָדט הויז פון סאָנפּי, איז ווידער געקומען צו אַ צוזאמענ־ שטויס. מיר האָבען בעקומען דעם בעפעהל צו אַטאַקירען צום צפון־מערב פון סאָנפּי.

IX

דייטשע סאָלדאַטען שיסען זייערע אייגענע אָפיצירען

עס איז שוין געווען דונקעל, און מיר האָבען זיך נאָך אמאָל אָבגעשטעלט. דאָס פעלד ארום איז געווען בע־ זעעט מיט טויטע. אויפ'ן מיטען וועג זיינען געשטאַנען עט־ ליכע פראַנצויזישע באַטאַרייען און קאַלאָנען פון אמוניציע; נאָך אין שפּאַן, אָבער פערד און רייטער זיינען שוין געווען טויט. נאָך צעהן מינוט רוה האָבען מיר זיך ווידער געלאָזען אין וועג אריין. אין איילינגען מאַרש זיינען מיר איצט צוגע־ קומען נאָהענט צו אַ קליינעם וועלדעל, וואו אונזער קאַוואַ־

לעריע און אינפאַנטעריע אַבטיילונגען זיינען געווען פערבונדען מיט׳ן פיינד אין א האַנד געפעכט, איינער אויף איינעם. צו־ליעב דער דונקעלהייט פון דער נאַכט איז אונז געלונגען איהם איבערצוראַשען, האָבען מיר זיך געוואָרפען אין קאַמפּף מיט א געוואַלדיגען הורא. איבערראַשט דורך דעם אונערוואַר־טעטען אָנפאַל פון הינטען און דורך אונזערע קריעגס־קולות, האָבען דאָס רוב פראַנצויזען אויפגעהויבען די הענד אין דער הויך און געבעטען פּאַרדאָן. די צעווילדעוועטע קאַוואַליריסטען און אינפאַנטעריסטען האָבען אָבער קיין פּאַרדאָן ניט געגעבען. און ווען די ארבייט פון מאָרדען אונבעוואָפענטע מענשען איז אין איין פּונקט אָדער אין אַנדערען געוואָרען עטוואָס שוואַכער, איז עס באַלד ווידער אוועק מיט מעהר פרישקייט, צוליעב די הויך אויסגעשריענע בעפעהלען פון די אָפיצירען: „קיין פּאַר־דאָן! אַלעמען אוועקלעגען!“

מיר פיאָנירען האָבען אויך געמוזט אנטייל נעהמען. די פראַנצויזען זיינען געווען וועהרלאָז, ווייל אין דער רגע, ווי זיי האָבען פערשטאַנען, אז דער ווייטערדיגער ווידערשטאַנד איז אומזיסט, האָבען זיי גלייך אוועקגעוואָרפען זייער געוועהר און געבעטען פּאַרדאָן. די אָפיצירען אָבער האָבען דעם מאָל, ווי אין א סך פאַלען פריהער און שפּעטער, געזאָרגט דערפאַר, אז „עס זאָל ניט געמאַכט ווערען צופיעל געפאַנגענע“. דער פּיאָניר טראָגט א זייטען געוועהר, וואָס נאָך די געזעצען פון פעלקער־רעכט טאָר ער עס ניט אויפהויבען. ווייל דער רוקען פון אָט דעם געוועהר בעשטעהט פון א זעהר שאַרפע שטאָלענע זעג, דריי מילימעטער דיק. די דאָזיגע זעג דאַרף אָנגעווענדעט ווערען נאָר אויף טעכנישע ארבייט, ניט אין קאַמפּף געגען לע־בעדיגע מענשען. אָבער פעלקער־רעכט און מיליטאַריזם! ווי תמיד, זייט דער קריג האָט זיך אָנגעהויבען, האָבען מיר דעם מאָל אויך געמוזט לאָזען אין דער ארבייט די זעג. עס איז געווען חוזק פון יעדער מענשליכקייט, ווען א געגנער האָט געהאַט די צאַקיגע זעג אין דער ברוסט, און דער קרבן, וואָס האָט שוין לאַנג אויפגעגעבען יעדען ווידערשטאַנד, האָט זיך בעמיהט

ארויסצורייסען דעם טויטליכען שטאהל פון דער טיעפער וואונד.
אפט האט זיך דאס פורכטבארע מארד־געוועהר אזוי פעסט איינ־
געגראבען אין ברוסט פונ'ם קרבן, אז דער אנגרייפער, וועלכער
האט זיין זייטען געוועהר ווידער געדארפט האבען, האט גע־
מוזט אוועקשטעלען די פוס אויף דער ברוסט פונ'ם אומגליק־
ליכען און אנשטרענגען אלע כחות, כדי ארויסצורייסען די זעג
פונ'ם לעבעדיגען פלייש.

די טויטע און פערוואונדעטע האבען זיך אומעטום גע־
וואלגערט מיט שרעקליכע וואונדען און דער יאמער פון די
פערוואונדעטע, וואס האט געקאנט ווייכער מאכען א שטיין
אבער ניט קיין מענשליכע הארץ פון א סאלדאט, איז געווען
אן עדות פון די שרעקליכע יסורים, וואס אט די „פערטיידיגער
פון פאטערלאנד" האבען איבערגעטראגען.

אבער ניט אלע סאלדאטען זיינען געווען צופריעדען מיט
אזא זינלאזען, פערברעכערישען מארד; אייניגע פון די הערען,
וואס האבען אונז בעפוילען צו מאכען א מאסען־שחיטה אויף
אונזערע פראנצויזישע חברים, זיינען דורך א „פערזעהען" גע־
טויטעט געווארען אין דער פינסטערניש פון דער נאכט. נא־
טירליך, פון זייערע אייגענע מענשען. אזעלכע טעות'ן חזר'ן
זיך איבער כמעט טעגליך.

אין יענע נאכט האט דער בייזער מזל געטראפען א קא־
פיטאן און אן אויבער־אפיציר. א אינפאנטעריסט, וועלכער
איז געווען אין צווייטען יאהר דיענסט, האט אריינגעלאזען
דעם קאפיטאן די זעג אין בויך, און כמעט אין דער זעלבער
צייט האט דער אויבער־אפיציר בעקומען א שטאך אין רוקען.
אין א פאר מינוט ארום זיינען ביידע געווען טויט. ביי די
וואס האבען געמאכט דעם „טעות", האט מען ניט געקאנט
מערקען דעם מינדעסטען שפור פון חרטה און קיינער פון אונז
האט זיך ניט געפיהלט גענויגט זיי צו טאדלען. יעדער איינער
פון אונז האט דאך געוואוסט, וואס פאר א געמיינע, ברוטאלע
מערדער עס זיינען געווען די, וואס האבען דא א סוף געפונען.

כדי צו דערמאָנען אן עהנליכען פּאַרפאַל, מוז איך אבי־סעל פערלויפען פאַרויס די געשעהענישען. מיט א טאָג שפּע־טער האָב איך זיך פאַנאַנדער גערעדט מיט א חבר פון מיין באטאַליאָן און איך האָב ביי איהם געבעטען א טאשען־מעסער. האָט ער אריינגעלייגט די האנד אין קעשענע און צוזאמען מיט דעם מעסער ארויסגענומען דריי פּאטראָנען. איך בין געווען ערשטוינט, וואָס ער טראָגט די פּאטראָנען אין דער הויזען־קעשענע, און איך האָב איהם געפרעגט, צו ער האָט דערפאַר קיין אָרט ניט אין פּאטראָנען־טאש. „דאָס יאָ", האָט ער מיר געענטפערט. „אָבער אָט די דריי האָבען א בעזונדערען צוועק, ווייל אויף די דריי שטעהט א נאָמען פערצייכענט". מיט א צייט שפּעטער — מיר זיינען דערוויל געוואָרען גוטע פריינד — האָב איך איהם ווידער געפרעגט אויף די דריי פּאטראָנען. ער האָט נאָך געהאט איינעם. איך האָב א טראַכט געטאָהן און האָב מיך דערמאָנט אן צוויי אונטעראָפיצירען, וועלכע האָבען אונז אין פריעדענס־צייט בעהאנדעלט ווי חיות, וועלכע מיר האָבען געהאסט, ווי מען קאָן האסען נור הויט־שינדער. זיי האָ־בען אין פראנקרייך'ס ערד א קבר געפונען.

די שחיטה האָט געדויערט אזוי לאנג, ביז עס איז נאָך געווען איין לעבעדיגער געגנער. נאכהער האָבען מיר בעקומען א בעפעהל צו קאָנטראָלירען אויב די פיינד, וואָס זיינען גע־לעגען אויף דער ערד, זיינען אויך אַלע געווען טויט אָדער אונ־פעהיג צום קאמפף. „ווען איהר געפינט איינעם וואָס פער־שטעלט זיך פאר טויט, מאכט איהם א גזירה אָהן רחמנות". דאָס איז געווען דער בעפעהל, וואָס מיר האָבען בעקומען פאר אונזער דעוויזיע. אָבער די סאָלדאטען, וואָס האָבען זיך דער־ווייל אביסעל בערוהיגט און עטוואָס צום זינען געקומען, האָ־בען זיך גאָרניט געגעבען קיין מיה אויסצופילען דעם דאָזיגען שאנד־בעפעהל. וואָס די סאָלדאטען האָבען וועגען דעם גע־קלעהרט, בעווייזען די ווערטער פון א פּיאָניר פון מיין באַ־טאַליאָן: אויב אזוי, וועלען מיר ליעבערשט נאָך א מאָל א קוק טהאָן, אויב ביידע אָפיצירען זיינען אין גאנצען טויט. ווען

ניט מוז מען זיי אויך אָהן רחמנות מאכען א פגירה", ווייל א בעפעהל איז א בעפעהל.

מיר זיינען אין איילעניש אוועק ווייטער. אָבער אונזער אַנגרייפען איז שוין מעהר ניט געווען נויטיג. די גאַנצע פיינד־ליכע ליניע האָט אָבגעטראָטען. זי האָט ווידער געמאכט פראָנט ווייטער, צוויי קילאָמעטער צו זיד־וועסט פון סאַמפּי. סאַמפּי גופא איז גרעסטענטיילס געשטאַנען אין פלאַמען און די גאַסען זיינען געווען בעדעקט מיט טויטע. די פיינדליכע אַרטי־לעריע האָט אונז בעשאָסען. אויף׳ן מארק־פּלאַץ האָט מען אוועקגעשטעלט עטליכע הונדערט געפאַנגענע. אויך זיי זיינען אויך געפאַלען גראַנאַטען. אָבער זיי האָבען געמוזט בלייבען שטעהן. אָן אָפיציר פון מיין באַטאַליאָן, לייטענאַנט פאָן נע־עזען האָט געזאָגט מענשענפריינדליך: „דאָס קען ניט שאַדען; זאָלען זיי לכל הפּחות וויסען, ווי זייער איינענע אַמוניציע שמעקט". אייניגע סאָלדאַטען האָבען מיט פעראַכטונג גע־שריען: פּפוי!

דאָס שטעדטעל וואָס איז געווען איבערפולט מיט פער־וואונדעטע איז שוין געווען אין גאַנצען ביי די דייטשען. די סאַניטאַרען האָבען ניט געקאָנט פאַרטיג ווערען מיט זייער אַר־בייט, ווייל דער צושטראָם פון פערוואונדעטע איז געווען אונ־געהויער גרויס. מיר זיינען זיי געקומען צו הילף, און אזוי גוט, ווי עס האָט זיך געלאָזען, האָבען מיר פערבאַנדאַזשירט פריינד און פיינד. אָבער איצט איז מען זיך שוין מיט די פערוואונ־דעטע ניט בעגאַנגען אזוי ווייך, ווי די ערשטע צייט. אלץ איז געווען רויה און גראָב.

איך וויים ניט צו האָט מען אונזער רואינירטען באַטאַליאָן ניט מעהר גערעכענט פאַר קאַמפּפס־פעהיג, אָדער מען האָט אונז ניט מעהר בעדאַרפט; יעדענפאַלס האָבען מיר בעקומען א בעפעהל צו פערנעהמען א מאַסען קוואַרטיר. אָבער מיר האָ־בען ניט געקאָנט בעקומען ניט קיין שייער, ניט קיין שטאַל; אלע הייזער זיינען געווען איבערפילט מיט פערוואונדעטע, האָבען מיר געמוזט אויפשלאָגען געצעלטען אין פרייען פעלד.

X

אַרום סוויפ

א סך בירגער פון שטעדטעל זיינען זיך צולאָפען. די, וואָס זיינען געבליבען, האָט מען צוזאַמענגעבראַכט אין א שטאַל פאַר האָלץ. זייערע וואָהנונגען זיינען כמעט אלע געווען חרוב און ווילענדיג ניט ווילענדיג האָבען זיי געמוזט אָננעהמען די מאַסען־קוואַרטיר, וואָס מען האָט זיי אָנגעבאָטען. נאָר איינע, א גאַנץ אַלטיטשקע באָבעלע, איז געזעסען אויף די הורבות פון איהר הויז און האָט ביטער געוויינט. קיינער האָט זי ניט געקאָנט בעווענען צו פערלאָזען איהר איינגעזעסענעם אָרט.

אין דעם האָלץ־שטאַל זיינען געלעגען פרויען און מענער, יונגע אונטערגעוואַקסענע אינגלעך און מיידלעך, עופה׳לעך און זקנים, אַלע מיטאַנאַנדער. פיעלע האָבען געהאַט שווערע וואונ־דען פון גראַנאַטען אָדער ביקסען־קוילען. דער עלענד איז געווען גרויס. קראַנקע מוטערס מיט זויגינגע קינדער, האַלב טויטע פון הונגער; ניט געווען קיין מילך פאַר זיי, און זיי האָבען דאָ געמוזט אומקומען. אַלטע לייט, וועלכע זיינען צו גרונד גע־גאַנגען פון דער אויפרעגונג און די שרעקענישען פון די לעצטע טעג. און ענדליך מענער און פרויען אין די בליהענדע יאָהרען, וועלכע זיינען לאַנגזאַם אויסגעגאַנגען פון די וואונדען, ווייל עס איז ניט געווען קיינער, וואָס זאָל זיך קענען פאַר זיי קימערען.

איינינע קאַמעראַדען, וועלכע האָבען גלייך מיט מיר זיך צוגעקוקט צו דעם צוג, זיינען צו מיר צוגעגאַנגען: קום!

מיר זיינען געווען הונגעריג; האָבען מיר אויפ׳ן וועג „אַהיים“ געכאַפּט עטליכע הינער. האַלב אָבגעקאָכט האָבען מיר זיי פערצעהרט און זיך געלעגט שלאָפען אונטער׳ן פרייען הימעל. פיער פאַרטאָג זיינען מיר שוין ווידער געווען גרייט צום מאַרש. מיר האָבען דעם טאָג געדאַרפט מאַרשירען אין סואיפ. איידער דער מאַרש האָט זיך אָנגעהויבען, האָט מען אונז איבערגעלייענט א בעפעהל צו דער אַרמעע: „סאָלדאַטען!“

איז אין בעפעהל געשטאַנען, „זיין מאַיעסטעט, דער קייזער, אונזער אויבערשטער קריעגסהערר, דאַנקט די סאָלדאַטען פון דער פערטער ארמעע און דריקט אונז אלעמען אויס זיין קייזער־ליכען דאַנק און זיין פולע אנערקענונג. איהר האָט אָפּגעהיט אונזער געליעבטע דייטשלאַנד פון אן איבערפאַל פון ווילדע פיינדליכע מחנות. מיר וועלען ניט רוהען, ביז דער לעצטער געגנער וועט ליגען צו דער ערד געשלאָגען, און איידער די בלעטער וועלען פון די בוימער פאַלען, וועלען מיר ווידער זיין אין דער היים, אלס זיעגער. דער געגנער טרעט אומעטום צוריק. און דער אלמעכטיגער וועט ווייטער אויך בענשען אונזערע וואַפען“.

אויסגעשריען דריי מאָל „הוראַ!“ — דאָס איז שוין גע־וואָרען כמעט א טעגליכע פּאַרציע אונזערע — פאַר דעם „אויבערשטען קריעגס־הערר“, זיינען מיר אוועק מאַרשירען און מיר האָבען דערווייל געהאַט גענוג צייט און געלעגענהייט ארומצו־רעדען דעם קייזערליכען „דאַנק“. מיר האָבען ניט גוט פער־שטאַנען וואָס פאַר א „פאַטערלאַנד“ מיר האָבען צו פערטהיי־דיגען דאָ, טיעף אין פראַנקרייך. איין סאָלדאַט מיינט, אז דער עיקר איז, גאָט זאָל בענשען אונזערע וואַפען. אן אנדערער, וועלכער איז ביי זיך אין שטאָדט יאָהרענלאַנג געווען א פּאַר־זיצענדער פון א פריי־רעליגיעזער געמיינדע, ערווידערט, אז יעדער רעליגיעזער מענש, וועלכער פלאַפּערט נאָך אזעלכע אונ־זיניגע ווערטער, בעגעהט א גאָטס־לעסטערונג, אויב ער איז בכלל ערנסט אין זיין רעליגיעזען געפיהל.

בעת א קורצען אָברוה האָבען מיר געהאַט א געלעגענהייט צו זעהען א קאַמפּף צווישען דריי פראַנצויזישע און פיער דייטשע לופט־שיפען. מיר האָבען געהערט אין דער לופט דעם בעקאַנ־טען גערויש פון מאָטאָרען און מיר האָבען געזעהען, ווי דריי פראַנצויזישע און צוויי דייטשע מאַשינען זיינען צוגעקומען נאָהענט איינע צו די אנדערע. זיי אלע זיינען געווען אזוי הויך, אז דער קאָפּ האָט געשווינדעלט, ווען מען האָט ארויפגע־קוקט צו זיי. פּלוצלונג האָבען מיר דערהערט אויבען אין

דער הויך דאָס פייערן פון אַ מאַשין־געווער. אָהן אויפהער שטארק בעשאָסען פון זייערע געגנער, האָבען זיך די דייטשע לופט־שיפען געשרויפט אין דער הויך, כדי צו בעקומען דעם פיינד אונטער זיך. אָבער די פראַנצויזען האָבען זיך אויך שנעל געשרויפט אין דער הויך, כדי צו נישט צו מאַכען די פלענער פון די דייטשען. פלוצלונג האָט איינער פון די דייטשע פליהער געוואָרפען אַ באָמבע. אַ פראַנצויזישע מאַשין האָט זיך אָנגעצונדען און כהרף־עין איז זי פון אויבען ביז אונטען, פון איין עק ביז דעם אַנדערע געשטאַנען אין פלאַמען. אין אַ פּאָר סעקונדען שפעטער האָט זי אָנגעהויבען פאַלען. די ברענענדיגע טראַנטעס האָבען לאַנגזאַם נאָכגעפלאַטערט. אונגעריכט האָבען זיך בעוויזען נאָך צוויי שטאַרקע דייטשע מאַשינען און די פראַנצויזען האָבען אין דעם זעלבען אויגענבליק גענומען אַנטלויפען. אָבער פאַר׳ן אָבציהען איז זיי נאָך געלונגען מיט זייערע מאַשין געוועהר צו בעשעדיגען אַ דייטשע „טויב“ אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט זיך געמוזט אַראָפּלאָזען. די געבליבענע דייטשע מאַשינען זיינען אויך באַלד פערשוואונדען. אַט די שוידערליך שעהנע סצענע האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין אַ פּאָר מינוט; אַ קליינער, אונבעדייטענדער עפּיזאָד, וועלכער האָט ווידער ערגעץ וואו אין פראַנקרייך אַ פּאָר קינדער געמאַכט פאַר יתומים, אַ פרוי פאַר אַן אַלמנה.

נאָך אַ לאַנגען מאַרש האָבען מיר אין אָוונד דערגרייכט דאָס שטעדטעלע סואיפ. „דאָ אין סואיפ, האָט אונז דער קאַפּיטאַן געזאָגט, שווייבעלט און גריבעלט מיט פראַנקטיערען מיר וועלען דעראיבער ניט בעציהען קיין קוואַטיר. מיר וועלען מאַכען אַ ביוואַק אין פרייען פעלד. אויב עמיצער פון אייך געהט אין שטעדטעל, מוז ער מיטנעהמען געוועהר און פּאַט־ראָנען“. נאָכדעם, ווי מיר האָבען זיך אָביסעל אָבגערוהט, זיינען מיר אַוועק אין שטעדטעל צו געפינען עפּעס עסען. אין מיטען גאַס זיינען געלעגען פופצעהן טויטע ציווילּיסטען. דאָס זיינען געווען בירגער פונ׳ם שטעדטעל. פאַר וואָס מען האָט זיי געשאָסען, האָבען מיר ניט געקאָנט דערגעהן. אויף אונ־

זערע פראגען, איז געווען דער ענטפער נאָר אַ קוועטש מיט די פּלייצעס. דאָס שטעדטעל גופא, די הייזער, האָבען אויסערליך גאָר ניט געליטען.

קיינמאָל אין קריעג האָב איך ניט געזעהען, מען זאָל אזוי שטארק, אזוי אַלגעמיין ראבירען, ווי דאָ אין סואייפּ. אז מיר האָבען געמוזט לעבען און דערצו געדארפט האָבען שפּייז — דאָס איז קלאָר. אזוי ווי די איינוואָהנער און אייגענטהימער פון געשעפטען זיינען אנטלאָפען, איז אָפט ניט געווען קיין מעגליכקייט צו בעצאָהלען פאר די נויטיגע געגענשטאנדען. מען איז פּשוט אריין אין אַ געשעפט, גענומען זאַקען און וועש, גלייך אָנגעטהאָן און די אלטע געלאָזען ליגען. נאָכהער איז מען געגאנגען אין אַן אנדער געשעפט און גענומען לעבענס־מיטעל, וואָס עס איז ווען געפעלען געווען, און דערנאָך אין אַ וויין־קעלער און דאָרטען אויך זיך געלאָזט וואויל בעקומען. די סאָלדאטען פון די מוניציאָנס־קאָלאָנען, די סאניטארען, צוג־סאָלדאטען און קאוואלעריסטען, וואָס זיינען געשטאנען אין שטעדטעל, זיינען געגאנגען הויפענווייז, האָבען בעזוכט די הייזער און צוגענומען, אויף וואָס נאָר זייער אויג איז געפאלען. סואיפּ פערזאָרגט אַ גרויסען דאָרף־דיסטריקט און דעריבער האָט זי פערמאָגט פערהעלטניסמעסיג בעדייטענדע געשעפטען פון יעדען מין. די שעהנסטע און גרעסטע געשעפטס־הייזער זיינען אין אַ פּאָר שעה צייט געוואָרען לעדיגע חורבות. זוכענדיג איין זאַך, פלעגט מען מאַכען אַ תל, אַ חורבן פון אַ סך אנדערע זאַכען. די סאָלדאטען פון די מוניציאָנס־און צוג־קאָלאָנען האָבען געשלעפּט גאנצע שטיקער פיינסטע זיידענס, דאמען־קליידער, וועש, שיך, קליידער שטאָף און אלץ, וואָס עס איז נאָר געווען. מען האָט גענומען אַלץ, אפילו דאָס, וואָס מען האָט ניט געהאַט וואו אהין צו טהאָן און מען האָט עס באלד ווידער געמוזט אוועקוואַרפען. שפּעטער, ווען די פעלד־פּאָסט האָט אָנגעהויבען צו געהן רעגעלמעסיג, האָט מען אַ סך געראבירטע זאַכען אָבגעשיקט אַ היים. אָבער די פעלד־פּאָסט איז ניט גאָר זיכער. און ניט אַלץ, וואָס מען האָט ארויסגעשיקט, האָט זיך

בעקומען. עס האָט אויך געשטערט דאָס, וואָס פאר דער פעלד־פּאָסט איז פאראן אַ בעשטימטע וואָג, און פּאַקעטען פון העכערען וואָג נעהמט מען ניט צו. אזוי, צום ביישפּיעל, קען מען ניט אָבשיקען אַ פּאָר שיך מיט איין מאָל. ס׳וועגט מעהר, ווי בעשטימט. מוז מען יעדען שוך אָבשיקען אין אַ בעזונדערען פּאַקעט. איינער פון אונזערע פּיאָנירען האָט וואָכענלאַנג ארומגעשלעפּט מיט זיך אַ פּאָר פיינע שיך פאר זיין כלה. ביי דער ערשטער געלעגענהייט האָט ער זיי אָבגעשיקט צו זיין מיידעל אין צוויי פּאַקעטען. די פעלד־פּאָסט גאַראַנטירט אָבער פאר קיין זאַך ניט. דעם לינקען שוך האָט די קריעגס־כלה ערהאַלטען. דער רעכטער איז אויסען געבליבען.

ווייל מיר האָבען געמוזט פערברענגען די נאַכט אין דרויסען האָבען מיר געפּרובט בעקומען עטליכע קאָלדרעס און מיר זיינען אריין אין אַ קאָלאָניאַל־געשעפט אויפ׳ן מארק־פּלאַץ. דער מאַגאַזין איז שוין טיילווייז געוועזען צוראַבירט. די וואָהנונג איבער׳ן מאַגאַזין איז נאָך געוועזען ניט בעריהרט און אַלע צימערן ניט פערשלאָסען. געוועזען קענטיג אז אין דעם דאָזיגען הויז האָבען געהערשט פּרויען־הענט, ווייל אַלץ איז געוועזען אזוי נעט און היימליך איינגעאָרדענט, אז מען האָט זיך ניט ווילענדיג געוואונשען צו פערמאָגען אזא נעטען נעסט. אָבער דאָס אַלץ איז נאָך געוועזען גאָר נישט לגבי אַ צימער פון מיטעלען גרויס וואו עס האָט הפּנים געוואוינט אַ יונגע דאַמע. מיר האָבען כמעט ניט געוואגט צו בעטרעטען דאָס דאָזיגע היילינגטום. צו אונזער ערשטוינען איז אויף דער וואַנד, וואָס ענטגעגען טיהר, געהאַנגען אַ מאַהלעריי מיט אַ דייטשען איבערשריפט: „גיט אָפּ כבוד די פרויען: זיי פלעכטען און וועבען איין הימלישע רויזען אין דאָס ערדישע לעבען“. עס איז קלאָר, אז די בעוואוינערין פונ׳ם צימער איז געוועזען אַ יונגע כלה, ווייל אין די אַלמערס איז געלעגען איהר אויסשטאַטונג איינגעבונדען אין שעהנע בלויע בענדער, פיינליך זויבער צוזאַמענגעלעגט. דאָ האָט מען גאָר ניט געריהרט. און ווידער האָט זיך אונז קלאָר פאָרגעשטעלט די גאַנצע גרויזאַמקייט פונ׳ם קריעג.

מיליאָנען ווערען צוליעב איהם איבער נאַכט בעטלער; די שעהנסטע האָפנונגען און וואונשען געהען אוועק מיט'ן רויך. אויף מאָרגען האָט אונז אַ באַנגער פאָרגעפיהל ווידער געטריבען צו יענער הויז און וואָהנונג. מיר האָבען געפונען אַלץ אין גאַנצען פערוויסט. דאָ האָבען געווילדעוועט אמת'ע באַרבאַרען, וואָס דער דינער שטויב, מיט וועלכען די ציוויליזאַציע האָט די בעסטיע־מענש בעדעקט, איז פון זיי ווידער אַראָבגעפאַלען. די גאַנצע אויסשטאַטונג פון דער יונגער כלה האָט מען ארויסגענומען פון די שופלאָדען. טהיילווייז האָט זיך עס נאָך געוואַלגערט אויף דער ערד.

פאָרטרעטען, פאָטאָגראַפיעס, שפּיגלען — אַלץ איז געלעגען אין שערבלעך אויפ'ן דיל. מיר זיינען זאַלבע דריט אריין אין צימער און אַלע דריי האָבען מיר צונויפגעדריקט די פויסטען אין אונמעכטיגען וואוט.

מיר האָבען בעקומען אַ בעפעהל דערוויילע צו בלייבען אין סואיפּ. און מיר האָבען דעם אַנדערען טאָג געקאָנט בעטראַכטען, ווי אַ סך געלאָפענע האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק. מחנות־ווייז האָבען זיי זיך אומגעקעהרט פון דער זייט פון שאַלאָן־סיר־מארן, און אַנשטאַט זייער פריערליכע היים האָבען זיי איצט געפונען אַ חורבן. דער אייגענטהימער פון וועש־געשעפט האָט זיך אומגעקעהרט אהיים גראַד אין דער צייט, ווען מיר זיינען געשטאַנען פאַר זיין היים. צוּבראָכען האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזען אויפ'ן שוועל פון טהיר. ער איז געווען רואינירט. פון זיין גאַנצען געשעפט איז גאָרניט געבליבען. מיר זיינען צו איהם צוגעגאַנגען. ער איז געווען אַ איד און האָט גערעדט דייטש. ווען ער איז אביסעל צו זיך עקומען, האָט ער אונז געזאָגט, אַז אין זיין געשעפט איז געווען סחורה פאַר העכער 8 טויזענד פראנק. „ווען די סאָלדאַטען וואָלטען גענומען נאָר דאָס, וואָס זיי דארפען פאַר זיך, וואָלט איך געווען צופריעדען; אויף דעם האָב איך זיך דאָך גערעכט. אַז זיי זאָלען אָבער אַלץ צושטערען, דאָס האָב איך אויף דייטשען קיינמאָל ניט געגלויבט“.
אין זיין וואָהנונג איז אפילו ניט געבליבען קיין קאַווע־טעפּעלע.

ער האָט געהאַט אַ פרוי מיט פינף קינדער. ער האָט אָבער ניט געוואוסט וואו זיי זיינען איצט. און ווי מיט איהם, אזוי איז געשעהען מיט אנדערע גאָר אָהן אַ צאָהל, דאָ און אנדערשוואו.

עס וואָלט געווען אַ ליגען, ווען איך וואָלט געזאָגט, אז דער דאָזיגער עלענד האָט אונז זעהר טיעף אָנגעריהרט. די בעסערע צווישען אונז — און דאָס זיינען דאָ כמעט שטענדיג געווען יענע, וואָס זיינען אין דער היים געווען טהעטיג אין דער אַר־בייטער־בעוועגונג, און דער קריעג און די מיליטערישע מלאכה זיינען זיי טיעף אין הארצען געווען דערווידער; אָט די בעסערע האָבען בעזונדער שאַרפע פאַלען געוויס אויפגעטרייסעלט פון זייער לעטאַרגיע און גלייכגילטיגקייט. אָבער די מאַסע האָבען אפילו גרויסע טראַגעדיעס שוין אויך מעהר ניט אָנגעריהרט. ווען מען האָט זיך צוגעוואוינט צו שפּרייזען מיט אַ קאַלטען שמייכעל איבער מתים, ווען יעדע מינוט פון טאָג און נאַכט זעהט מען דעם טויט פאַר די אויגען, דעמאָלט פערליערט מען ביסלעכווייז דעם פיינערען געפיהל פאַר מענשליכעס און מענש־ליכקייט.

די אָפיצירען האָבען דאָס אַלץ ניט געזעהען. זיי האָבען דאָך אַליין אויך ניט פיעל בעסער געטהאָן, הגם זיי האָבען פערשטאַנען איינצואָרדנען די זאַך אזוי, אז זייער „עהרע" זאָל דערביי ניט אין גאַנצען געבראָכען געהן. דע ר „העדר" אָפיציר שיקט זיין בורש (אַ סאָלדאַט, אַ בעדיענער), ער זאָל איהם קויפען צוואַנציג פלאַשען וויין. אָבער אזוי ווי ער גיט איהם ניט קיין געלד, פאַרוואָס צו „קויפען", פיהרט דער בורש אויס דעם בעפעהל אזוי גוט, ווי ער קען. ער ווייס דאָך, אז אָהן וויין טאָר ער שוין צוריק ניט קומען. אויף אזא׳ן אופ׳ן פערזאָרגען זיך די אָפיצירען מיט אַלע מעגליכע קאָמפאָרט, און זייער „עה־רע" בלייבט ריין. אין אונזער באַטאַליאָן זיינען געווען אזעלכע אָפיצירען, וואָס נאָר אויף טראַנספּאָרטירען זייער באַגאַזש האָט מען געדאַרפט אַ וואָגען, מיט 4 פערד געשפּאַנט. און מיר, איינ־פאַכע סאָלדאַטען, פאַר די זאַכען וואָס זיינען געווען נויטווענדיג

אונטערצוהאַלטען דעם לעבען, איז אונזער טאָרניסטער נאָך אויך צו גרויס געווען...

דאָס רוב אָפיצירען האָבען געקוקט אויפ'ן קריעג, ווי אויף אַן אנגענעהמען איבערבייט: אין אַ פריעדליכען גארניזאָן ציהט זיך די צייט אזוי לאַנגווייליג. צום ווענינגסטען, ווי ווייט עס האַנדעלט זיך וועגען די אָפיצירען פון מיין באַטאַליאָן, קען איך זאָגען, האָבען אויסגעצייכענט פערשטאַנען ווי ווייט מעגליך איינצוהיטען זייער לעבען, געוויס, „אין די אינטערעסען פון פאָטערלאַנד". בעת איך בין נאָך פערצעהן מאָנאַטען קריעג ענדליך ענטרונגען געוואָרען, האָט מיין באַטאַליאָן שוין פערלאָרען העכער דריי מאָל אזוי פיעל מענשען, וויפיעל ער האָט געהאט פון אָנהויב. איינע זיינען געפאַלען, האָט מען זיי פערביטען מיט אנדערע; יענע אויך געפאַלען — ווידער אנדערע; און אזוי כסדר. אָבער קיין נייע אָפיצירען האָט מען נאָך אַלץ ניט געדאַרפט. אז זיי האָבען נאָך מיין „אָפשייד" זיך אויך זעהר גוט „געהאַלטען", האָב איך זיך דערוואוסט מיט אַ פּאָר מאָנאַטען שפּעטער אין האָלאַנד. אין ראָטערדאַם האָב איך בעקומען אַ נומער „די וואָך" און איך האָב דאָרטען געפונען אַ פאָטאָגראַפיע מיט אַן אונטערשריפט: „זעקס אָנגעהעריגע פונ'ם ערשטען באַטאַליאָן, פּיאָנירען פאָלק נומער 30, אויסגעצייכענט מיט'ן אייזערנעם קרייץ פון ערשטען קלאַס". אויב די הערשאַפטען האָבען בעקומען די אויסצייכנונג, ווייל זיי האָבען איינגעשפּאָרט זייער לעבען פאַר קינפטיגע דיענסטען, וועגען דעם האָט די צייטונג לײדער גאָר ניט געשריעבען.

די פאָלגענדע נאַכט זיינען מיר נאָך אַלץ געבליבען אויפ'ן זעלביגען אָרט און האָבען ווידער געמוזט נעכטיגען אונטער'ן פרייען הימעל, ווייל „עס האָט געשוויבעלט און געגריבעלט מיט פראַנקטיערען". אין דער אמת'ן איז ניט געווען קיין סימן פון פראַנקטיערען, און אונז אַלעמען איז געווען קלאָר, אז מען איז דאָ נאָר אויסען אויפבלאָזען אונזער שטימונג געגען פיינד, וועלכע האָט זיך געהאַלטען אין אָבקיהלען. מען האָט דאָך גוט גע-

וואוסט, אז דער סאָלדאַט לאָזט זיך א סך בעסער דינגען, ווען ער פיהלט א שטאַרקען האַס געגען פיינד.

XI

אויפ'ן מאַרש צו דער פּאַסטקע

אויף מאָרגען האָבען מיר געהאַט צו מאַרשירען צו שאָלאָן סיר־מארן. דאָס איז געווען איינער פון די שווערסטע מאַרש־טעג, וואָס מיר האָבען ווען געהאַט. שוין אין דער פריה, בעת מיר זיינען ארויס פון סואיפּ, האָט די זון אויפ'ן הימעל גע־ברענט, גע'שרפ'עט. פון סואיפּ ביז שאָלאָן איז אונגעפעהר 35 קילאָמעטער. אָבער ניט דער מהלך האָט אונז געפּייניגט. מיר האָבען שוין לענגערע מאַרשען דורכגעמאַכט. און היץ האָבען מיר שוין אויך גענוג איבערגעטראָגען. דער אומגליק איז געווען, וואָס דער פּראַכטפולער וועג פון סואיפּ ביז שאָלאָן ציהט זיך גלייך, ווי א שנור, און טרעט ניט אָפּ אויף קיין צאָל ברייט ניט אויף לינקס ניט אויף רעכטס; די גאַנצע צייט זעהט מען פאַר זיך דעם כמעט אונענדליכען גראַדען וועג, ווי א לאַנגע ווייסע שלאַנג אויסגעצויגען. ווי ווייט מיר האָבען ניט מאַרשירט, איז דער ווייסער פּאַס פאַר אונזערע אויגען קירצער ניט געוואָרען. און אומגעקעהרט דעם קאָפּ און א קוק געטהאָן אהינטער, האָבען מיר ווידער געזעהען דעם זעלבען ווייסען פּאַס, אָהן א סוף, אָהן א עק. אויפ'ן גאַנצען וועג זיינען מיר דורכגעגאַנגען נור איין איינציגען דאָרף. א חוץ דעם איז אלץ געווען ניט בע־בויט, ניט בעפלאַנצט.

פיעלע פון אונז זיינען פער'חלשט געוואָרען אָדער בעקו־מען א היץ־שלאַג. און די צוג קאָלאָנען, וואָס הינטער אונז, האָ־בען זיי אויפגעהויבען און מיטגענומען. א פּנים, אז די מילי־טער, וואָס איז דאָ פאַריבער פאַר אונז, איז עס געגאַנגען נאָך ערגער. דאָס האָבען מיר ארויסגעזעהען פון די פיעלע טויטע סאָלדאַטען, דייטשען און פראַנצויזען, וואָס זיינען געלעגען לענגס דעם וועג.

מיר זיינען שוין אריבער העלפט וועג, און אַפּרוהען האָט מען אונז נאָך אַלץ ניט ערלויבט. דער „עלטסטער" האָט מורא געהאַט, אז ווען די סאָלדאַטען וועלען אויסציהען זייערע אָפּ־געמאַטערטע גליעדער אויף דער ערד, וועט זיין שווער ווידער צו לאָזען די מאשין אין גאנג. האָבען מיר זיך אָהן מוט גע־שלעפּט ווייטער לאנגזאם ווי א שנעק; מעהר ניט, וואָס אַנ־שטאָט דעם ביינערדיגען שיידעל, וואָס די שנעק טראָגט, האָבען מיר געהאַט אויפ'ן רוקען א בליי־שווערען ראַניעץ. א קליינעם איבערבייט אין דעם איינטאָניגען מארש האָבען מיר געהאַט ערשט, ווען מיר האָבען דערגרייכט דעם געוואלדיג „גרויסען לאַ־גער פון שאַלאָן". דאָס איז איינער פון די גרעסטע פראנצויזישע מיליטערישע פונקטען. ארום דריי נאָכמיטאָג האָבען מיר פון ווייטען דערזעהען שאַלאָן. פיער א זייגער האָבען מיר זיך אָפּ־געשטעלט אין אן אויבס־גאָרטען אויסער'ן שטאָדט און אַלע ווי איינע זיינען מיר אנידערגעפאַלען אויסגעמאַטערטע ביז לעצט.

די פעלד־קיך האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט. אָבער פּאַרלויפיג האָט זיך קיינער ניט גערירט צו נעהמען עסען. שפּעטער האָבען מיר אָפּגעגעסען און געוואָלט געהן אין שטאָדט עפּעס קויפען, דער עיקר צו בעקומען טאבאַק, וואָרים אָהן רויכערען האָבען מיר זיך זעהר שלעכט געפיהלט. אָבער קיינער האָט ניט געטהאָרט פערלאָזען דעם לאַגער; מען האָט אונז אָנגעזאָגט, אז עס איז שטרענג פערבאָטען אריינצוגעהן אין שטאָדט. „שאַלאָן, האָט מען אונז געזאָגט, האָט בעצאָהלט א קריעגס־קאָנטריבוציע און קיינער טאָר אין שטאָדט ניט אריין". מיט געלד קאָן מען אַלץ דערגרייכען, אפילו אין קריעג. שאַלאָן איז ניט צוראַבעוועט גע־וואָרען, ווייל דער נאָט מאמאָן האָט זי פערהיט און בעשירמט מיט זיין גאָלדענעם פליגעל.

ווייט פאר אונז האָבען מיר געהערט דעם דומפּען גערויש פון די האַרמאַטען, און מיר האָבען שוין געפיהלט, אז צו לאַנג וועט אונזער רוה ניט דויערען. דער פייער פון ארטילעריע האָט זיך געהערט אַלץ שטאַרקער, דאָך האָבען מיר נאָך ניט געוואוסט,

אז דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אַ קאַמפף, וואָס האָט זיך געזאָלט ענדיגען פאר די דייטשען זעהר אומגליקליך: די פינפטאָגיגע שלאַכט ביי דער מאַרן.

ארום 12 ביי נאכט האָט מען אונז אויפגעפּויקט פון טויט־מידען שלאָף, און אַ האַלבע שעה שפּעטער האָבען מיר שוין מאַרשירט ווייטער. די קיהלע נאכט־לופט האָט אויף אונז גוט געווירקט; און הגם מיר זיינען געווען פערמאַטערט, זיינען מיר דאָך געגאַנגען גיך. ארום פיער פאר טאָג זיינען מיר געקומען צו דער שטעדטעל שעפּי. דאָ האָט אָפּנים גאָט מאַמאָן ניט געוויזען זיין חסד, ווי אין שאַלאָן, וואָרים שעפּי איז געווען אין גאַנצען צעראבירט. מען האָט אונז ערלויבט אַ קורצע רוה און מיר האָבען געהאַט אַ געלעגענהייט צו זעהען, ווי מען האָט מיט דער גרעסטער געשווינדיגקייט געמאַכט פּאַרבערייטונגען צו דערשיסען 2 פראַנקטיערען. דאָס זיינען געווען צוויי קליינע פּויערים, אויף וועלכע מען האָט געזאָגט, אז זיי האָבען בעהאַלטען פון די דייטשען צוויי פראַנצויזישע מאַשין־ביקסען מיט די מענשען דערצו. דער אורטייל איז אויסגעפיהרט געוואָרען. שולדיג אָדער אונשולדיג, וועגען דעם האָט מען זיך ניט געקימערט, אבי ווייזען דער בעפעלקערונג ווער דאָ איז איצט „בעל הבית“.

א זייגער ניין פאר מיטאָג זיינען מיר אריין אין אַ קליין שטעדטעל פאָנאי, אויפ׳ן האַלבען וועג צווישען שאַלאָן און וויטרי־לע־פראַנסואַ. דאָס דאָזיגע שטעדטעל איז אויך געווען אין גאַנצען צעראבירט. מיר זיינען איצטער שוין געווען אַ סך נעהענטער צו דעם ברילען פון די קאַנאָנען; לייכט־פערוואונדעטע און קאַלאָנען אַמוניציע, וואָס האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק, האָבען אונז דערצעהלט, אז צו וועסט פון וויטרי וויל־דעוועט אַ פורכטבאַרע שלאַכט. נאָך אַן איילעדיגען מאַרש זיינען מיר פיער אַ זייגער נאָך מיטאָג דערגאַנגען ביז וויטרי. די גאַנצע שטאָדט איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט פערוואונדעטע. אלע קירכען און שולען זיינען געווען איבערפול מיט זיי. די שטאָדט גופא איז געבליבען ניט בעשעדיגט.

אָפּנים אז די דייטשען איז דאָ געגאַנגען שלעכט, ווייל

מען האָט אונז ניט ערלויבט אָפּצורוהען און מיר האָבען בעקו־מען א בעפעהל איינצוגרייפען אין קאמפף וועסט פון וויטרי. מיר זיינען צוגעגאַנגען דריי קילאָמעטער נאָהענט צו דער שלאַכט־ליניע און דאָ זיינען מיר שוין אריין אין דעם שפּער־פייער פון שונא. וואָס איז א שפּער־פייער? דער שונא שטעלט אָן זיינע קאַנאָנען אזוי, אז די גראנאטען זאָלען פאלען ווייט הינטער אונזער ליניע. נייע מיליטער, וועלכע ווילען קומען צו הילף די בעדרענגטע, מוזען דורכגעהן אונטער'ן רעגען פון די פיינד־ליכע קאַנאָנען, און דער צוגאַנג איז פאר זיי פערשפּארט. א געוואלדיגער האָגעל פון גראנאטען האָט דאָ ברייט אויפגע־גראָבען יעדען פוס ערד. טויזענדער טויטע דייטשע סאָלדאַטען האָבען בעוויזען, ווי מורא'דיג טהייער די דייטשען האָבען בע־צאָהלט פאר ברענגען זייערע רעזערווען אין שלאַכט־ליניע. די פראנצויזען האָבען אָנגעווענדעט אלע מיטלען ניט צו דערלאָזען די דייטשען ברענגען זייערע רעזערוון און דער פייער פון זייער ארטילעריע האָט דערגרייכט אזא שטאַרקייט, וועלכע איז נאָך ניט געהערט געוואָרען.

אונז האָט אויסגעוויזען אונמעגליך דורכצוברעכען די דאָ־זיגע פייערדיגע באַריקאַדע. הונדערטער גראנאַטען האָבען גע־פּלאַצט פאר אונזערע אויגען יעדע מינוט. מיר האָבען בעקומען א בעפעהל דורכצולויפען דעם דאָזיגען גיהנום איינציגווייז. מיר זיינען געלעגען אויף דער ערד און האָבען נאָכגעקוקט, ווי די ערשטע אונזערע האָבען געפּרובט זיך דורכרייסען. איינציגע זיי־נען געלאָפען ווי משוגעים, ניט אַכטענדיג אויף די גראנאַטען, וואָס האָבען געפּלאַצט ארום זיי, און זיינען דורכגעלאָפען. אנ־דערע זיינען אין גאנצען פערשאָטען געוואָרען פון דער ערד, וואָס די גראנאַטען האָבען אויפרייסענדיג אויפגעהויבען, אָדער זיי זיינען צעריסען געוואָרען אויף שטיקלעך פון אָפּגעשפּאָל־טענע שערבלאך גראנאַט. צוויי מענשען האָבען שוין כמעט דער־גרייכט די שלאַכט־ליניע, און דאָ האָבען זיי בעקומען א פול־טרע־פער, ד. ה. א שווערע גראנאַט האָט אויפגעריסען נעבען זייערע פיס, און פון זיי איז קיין שריד ופליט ניט געבליבען.

ווער קען עס בעגרייפען וואס אין אונז איז פארגעקומען אין די דאזיגע פיינפולע מינוטען? מיר זיינען דאך געלעגען אויף דער ערד נאך ניט קיין גאנצע הונדערט שריט פון דעם שרעק־ליכען אנבליק; מיר האבען דאך אלע צוגעזעהען מיט די אויגען און נור געווארט, ווען אונזער נעקסט וועט קומען. מען האט זיך פערפלאנטערט אין א לאבירינט פון געדאנקען. פלוצלונג שרייט איינער פון די אפיצירען: „דער נעקסטער!" דאס בין איך! איך שפרינג אויף, ווי פון א בעזען חלום אויפגעשראקען, דעם ביקס אין דער רעכטער האנד, דעם שפיעז אין דער לינקער, לויף איך ווילד פארווערטס. איך שפרינג אפ א פאר טריט אויף א זייט פון צוויי אויפרייסענדע גראנאטען, לויף אריין צווישען א סך אנדערע, וועלכע פלאצען אלע אין איינע און דער זעלבער מינוט; שפרינג א סך מאל אויף צוריק, ווידער פארווערטס, לויף ווי א בענומענער אהין און אהער, וויל געפינען אן אפענעם ארט איך זאל קענען דורכגעהן — אבער אלץ איז אייזען און פייער...

ווי א געהעצטע חיה, זוכט מען א עפענונג זיך צו ראטעווען — פאר מיר — א גיהונם, הינטער מיר — דער אפיציר מיט אן אנגעשטעלטען רעוואלווער... ווי א פלאץ־רעגען פאלען צוריק די הויך־אויפגעריסענע שטיקער ערד — טויט אדער טייוועל, און איך טראג זיך בלינד פארויס, טראג זיך און טראג זיך, ביז אימיצער כאפט מיך ביים ראק. „מיר זיינען דא", שרייט מיר עמיצער אריין אין אויער, „שטעה, ביזטו פערוואונדעט? קוק זיך ארום, אפשר ביסטו דאך פערוואונדעט און ווייסט עס ניט". דאס זיינען די קאמעראדען, וואס זיינען שוין גליקליך אריבערגעקומען. איך שטעה, און מיין גאנצער קערפער ציטערט. „זעץ זיך וועט דיר בעסער ווערען. מיר האבען אויך געצי־טערט!" לאנגזאם ווער איך רוהיגער. ביסלעכווייז קומען צו נייע; אייניגע זיינען פערוואונדעט. מיר זיינען געווען א מאן פערציג אונזערע, און די פעלדפעבעלס האבען איבערגענומען די קאמאנדע. פון די אפיצירען האט מען ווידער קיינעם ניט געזעהען.

מיר זיינען געגאנגען ווייטער פאָרווערטס, פערביי געגאנגען פערשיעדענע דייטשע באטארעען. פיעלע פון זיי האָבען שווער געליטען. טויט אָדער פערוואונדעט זיינען די ארטילעריסטען געלעגען ארום די צושטערטע קאנאָנען. אנדערע ווידער האָבען ניט געקאָנט שיסען, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט מעהר קיין אַמוניציע. מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט אויסרוהען. צו אונז זיינען צוגעגאנגען אייניגע ארטילעריסטען, וועלכע האָבען צור־ליעב מאנגעל אין אַמוניציע „ניט געהאַט וואָס צו טהאָן". אַן אונטער־אָפיציר פרעגט, פאר וואָס זיי שיסען ניט. „ווייל מיר האָבען אַלץ אויסגעשאָסען", ענטפערט א קאנאָניר. „יאָ, עס איז טאקי אונמעגליך ברענגען צו פיהרען אַמוניציע דורך אזא שפּער־פייער". — „ניין", ענטפערט דער ארטילעריסט, „מען ברענגט ניט, ווייל עס איז ניטאָ מעהר וואָס צו ברענגען". און דאָ דערצעהלט ער אונז: „ביי נוי־שאטא האָבען מיר אָנגעהויבען און געיאָגט די פראנצויזען, ווי א חיה אויף געיעג. מיר האָבען געשטורמט פאָרווערטס, ווי ווילדע, מענשען און בהמות אין דער היץ קאפּוט געמאכט. אין די פּאָר טעג האָט מען ניט געקענט ווידער פעריכטען די צערשטערטע אייזענבאהנען און ברענגען אין אָרדנונג די חרוב'ע טראנספּאָרט־מיטלען. אין ווילדער שכרות פון זיעג האָט מען אַלץ געלאָזען ליעגען און מען האָט געוואגט אריינצודרינגען אין דאָס הארץ פון פראנקרייך. אָהן זין, אָהן פערשטאנד האָט מען זיך געיאָגט פאָראויס; אַלע פערבינדונגען אויף צוריק זיינען אָפּגעבראָכען. מען האָט גאָר ניט געפיהלט, ווי מען איז אליין אריין אין דער פאסטקע, וואָס די פראנצויזען האָבען געשטעלט. ביז מיר וועלען נאָר בעקומען די ערשטע אַמוניציע און אנדערע הילפס־מיטלען — מען מוז דאָך איצט אַלץ פיהרען פער אקס — וועט מען אונז אלעמען אויסשניידען".

ביז אהער האָבען מיר זיך בלינד פערטרויט אויף דער אונבעזיעגבארער סטראטעגיק פון אונזער „גרויסען גענעראל שטאב", און איצט דערצעהלט מען אונז גאָר אזא מעשה! מיר האָבען עס פשוט ניט געגלויבט. און דאָך האָבען מיר גע־

פיהלט, אז אונזער לאַגע איז ניט גאָר יום־טוב׳דיג. די פראַנ־צויזען זיינען דאָך אין אייגענעם לאַנד, אין דער נאָהענטסטער נאָהענטקייט פון פאַריז, זייער גרעסטער לאַגער פון אמוניציע און הילפס־מיטלען, צו זייער דיענסט שטעהען אויסגעצייכענטע אייזענבאַהן־פערבינדונגען. דערצו האָבען די פראַנצויזען אָנ־געהאַלטען א פורכטבאַרען ארטילעריע־פייער און זייערע קאַ־נאָנען זיינען געווען פון אזעלכע גרויסע קאַליבערן, וועלכע מיר האָבען נאָך ביז אהער ביי זיי ניט געטראָפען. פון דעם אַלעם האָט מען געקאָנט דרינגען, אז זיי געפינען זיך אין פאָזיציעס, וועלכע זיי האָבען צוגעגרייט פון לאַנג, און אז די פראַנצויזישע קאַנאָנען זיינען אזוי איינגעבויט, אז מיר קענען זיי ניט דער־גרייכען.

ניט קוקענדיג אויף דעם אַלעם, האָבען מיר נאָך געגלויבט, אז דער קאַנאָניער האָט צו שווארץ געזעהן. באַלד איז אונז בעשערט געווען צו בעקומען א בעסערע לעהרע.

XII

ביי דער מאַרן

מיר זיינען שוין געווען נאָהענט צו דער פערטהיידיגונגס־ליניע. אויפגענומען מיט א בעטויבענדען פייער פון מאַשין־געוועהר, זיינען מיר אין דער גרעסטער איילינקייט צוגעקומען צו דעם צייטווייליגען טרענטש, וועלכער האָט אונז געזאָלט שיצען. עס האָט אָנגעהויבען גיסען א שלאַגס־רעגען. דאָס פעלד איז געווען בעדעקט מיט טויטע און פערוואונדעטע, און דאָס האָט געמאַכט שווער די פערטהיידיגונג. פון דער בעריה־רונג מיט דעם לעהמיגען באָדען, האָבען פיעלע פערוואונדעטע בעקומען וואונד־קראַמפּף, א מין קאָנוואולסיע, ווייל דאָס רוב פון זיי זיינען געלעגען ניט פערבאַנדאַזשירט. זיי האָבען אַלע געבעטען וואסער מיט ברויט. צוויי טעג שוין, אז זיי האָבען זיך געוואַלגערט אין דעם דאָזיגען גיהנום און די גאַנצע צייט האָבען זיי אין מויל ניט געהאַט.

מען האָט אונז קוים בעוויזען פאַנאַנדערצוטהיילען אויף פערשיעדענע פונקטען, ווי די פראַנצויזען האָבען שוין אָנגעהויבען א גרויסע מאַסען־אַטאַקע. די סאָלדאַטען, וואָס האָבען דעם גראָבען בעזעצט, האָבען שוין א סך אַזעלכע אַטאַקעס אָפּגעשלאָגען. איצט האָבען זיי אונז, די נייע, צוגעגעבען מוטה צום שיסען און אליין האָבען זיי, ווי בענומענע, געפייערט אויף די פיינדליכע מאַסען, וועלכע האָבען זיך געטראָגען אויף אונז אין שטורם. די אָפיצירען האָבען אויך געשריען: „פייערען, פייערען, לעבעדיגער פייערען!" מיר האָבען געפייערט, געפייערט. ביז די רעהר פון ביקס איז געוואָרען גליהענד הייס. דער געגנער האָט זיך פערקערעוועט אויף צוריק. צו די מאַסען קרבנות, וואָס זיינען שוין געלעגען צווישען אונז און דעם געגנער, זיינען איצט צוגעקומען נייע הונדערטער. די אַטאַקע איז אָפּגעשלאָגען. עס איז פינסטער און עס רעגענט און רעגענט. אומעטום הערט מען אין דער פינסטער, ווי די פערוואונדעטע רופען, וויינען און יאָמערען. די פערוואונדעטע, וואָס ביי אונז אין גראָבען, קרעכצען אויך און שרייען. אלע ווילען מען זאָל פערבינדען זייערע וואונדען. אָבער מיר האָבען מעהר קיין פערבאַנד־שטאָף ניט. מיר רייסען אָפּ שטיקער פון אונזערע שמוציגע העמדער און לעגען די טראַנטעס אויף די שרעקליכע וואונדען. מענשען געהען אויס, שטאַרבען; קיין דאָקטאָר, קיין פערבאַנד־שטאָף, קיין זאַך איז ניטאָ! די פערוואונדעטע מוז מען העלפען, אָבער די פראַנצויזען פערטרייבען פון האלז מוז מען דאָך אויך. אן אומגליקליכער צושטאַנד! דער רעגען ווערט אַלץ שטאַרקער. מיר זיינען שוין דורכגענעצט ביז די ביינער. מיר שיסען בלינד אין דער פינסטערניש אריין; דער געוועהר פייער ווערט שטאַרקער, שוואַכער און ווידער אמאָל שטאַרקער. מיר, פּיאָנירען, שטעהען צווישען די אינפאַנטעריסטען. א סאָלדאַט, וואָס שטעהט נעבען מיר, גיט מיר א שטויס: „דו", שרייט ער. — „וואָס ווילסטו?" פרעג איך. — „ווער ביזטו?" — „א פּיאָניר!" — „קום צו נעהנטער!" שיפּעט ער. עס איז ניט היימליך אליין אין אזא

טייוועלשע נאכט. צו וואס ביזטו אויך דא? ווילסט מיך אויך מארדען, ווי די וואס דארטען פון יענער זייט? באלד קומען זיי ווידער, די וואס פון יענער זייט; וועט ווידער זיין שפאס. הערסט ווי די אנדערע ווייגען... דאס מאכט שפאס". און הויבט ווידער אן צו לאכען. דעם מאל הילכיגער און שטארקער ווי פריהער.

פאר מיר איז געוועזן גענוג, איך האב פערשטאנען. ער איז משוגע געווארען. איינער איז פערביי געגאנגען מיט אמר־ניציע, האב איך איהם געבעטען, ער זאל גלייך רופען דעם צוג־פיהרער. דער צוג־פיהרער איז געקומען, אן אפיציר פון אינפאנטעריע. איך האב איהם געמעלדעט, אז דער סאלדאט, וואס שטעהט נעבען מיר, שיסט נאכאנאנד אויף די פערוואונ־דעטע, רעדט ניט צו דער זאך און איז אפנים ניט ביים זינען. דער אפיציר שטעלט זיך צווישען אונז. „קענסטו עפעס זעהען?" פרעגט ער ביי יענעם. — „וואס זעהען? ניין, אבער איך הער, ווי זיי יאמערען און וויינען. נאר אז איך טרעף איינעם גוט, ווערט ער באלד שטיל, שלאפט ער איין..." דער אפיציר שאקעלט מיר צו מיט׳ן קאפ. ער וויל אפנעהמען ביי איהם דעם ביקס; יענער רייסט שנעל ארויס דעם ביקס און שטעלט זיך אויבען אויף דער דעקונג פון גראבען. דא שיסט ער שטעהענדיג אין די מאסע פערוואונדעטע, שיסט און שיסט א פאר סעקונדען נאכאנאנד, ביז ער פאלט אנידער, דורכ־געלעכערט פון א סך פראנצויזישע קוילען.

די דראמע, וואס האט זיך נאר וואס אפגעשפיעלט, האט געהאט ווייניג צושויער. און ווי זי איז נאר פערביי, איז זי שוין פערגעסען געווארען. אלץ, נאר ניט ווערען סענטימענטאל! מען שיסט ווייטער אהן א ציעל. די קולות פון די פערוואונ־דעטע ווערען אלץ שטארקער. פארוואס? די פערוואונדעטע וואס ליגען צווישען ביידע קאמפפס־ליניען, זיינען אויסגעזעצט דעם פייער פון ביידע זייטען. אי מיר, אי די פראנצויזען שיסען בלינד, אהן א ציעל, און ביידע צדדים טרעפען אין די אומגליקליכע פערוואונדעטע, וואס צווישען די ליניעס. קיינער

קען זיי ניט העלפען, ווייל עס וואָלט געווען אַ משוגעת זיך צו דערוועגען געהן צווישען די ליניעס. אַלץ שטאַרקער און בעטענדער ווערען די קולות: „קראַנקען־טרעגער!“, „הילף!“ „וואַסער!“ אונזער ענטפער איז העכסטענס אַ פלוך, אַ קללה.

אונזער גראָבען איז כמעט אויף אַ פּוס הויך פול מיט וואַסער. וואַסער און קלעביגע שיטערע בלאָטע. אין דעם זומפּ ליגען טויטע און פערוואונדעטע איינע נעבען די אנדערע. מען מוז מאַכען פּלאַץ, וואַרפט מען די טויטע איבער דער דעקונג. איינס ביינאַכט זיינען געקומען מענשען מיט טראָגעס (נאָסילקעס) און האָבען צוגענומען אַ טהייל פון די פערוואונדעטע, אָבער פאַר די אומגליקליכע, וואָס צווישען די ליניעס, איז קיין שום הילף ניטאָ.

ביינאַכט האָבען מיר בעקומען אַ בעפעהל: אַ פערטעל אויף פינף פאַרטאָג אַטאַקירען די פיינדליכע ליניע! אין דער פינסטער, אין שלאַנגס־רעגען האָבען מיר זיך צוגעגרייט צו דעם שטורם. פּונקט אַ פערטעל אויף פינף האָבען מיר אָנגעהויבען אונזער שטורם־מאַרש איבער טויטע און פערוואונדעטע. אָבער די פראַנצויזען האָבען אונז פּשוט בעשאָטען מיט אַ פורכטבארען פייער פון מאַשין־געוועהר, און מיר האָבען זיך געמוזט אומקעהרען פון האַלב־וועג. ווידער אומזיסט געאָפּפערט אַ מאַסע מענשען. און ווי נאָר מיר האָבען זיך אומגעקעהרט אין אונזער גראָבען צוריק, האָבען די פראַנצויזען פון זייער זייט אָנגעהויבען אַן אַטאַקע. זיי זיינען צוגעקומען דריי מעטער פון אונזער גראָבען, און דאָ איז זייער אַטאַקע צוזאַמענגעבראָכען אונטער אונזער פייער. זיי האָבען געמוזט אָפּטרעטען צוריק מיט ריעזיגע פערלוסטען. אין אַ משך פון צוויי שעה האָבען די פראַנצויזען געמאַכט נאָך דריי אַטאַקעס, אַלץ מיט גרויסע פערלוסטען און שטענדיג אָהן רעזולטאַטען.

מיר האָבען זיך ניט געקאָנט געבען קיין עצה. אויב מיר זאָלען באַלד ניט בעקומען קיין הילף, וועט אונז זיין אונמעגליך איינצוהאַלטען די שטעלונג. הונגער און דורשט האָבען אונז געפּייניגט, דערצו זיינען מיר נאָך געווען דורכגענעצט ביז די

ביינער און מיער ביז צום פאלען. 10 אזווגער האָבען אונז די פראנצויזען אטאקירט צום פערטען מאָל. זיי זיינען געקומען אין געוואלדיגע מאסען. אונזערע פיהרער האָבען ענדליך פערשטאַנען די גאַנצע געפאהר פון אונזער לאַגע און געגעבען א בעפעהל אָפּצוטרעטען. מיר האָבען זיך א גאָס געטהאָן צוריק, איבערלאָזענדיג פערוואונדעטע און פערשיעדענע מאטעריאלען. מיט אָנשטרענגונג פון אלע קרעפטען האָבען מיר געראטעוועט די מאשין געוועהר און אמוניציע. מיר האָבען אָפּגעטראָטען אויף טויזענד מעטער און האָבען זיך אָפּגעשטעלט און ווידער בעפעסטיגט אין טרענטשעס, וואָס מיר האָבען פריהער געלאָזען הינטער זיך. די אָפיצירען האָבען אונז אָנגעזאָגט, אז דאָ מוזען מיר זיך האַלטען אונטער אלע אומשטענדען: באלד וועלען מיר בעקומען פערשטאַרקונג. אין איין אויגענבליק זיינען די מאשין-געוועהר געווען איינגעבויט, און מיר האָבען שוין ווידער בעשאָסען מיט אַ פייערדיגען האָגעל דעם שונא, וואָס האָט אונז פערפאָלגט. דער פאָרמאַרש פון די פראנצויזען האָט זיך גלייך אָבגעשטעלט. ערמוטהיגט דורך דעם דאָזיגען ערפאָלג, האָבען מיר אָנגעהויבען נאָך ווילדער צו שיסען אזוי, אז די פראנצויזען האָבען זיך ניט געקענט האלטען אויפ׳ן פרייען פעלד און זיי זיינען געווען געצוואונגען צו פערנעהמען א בעפעסטיגטע שטעלונג. די פערשטאַרקונג, וואָס מען האָט אונז צוגעזאָגט, איז ניט געקומען. אומגעפעהר 800 מעטער הינטער אונז זיינען געשטאַנען זעקס דייטשע באַטערייען אין בעפעסטיגטער פאָזיציע, זיי האָבען אָבער אָנגעהאלטען נאָר א שוואַכען פייער.

אַן ארטילעריע-אָפיציר איז געקומען צו אונז און האָט נעפרעגט דעם קאָמאַנדיר פון אונזער אָפּטהיילונג, צו עס וואָלט ניט געווען גלייכער, מיר זאָלען די באַטערייע צונעהמען פון דאָרטען; ער האָט זיך דערוואוסט דורכ׳ן טעלעפאָן, אז די דייטשע ליניע וואקעלט זיך אין איהר גאַנצער לענג. איידער אונזער קאָמאַנדיר האָט נאָך געהאַט צייט צו ענטפערען, האָבען די פראנצויזען ווידער אָנגעהויבען אַן אטאקע, דעם מאָל אין

זעהר א גרויסער מאסע, אן ערך פון פינף ביז זיבען מאָל גרעסער ווי אונזערע קרעפטען. אָהן בעפעהל, אָבער איינמוטהיג, ווי לויט א קאָמאַנדע, האָבען מיר די שטעלונג אויך אָפּגעראַמט, אין גאַנצען דעמאָראַליזירט האָבען מיר אָפּגעטרעטען, ריכטיגער ענטלאָפען, און די זעקס באַטארייען (36 קאַנאָנען) האָבען מיר איבערגעלאָזען רויב פאר דעם געגנער. די פראַנצויזען האָבען איצט איינגעשטעלט זייער שפּער־פייער, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, אז עס וועט שאַדען זייער אייגענע מיליטער, וואָס זיינען געווען אין פאָר־מאַרש. דעם מאָמענט האָבען די דייטשען אויסגענוצט צו ברענגען אין קאַמפף א פערשטאַרקונג, צונויפגעקליבען פון אלע מינים וואפען. אָפּגעריסענע אינפאַנטעריע, שיריים פון קאַוואַלעריע און פּיאָנירען, וועלכע האָבען זייערע אָפיצירען פערלאָרען — אלץ האָט מען צוזאַמענגעפּויקט; אבי אָנצופילען די רייהען. קיין געשלאָסענע רעזערוו־באַטאַליאָנען זיינען אין יענעם טאָג, דעם דריטען טאָג פון שלאַכט, שוין אפנים ניט געווען.

ווידער אַמאָל הערט מען א קאָמאַנדע: פערקערעוועט — דאָס ניי. מיר זעהען, ווי דער געגנער מאַכט זיך גרייט אָפּצופיהרען די קאַנאָנען, וואָס מיר האָבען איבערגעלאָזען, מיר זעהען שוין, ווי ער שטורמט פאָרווערטס. דער פיינד ערוואַרט אונז מיט אויפגעהויבענע באַיאָנעטען. מיר קעמפּפען, ווי ווילדע חיות. מינוטען לאַנג ווילדעוועט א קאַמפף אויף באַיאָנעטען, אזוי ווילד, אז ס'לאָזט זיך ניט בעשרייבען. מען שטעכט, מען שלאָגט, וואו נאָר מען טרעפט, אין ברוסט, אין בויך. פאראנען אפילו רעגעלען, ווי מען דארף זיך שלאָגען אויף באַיאָנעטען. אָבער מיט די דאָזיגע רעגעלען רעכענט מען זיך נאָר אין קאַזאַרמע, ביי דער מושטרע. דאָס שלאַכטפעלד ווייס פון קיין רעגעלען ניט. די קאָלבען רוישען אין דער לופטען. יעדער שארבען, וואָס שטעהט איינעם אין וועג, ווערט צושמעטערט. דעם העלם און דעם ראנעץ האָבען מיר שוין לאַנג פערלאָרען. הגם דער שונא איז געווען פיעל שטאַרקער אין צאָהל פון אונז, האָט ער דאָך ניט געקענט ביישטעהן אונזער

קליינעם אָבער שטורעמדיגען מענשען־וואל. מיר האָבען אלע ארום אונז פערגעסען און האָבען געקעמפפט בלוטדורשטיג, אָהן יעדע בערעכענונג. איין טהייל אונזערער האָט דורכגעבראָכען דעם פיינדליכען וואל און איצט קעמפפט ער פאר די פערלאָרע־נע קאַנאָנען.

דער געגנער בעמערקט די געפאהר, ער טרעט אָפּ און שטרענגט אָן זיין גאנצע ענערגיע איינצוהאלטען די געוואונענע קאַנאָנען. מיר האָבען נאָך אלץ ניט אָפּגעלאָזען, מיר פער־פאָלגען דעם וויכענדען געגנער און שטעכען מאָן פאר מאָן. ארום די קאַנאָנען אָבער זאמלען זיך די פיינדליכע קרעפטען די ארטילעריסטען פּרואווען אראָפּנעהמען די שלעסער פון די קאַנאָנען. ביי דעם דריטען קאַנאָן רעכטס פון מיר קעמפּפען נאָך דריי דייטשען געגען פיער פראַנצויזען; אלע איבריגע ליגען שוין טויט אָדער פערוואונדעט אויף דער ערד. ביי דעם קאַנאָן אליין זיינען געוועזען אומגעפעהר 70 טויטע און פער־וואונדעטע. אַ פּיאָניר שטעהט ביי דער עפענונג פון רעהר. מיט אַ וואונדערבארער רוהיגקייט שטאָפּט ער אַ האנד־גראנאַט נאָך אַ האנד־גראנאַט אין רעהר אריין. נאָכהער צינט ער אָן און ענטלויפט. עס הערט זיך אַ פורכטבארער אויפרייס, און פריינד און פיינד ווערען צעריסען אין טויזענדער שטיקער. דער קאַנאָן איז אין גאנצען פערדאָרבען. צוליעב איין קאַנאָן האָבען זיך 70 ביז 80 מענשען אָבגעשאָכטען, אין פולען זינן פון וואָרט אָפּגעשאָכטען.

נאָך אַ קאמפף, וואָס האָט געדויערט כמעט אַ שעה, זיינען אלע קאַנאָנען ווידער אין אונזערע הענד. ווער קען זיך אָבער מאַכען אַ בעגריף, וואָס דאָס האָט געקאָסט, איידער מען האָט דאָס פערלאָרענע צוריקגעוואונען? טויטע און פערוואונדעטע אינפאַנטעריסטען, קאוואלעריסטען, פּיאָנירען און ארטילעריס־טען, אונזערע און פראַנצויזען, האָבען אין די הונדערטער בע־דעקט דעם ענגען פּלאַץ, דעם פערהעלטניסמעסיג קליינעם שטח, אויף וועלכען די בלוטיגע טראַגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּיעלט...

מיר האָבען ווידער בעקומען פערשטאַרקונג. דעם מאָל פיער רעגולערע קאָמפּאַניעס אינפאַנטעריע, וועלכע מען האָט צוגענומען פון אַן אַנדער פּונקט. אַן איינצעלנער, ווען ער נעהמט אפילו אַנטהייל אין אַלץ, האָט ער דאָך אַ בעגריף נאָר וועגען דעם בעשרענקטען אָרט, וואו ער געפינט זיך; ער האָט קיין מעגליכקייט ניט צו וויסען די אַלגעמיינע זאַכלאַגע. די ערשטע פערשטאַרקונג, וואָס איז געווען צוזאַמענגערופען פון אַלערליי מינים מיליטער, נאָכהער די פערשטאַרקונג, וואָס מיר האָבען אָקאָרשט בעקומען, צוגענומען פון אַן אַנדער פונקט, וואָס האָט זיך געפונען אין אַזאַ געפעהרליכער לאַגע, ווי אונ־זערער, דאָס אַלץ האָט אונז ערשט גענעבען צו פיהלען, אַז בײשטהען גענען אַטאַקעס איז מעגליך נור, ווען עס וועלען באַלד אָנקומען פרישע מיליטער. ווען מיר וואָלטען וועניגס־טענס בעקומען עפּעס צו עסען. אָבער אָט דער פּיינליכער, דער אונמעגליכער דורשט...

דערווייַלע זיינען געקומען צו שפּרינגען די בעשפּאַנונגען פון די קאַנאָנען, אָפּצופיהרען די קאַנאָנען, וואָס זיינען נאָך געבליבען. דאָס איז געווען אַ קאָלאָנע פון דרייסיג שפּאַנען, אין יעדען שפּאַן צו זעקס פערד. און גלייך האָט די פראַנ־צויזישע קאַוואַלעריע געעפענט אויף די אָנגעפאָהרענע אַ פער־ניכטענדען פייער פון אַלע קאַליבערן געוועהר. די פערד האָבען זיך דערשראָקען, אויפגעהויבען די פאָדערשטע פיס אין דער לופטען, געוואָרפען זיך אויף אַלע זייטען, געשלעפּט נאָך זיך די געשטעלען מיט די רעדער איבערגעקעהרטע פון אונטען ארויף. איינינע ווילד געוואָרענע פערד האָבען זיך געטראָגען גלייך אין שטאַרקסטען און שווערסטען פייער אריין, און דאָר־טען זיינען זיי צוזאַמען מיט זייערע פיהרער צוריסען געוואָרען אויף שטיקלעך. נאָכדעם האָט דער גענער איבערגעטראָגען זיין פייער אויף די שטעלונג פון די באַטערייען, דאָס הייסט אויף דער פּאָזיציע, וואו מיר זיינען געשטאַנען. דאָ איז געווען נאָר איין ברירה: פאָראויס אָדער צוריק! צוריק? ניין. דער בעפעהל האָט געהייסען אַנדערש: צוריקגעווינען די פערלאָרענע

ערשטע פּאָזיציעס, אין וועלכע די פראַנצויזען זיינען איצט געזעסען און האָבען זיך אפּנים געגרייט צו א נייער אטאַקע. מיר האָבען דאָך איצט בעקומען נייע קאַנאָנען־פלייש, דער משוגע׳נער טאַנץ האָט זיך געקאָנט אָנהויבען פון דאָס ניי. זיינען מיר געגאַנגען פאָרווערטס, פאָרווערטס איבער דאָס ווייטע פעלד, וואָס איז געווען בעדעקט מיט טויזענדער אויף שטיקלעך צוריסענע מענשען־לייבער.

אויף אונז איז קיין שאָס ניט געפאַלען. נאָר די פיינד־ליכע ארטילעריע האָט נאָך אַלץ בעשאָטען די שטעלונגען פון אונזערע באַטערייען. אונז האָט דער ארטילעריע פייער אויסען געלאָזען. די פראַנצויזישע אינפאַנטעריע האָט אונז אויך צו־רוה געלאָזען. דאָס האָט אונז געמאַכט אונרוהיג. מיר האָבען געוואוסט, וואָס דאָס בעדייט. מיר האָבען זיך אַלס ווייטער גערוקט פאָרויס, נאָך אַלץ ניט בעריהרט. פּלוצלונג זיינען מיר אטאַקירט געוואָרען פון אַן אבטהיילונג מאַשין־געוועהר. אויף אונז האָט זיך גענומען שיטען א האָגעל פון קוילען, וואָס לאָזט זיך ניט בעשרייבען. מיר וואַרפען זיך צו דער ערד, זוכען וועלכע עס איז דעקונג. „שפּרינג אויף! מאַרש! מאַרש!“ און מיר לויפען ווידער דעם טויט אין די אָרעמס. כמעט מעהר ווי א דריטעל פון אונזערע האָבען מיר שוין פערלאָרען. אויסגעשעפּט, אָהן כחות, שטעלען מיר זיך ווידער אָפּ, פער־נעהמען א שטעלונג, ערשט א נייע אטאַקע. די פראַנצויזען זיינען אונז בעפאַלען פון פאָרענט און פון די פלאַנקען. מיר האָבען שוין ניט מעהר געהאַט קיין קרעפטען אָפּצושלאָגען די אטאַקע פון אַלע זייטען; דערצו זיינען די פראַנצויזען געווען א סך מעהר פון אונז: זיי האָבען אונז פּשוט דערדריקט מיט זייער אויבערמאַכט. דער לינקער פליגעל איז געווען אין גאַנ־צען אָפּגעשניטען, און מיר האָבען געזעהען, ווי אונזערע מענשען אויף יענעם פליגעל האָבען אויפגעהויבען די הענד אין דער הויך און דערמיט געגעבען צו פערשטעהן, אז זיי רעכענען זיך פאַר געפאַנגענע. אָבער פונקט ווי מיר פריהער, אזוי האָבען די פראַנצויזען איצטער ניט געגעבען קיין פּאַרדאָן. פון

אונזער לינקען פליגעל האָט מען קיינעם ניט געשאַנעוועט. אַלע ביז איינעם זיינען געפאַלען.

מיר אין צענטער האָבען ניט געקענט העלפען. מיר אַליין זיינען דאָך אויך פון מינוט צו מינוט געוואָרען וועניגער. „ראַכע פאר סאָמפּי!" האָט עס מיר געשריען אין די אויערען. דער רעכטער פליגעל האָט זיך אָפּגעבראָכען פון אָרט און ער האָט אונז מיטגעריסען, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ ווילדער געלויף.. אזוי ווי דער גלייכער וועג צוריק איז אונז געווען אָפּגעשניטען, זיינען מיר געלאָפען איבער פרייע פעלדער, יעדע־רער פאר זיך אַליין, נאָכאַנאַנד אונטער דעם פייער פון שונא, און דאָס הארץ האָט געקלאַפּט אזוי, אז עס האָט זיך געדוכט, באַלד וועט עס פלאַצען.

נאָך אַ לאַנגען לויפען האָבען מיר דערגרייכט אַ קליינעם דאָרף, נאָרד־וועסט פון וויטרי־לע־פראַנסוא. אָהן געוועהר, אָהן אַ העלם, אָהן אַ ראַניעץ זיינען מיר אהער געקומען, איינער נאָך דעם אַנדערען. אָבער נאָר אַ קליינער טהייל האָט זיך געקענט ראַטעווען. די פּראַנצויזען האָבען געהאַט אַ סך גע־ווינס. אַלע קאַנאָנען, פאר וועלכע מען האָט זיך געשלאָגען, זיינען אריינגעפאַלען צו זיי אין די הענד, דערצו נאָך אַ סך אַנדערע. פון אונזערע סאָלדאַטען זיינען געבליבען קוים הונ־דערט. אַלע איבריגע זיינען טויט, פערוואונדעט, פערלאָרען — װער ווייס זיי? איז דאָס די פורכטבארע דייטשע קריעגס־מאשין? זיינען דאָס די שרעקעדיגע, דעגענירירטע פראַנצויזען, װעלכע מיר האָבען אזוי לאַנג געטריעבען פאר זיך? ניין, דאָס איז דער פורכטבארער שרעקליכער קריעג, דאָס זיינען די שאַנ־סען, וואָס בייטען זיך: היינט דו, מאָרגען איך...

צווישען די, וואָס האָבען זיך געראַטעוועט, האָט זיך יעדער איינער אויסגעזוכט סאָלדאַטען פון זיין קאָמפּאַניע. פון אונ־זער קאָמפּאַניע זיינען מיר דאָ געווען אין גאַנצען 12 מאַן. ביסלעכווייז זיינען פון אַלע זייטען צוגעקומען נאָך אונזעריגע. ענדליך זיינען מיר געווען צוזאַמען 20. מען האָט אָנגעהויבען האַסטיג אויספרעגען איינע די אַנדערע. יעדערער וויל זיך

דערוויסען וועגען זיינע פריינד, חברים און בעקאַנטע. אָבער קיינער ווייס ניט, וואָס צו ענטפערען: יעדערער פון אונז האָט דאָך אין דער שרעקליכער מינוט געקלעהרט נאָר וועגען זיך און וועגען קיין אַנדערען אויסער זיך. געטריבען פון הונגער, זיינען מיר דורכגעגאַנגען דעם דאָרף, געזוכט איבערצוכאַפּען דאָס האַרץ. פריהער פאר אַלץ האָבען מיר געטרונקען וואסער, אַזוי פיעל וואסער, ווי מיר וואָלטען וועלען זיך אָנטרינקען צו זאַט פאר׳ן גאַנצען לעבען. צום עסען האָבען מיר גאָרניט געפונען. נאָר אין די גערטנער ערטערווייז אַ פּאָר ריבען, וועלכע מיר האָבען געשלונגען, ווי הונגעריגע וועלף, ניט אָרומגעוואַשען, ניט אָבגעשיילט, ניט אָבגערייניגט.

וואו אָבער איז אונזער קאָמפּאַניע? קיינער האָט עס ניט געוואוסט. מיר זיינען די קאָמפּאַניע, מיר צוואַנציג מאַן. און די אָפיצירען? „ערגעץ וואו", זאָגט אַ סאָלדאַט, „ערגעץ וואו אין אַ ווינקעל, וואָס איז זיכער פון באָמבעס". וואָס אָבער זאָלען מיר טהאָן? מיר האָבען עס ניט געוואוסט. באַלד איז געקומען צו רייטען אַ וואַכמיסטער פון דער פעלד־זשאַנ־דאַרמעריע. די דאָזיגע „פערטהיידיגער פונ׳ם פאטערלאַנד" האָבען די אויפגאַבע אויפצופּאַסען הינטער׳ן פראָנט. „וואָס?" הויבט ער אויף אונז אויף זיין קול. „וואָס טהוט איהר דאָ?" „דרייסיגסטער רעגימענט?" און ער שטעלט אַ לאַנגע רייהע פראַגען, אויף וועלכע מיר ענטפערען, ווי מיר קענען. „וואו זיינען די איבריגע?" — „דאָרטען", זאָגט אַ יונגער בערלינער, און ווייזט אָן אויף דעם שלאַכטפעלד, „טויט אָדער געפאַנגען; אפשר האָבען זיך אייניגע געראַטעוועט און געפינען זיך ערגעץ־וואו". — „ניט יום־טוב׳דיג!" רעדט אויס מיט אַ בייזער דער שטרענגער וואַכמיסטער, ווען דער גע־שפּרעך הויבט שוין אָן צו ווערען אונאַנגענעהם. „וואַרט דאָ ביז איך וועל קומען צוריק. וואו זיינען די אָפיצירען?" קיי־נער ווייס ווידער ניט, וואָס צו ענטפערען. „ווי רופט מען זיי? איך וועל זיי שוין געפינען. אפשר זיינען זיי אין וויטרי". מיר רופען איהם אָן די נעמען פון אונזערע אָפיצירען. ער

גיט אונז א שיין, מיר זאלען קענען ווייזען אנדערע אויפפאסער, וואס וועלען אונז פרעגען, פאר וואס מיר בומבלען ארום, און ער ווערט פערשוואונדען. „הלואי זאל דער פערד פאלען און דער קערל זאל ברעכען דעם האלז!“ די דאזיגע ברכה גיט איהם איינער פון אונז מיט אויפ'ן וועג. מיר געהען אריין אין א הויז, א צוראבעוועטע, ווי אלע אנדערע הייזער פון דארף, לעגען זיך אויף מאטראצען, וואס וואלגערען זיך אויף דער ערד, און שלאפען — שלאפען און שלאפען...

ווי לאנג מיר האבען דא געשלאפען, האט קיינער פון אונז ניט געוואוסט. מיר האבען נאר געזעהען, אז עס איז געווען נאכט. איינינע פון אונזער קאמפאניע האבען אונז געוועקט. זיי האבען אונז לאנג געזוכט: „קומט, דער „אלטער“ איז דרויסען, ער גוואלדעוועט, אז הימעל עפען זיך. ער האט צוזאמען געקליבען 17 מענשען און ער שילט און פלוכט, אויף וואס די וועלט שטעהט“. פערשלאפען און אין גאנצען אהן ווילען, שלעפען מיר זיך נאך זיי. מיר ווייסען, מען וועט אונז ווידער שיקען געגען טויט, אבער אונז קימערט עס ניט; מיר האבען נאר אין גאנצען פערלוירען דאס גלייכגעוויכט און קיינמאל זיינען מיר נאך ניט געווען אזוי גלייכגילטיג צו אלץ און צו אלעמען ווי אין דעם דאזיגען אווענד. אט שטעהט דער „אלטער“. ער זעהט אונז אנקומען, די קעפ ניט בעדעקט, דער גאנצער מונדיר צוריסען, צופליקט, אהן געוועהר און אהן א ראניעץ. „וואו טרייבט איהר זיך ארום, שלאפמיצקעס, וואס איהר זייט?“ דאס איז געווען דער ערשטער קבלת פנים. קיינער ענטפערט ניט. וואס ארט עס אונז? ערגער, ווי עס איז, קען דאך שוין ניט ווערען. אבער הגם מיר פיהלען אלע דעם אונרעכט, וואס מען האט אונז געטהאן, בלייבען מיר שטום.

„וואו האט איהר אייער געוועהר, דער העלם וואו איז, דער ראניעץ?“ — „פערלארען? פערלארען? — „יא, איך וויים, א שעהנע געשיכטע, נימא וואס צו רעדען. שטאאטס־קאליקעס זייט איהר, אן עלענדע געזינדעל... נא, ווען אלע וואלטען געווען אזעלכע, ווי איהר...“ און אזוי נאך א היבשע ווילע.

אַט דער פיינער מאַן האָט דאָס „געזינדעל“ געלאָזען לויפען און אליין האָט ער „פערטהיידיגט דאָס פאטערלאנד“ אין וויטרי פיער אָדער זעקס קילאָמעטער הינטער דעם פראָנט. ארום אונז זיינען געלעגען ביקסען, האָבען מיר אויסגעזוכט די בעסטע צווישען זיי און מיר זיינען באלד ווידער געווען „גרייט צום געשעפט“. האלב שלאָפענדיג זיינען מיר געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף דער עפענונג פון די ביקסען און האָבען געוואַרט, ביז מען וועט אונז ווידער פיהרען צו דער שחיטה. פּלוצלונג הערט זיך צווישען אונז אַ שאָס. דעם „פערדאָרבענעם פאָהנען־יונקער“, ווי די אָפיצירען האָבען איהם גערופען, האָט עס צושמעטערט די גאנצע רעכטע האנד. ער שרייט פון ווילדען שמערץ. מען פערבינדט איהם די האנד. דער אָפיציר פרעגט: „ווי האָט עס פּאסירט?“ איינער, וואָס האָט עס געזעהען, דערצעהלט: „בעת דאָס האָט פּאסירט, האָט ער ווי מיר אַלע געהאלטען די האנד אָנגעשפּאַרט אויף דער עפענונג פון ביקס. מעהר האָב איך ניט געזעהן“. „האָט ער דעם ביקס געזיכערט (עס זאָל ניט אויסשיסען אליין פון זיך)?“ „ווייסט איהר ניט, אז עס איז פערבאָטען אָנצושפּארען די האנד אויף דער עפענונג און אז ווען דער ביקס איז אָנגעלאָדעוועט מוז מען איהם זיכערען? ווייסט איהר ניט דעם פאָר־שריפט?“ דערביי ווענדט ער זיך צו דעם פערוואונדעטען, וועלכער דרעהט זיך אין דרייען פאר וועהטאָג, און שרייט אויף איהם: „איך וועל אייך מעלדען צו בעשטראפונג פאר גראָבער נאכלעסיגקייט און פאר קאַליעטשען זיך אליין אין פעלד!“ מיר אַלע האָבען יאָ געוואוסט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. דער פערוואונדעטער איז געווען אַן אונטער־אָפיציר, אָבער אַן אָרימער יונג. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אז ער קען מעהר קיין קאריערע ניט מאַכען. מיר סאָלדאַטען האָבען איהם ליעב געהאַט, ווייל ער האָט אונז בעהאַנדעלט מענשליך. מיר האָבען אָבער אויך געוואוסט, אז פון אויבען דריקט מען איהם שטאַרק, און מיר האָבען זיך געוואונדערט, וואָס דער „אומגליק“ האָט מיט איהם שוין פריהער ניט געטראָפען.

XIII

די נידערלאַגע ביי דער מאַרן

אונזער קאָמפּאַניע, וואָס איז איצט בעשטאַנען פון 85 מאַן, האָט בעקומען אַ בעפעהל צו דערגרייכען דעם פּונקט, וואו די סאָלקס פאַלט אין דער מאַרן אריין.

מיר האָבען אָבגעמארשירט און אום 6 אוהר אין דער פריה זיינען מיר געווען ביים ציעל. איבער'ן פעלד, איבער וועלכען מיר זיינען געגאַנגען, זיינען געלעגען גאַנצע בערג מיט טויטע. דער טויט האָט אומעטום געהאַט אַ פורכטבארען געראַטעניש. מיר זיינען געלעגען אין אַ וועלדעל אויף אַ בארג פון דער זייט מארנע, און מיר האָבען געקענט זעהן דעם שטח ביעלע קילאָמעטער ארום און ארום. טויזענדער גראַנאַטען זיינען געפאַלען און עקספּלאָדירט. מענשען האָט מען שווער געקענט זעהן, כמעט גאָרנישט, כאָטש טויזענדער האָבען דאָרט גע־קעמפּפט אַ פערצווייפעלטען קאַמפּף. אז דאָס אויג האָט זיך צוגעוועהנט, האָבען מיר גענומען שוואַך דערקענען די שלאַכט־ליניע: די דייטשען זיינען געלעגען וואָסערע צוויי קילאָמעטער פון יענער זייט מארנע, וועלכע איז געפלאָסען פאַר אונז. ביי די ברעגען פון טייך האָבען געלאַגערט גרויסע מאַסען דייטשע קאַוואַלעריע. עס זיינען געווען נאָר צוויי לויזע בריקען, צו־נויפגעשטוקעוועט פון דעם נויט־מאַטעריאַל, וואָס מיר פיהרען מיט זיך. זיי האָבען געדאַרפט אויפגעריסען ווערען און זיינען געווען אָנגעשטעקט מיט טויזענדער דינאַמיט־קאַפּסעלס. די עלעקטרישע צינד־דראָטען האָבען זיך געצויגען ביז צו אונזער פּלאַץ, און מיר האָבען דאָס געדאַרפט בעזאָרגען דעם צינד־אַפּאַראַט. דורך דער טעלעפאָנישער פערבינדונג, וואָס מיר האָבען געהאַט, זיינען מיר יעדען אויגענבליק געווען אימשטאַנד צו לאָזען פליהען די בריקען אין דער לופטען.

פון יענער זייט איז געווען לעבעדיג; מיר האָבען געזעהן ווי אויף פערשיעדענע פּונקטען געהען די פראַנצויזען איבער

אין אטאקע און שטראָמען ווידער צוריק. דער קאַנאָנען־פייער איז אלץ העפטיגער געוואָרען, די אטאקען אלץ אָפטער. אזוי זיינען אוועק צוויי לאנגע שטונדען. מיר פון אונזער פלאץ האָבען געקענט זעהן, ווי די פראנצויזען ברענגען צו אלץ מעהר פערשטארקונגען, ניט קוקענדיג אויף דעם דייטשען ארטילעריע־פייער, וואָס ווערט אגב נאָר שוואך אונטערגעהאלטען. נאָך א לאנגער פויזע האָט זיך ווידער אָנגעהויבען אן אטאקע, דאָס מאָל פון פערשיעדענע פונקטען, דורך פערשיעדענע אָבטהיילונגען מיט אמאָל. מעהרערע מאָל האָבען זיי זיך א רוק געטהאָן און ווידער זיך צוריקגעצויגען, און יעדען מאָל מיט גרויסע פערלוסטען. אָבער געגען דריי אזייגער נאָכמיטאָג האָבען אונזערע טרופען גענומען צוריקטרעטען, צוערשט לאנגזאם, דערנאָך האסטיג, אין א געלאף. מידע, אויסגעמאטערטע האָבען אונזערע ניט געקענט אויסהאלטען דעם שטורם, וואָס איז געגעבען געוואָרען מיט אן אונגעהייערער קראפט, און אלע מיט אמאָל אין א ווילדער מהומה האָבען זיך א לאָז געטאָן צו די רעטענדע בריקען. אויך די קאַוואַלעריע, וואָס איז געשטאנען צוגעדעקט מיט די ברעגען פון טייך, האָט גענומען גאלאָפּירען צו די בריקען, און די גאנצע מאסע האָט זיך צוזאמענגעקרעמפּט ביי די בריקען אין א ריעזיגען קנויל, א קנויל פון מענשען און פערד. אין אן אויגענבליק איז די בריק פאר אונז געווען בעדעקט מיט מענשען־לייבער, און אלע אין א ווילדען געדראנג האָבען זיך געזוכט צוצושלאָגען צום אנדערען ברעג. אונז האָט זיך גערוכט, אז אָט אָט, און די צייטווייליגע בריק וועט זיך אונטערגעבען אונטער דער אונגעהייערער משא. אונזער אָפיציער — ריכטיגער, זיין שטעל־פערטרעטער — האָט, ווי מיר אלע, געזעהן פאר זיך דעם גאנצען שטח, האָט געפּרעסט מיט א פערקרעמפטער האנד די טעלעפאָן־טרובע צום לינקען אויער, די רעכטע האנד אויפ'ן ציינד־אַפּאַראַט, וועלכען עס האָט בעדיענט אן אנדערער. מיט אן איינגעהאלטענעם אָטהעם האָט ער נאָכגעפאָלגט די פליהענדע מאסען. „זאָל נאָר דער טעלעפאָן ניט איבערגע־

האקט ווערען", האָט ער געמורמעלט פאר זיך פון צייט צו צייט. ער האָט געוואוסט און מיר אַלע האָבען געוואוסט, אז ווי נאָר ער וועט בעקומען א קורצען בעפעהל דורכ'ן טעלעפאָן, מוז ער האנדלען. ער וועט ניט דארפען פיעל טהאָן, נאָר א מאַך מיט דער האנד — און דער מאן ביים אפאראט וועט א דרעה טהאָן דעם שליסעל — און פארטיג.

און די מאסען האָבען זיך אַלע געטראָגען איבער'ן בריק, אָבער נאָך מעהר ווי א העלפט איז אויף יענער זייט, כמעט די גאנצע קאוואלעריע. דער בריק ווייטער אויבען איז ניט אזוי שטארק בעשיצט געוואָרען און דאָרט זיינען שוין כמעט אַלע אין זיכערהייט. מיר זעהען, ווי פראנצויזען פון די פאָר־דערשטע רייהען געהען שוין איבער'ן בריק, אָבער דער בריק בלייבט שטעהן. דער פעלדפעבעל, וואָס בעדיענט דעם צוויי־טען אפאראט, קען זיך קיין עצה ניט געבען, ווייל ער בעקומט ניט קיין בעפעהל, און אויס אייגענער איניציאטיווע לאָזט ער דעם בריק פליהען אין דער לופטען און הונדערטער פראנצויזען פון בריק געפינען א נאַסען קבר אין דער מארן...

אין זעלבען מאָמענט האָט דער אָפיציער, וואָס איז גע־לעגען נעבען מיר, בעקומען א בעפעהל דעם צווייטען און לעצטען בריק אויפצורייסען. ער קווינקעלט זיך און איילט זיך ניט דעם בעפעהל ווייטער איבערצוגעבען, דען ער זעהט נאָך א גרויסע מאסע דייטשען אויף יענער זייט; ער זעהט דאָס שטויסען זיך און דאָס קעמפפען פון די אָנקומענדע. יעדער וויל צוערשט געווינען דעם צוגאנג צום בריק, אַלע ווילען זיך ראטעווען. עס ווערט א שרעקליכע בהלה, פיעלע סאָלדאטען ווארפען זיך אין טייך אום איהם אריבערצושווימען. און דאָס שטופעניש און דער געדרענג פון די נאָך פערבליבענע אייניגע טויזענד אויף יענער זייט ווערט אַלץ ביטערער, און אַלץ דרינגענדער ווערט דער רוף פון טעלעפאָן. דער אָפיציער שפרינגט אויף, שטויסט אַב דעם מאן פון אפאראט און אין דער נעקסטער סעקונדע — אן אימה'דיגער קנאַל — און דער בריק און די מענשען ווערען געשליידערט אין דער לופטען

הונדערטער מעטער הויך, און ווי אן אויסגעפלייצטער טייך אין פריהלינג טראָגט מיט זיך אלץ, וואָס ער פאַקט אויפ'ן וועג, אזוי איז אויך די אויבערפלעך פון דער מארנע בעדעקט געוועזן מיט האָלץ און מענשען, מיט צופיצעלטע מונדירען און צוריסענע פערד. שווימען איז שוין געוועזן גאַנץ אומזיסט, אָבער סאָלדאטען האָבען זיך נאָך אלץ געוואָרפען אין וואסער אריין.

פון יענער זייט האָבען די פראנצויזען שוין גענומען ענטוואפנען די דייטשע סאָלדאטען, וועלכע זיינען געשטאנען מיט הויך אויפגעהויבענע הענד. טויזענדער געפאנגענע, אָהן א שיער פערד און מאשין־ביקסען זיינען אריינגעפאלען אין די הענד פון געגנער. אייניגע פון אונז האָבען שוין געהאט בדעה צו פערנעהמען די איצט שוין איבעריגע צינד־שטאָפען און זיך אָבטראָגען. האָבען מיר דאָ ערפאהרען א זאך, וואָס מאנכער פון אונז האָט שוין פריהער חושד געווען. דאָ איז געמאכט געוואָרען א טעות, וואָס מען האָט איהם שוין ניט געקענט גוט מאכען. ווען דער אויבערשטער בריק, וועלכער איז פון אונזערע סאָלדאטען וועניגער בענוצט געוואָרען, איז שוין געוועזן פון זיי דורכגעדרונגען, האָבען די פראנצויזען זיך גלייך א לאָז געטהאָן איבער איהם אָנצויאָגען די אָבטרעטענדע. און דער קאָמאנדירענדער שטאב, וועלכער האָט אָנגעפיהרט דעם איבערגאנג, האָט דאָ געפלאנעוועט אריבערצולאָזען א בעשטימטע צאָהל פון דעם שונא'ס סאָלדאטען, אזא צאָהל, וועלכע זאָל ניט קענען ווערען געפעהרליך פאר די דייטשע טרופען, וואָס יועלען זיך שוין געפינען אין דערוויילינער זיכערהייט. און דאַן, ווען דער בריק וועט שוין זיין צושטערט, וועלען די אריבערגעאיילטע פראנצויזישע טרופען שוין ניט קענען בעקומען קיין הילף פון זייערע, און זיי וועלען פערניכטעט ווערען, אָדער גענומען ווערען געפאנגען. דערפאר האָט דאָס דער קאָמאנדירענדער שטאב געלאָזט ווארטען מיט זיין בעפעהל אויפצורייסען דעם בריק.

דער פעלדפעבעל אָבער, וועלכער האָט געדארפט דורכ־

פיהרען די אויפרייסונג, האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ, אין דער צומישעניש פון זיינע געדאנקען, אז די טעלעפאָן־דראָטען מוזען זיין צושטערט און ער וועט שוין קיין בעפעהלען ניט בעקומען, האָט ער אוים אייגענער איניציאטיווע אויפגעריסען דעם בריק, וואָס איז געווען געדיכט געפּאקט מיט פראנצויזען, כּדי דעם שונא זאָל ניט געלינגען איבערצורייסען די צינד־דראָטען. צו דער זעלבער צייט האָט דער אָפיציער ביים אפּאראט פון צווייטען בריק בעקומען א בעפעהל, וואָס ניט זיין זין און ניט די ווערטער זיינען איהם קלאָר געווען (ער האָט דאָס שפּעטער אליין צוגעגעבען). און ער כאַפּט און טהוט א וואָרף די טעלעפאָן־טרובקע, פערליערט די רוהע, וועלכע איז דאָ אזוי נויטיג געווען, און טויטעט אלע אונזערע מענשען, וואָס האָבען זיך געפונען אויפ׳ן בריק. און די הונדערטער און הונדערטער פון יענער זייט זיינען געוואָרען דער רויב פון שונא.

מיר האָבען קיין צייט ניט געהאט צו זאמלען גענויערע איינדריקע. דען באלד האָבען מיר ערהאלטען א בעפעהל, אז אלע לייט פון אונזער קאָמפּאניע זאָלען זיך צוזאמענקומען ביי דער קאטעדראַלע אין וויטרי. מיט א זיפץ פון דערלייכטערונג האָבען מיר גענומען אָבגעהן, דאָס מאָל שנעלער ווי געוועהנליך, דען דעם שונא׳ס ארטילעריע האָט שוין סיסטעמאטיש גענומען בעארבייטען דעם גאנצען שטח. פון די פערוואונדעטע פון אנדערע אָבטהיילונגען, מיט וועלכע מיר האָבען זיך צונויפּ־געטראָפען אויפ׳ן וועג, האָבען מיר געהערט, אז די פראנצויזען זיינען שוין אין פערשיעדענע פונקטען אריבער די מארנע. מיר האָבען צוזאמען בעשפּראָכען די לאגע און אלע זיינען מיר געקומען צו איין בעשלוס. שוין אין בעלגיען האָבען מיר געליטען גרויסע פערלוסטען, יעדער טאָג האָט געקאָסט נייע אָפּפער, אלע דינער זיינען געוואָרען אונזערע רייהען, פיעלע קאָמפּאניעס זיינען אין גאנצען צוריבען געוואָרען, אין דורכ־שניט האָבען אלע קאָמפּאניעס שווער געליטען. און מיט די אויסנעהונגערטע, ביז צו א מינימום נעבראכטע קאָמפּאניעס

זיינען מיר געשטאנען נעבן א גענגער, וועלכער איז געווען רייך בעזארגט מיט הילפס־מיטלען. דער גענגער האט כסדר צוגעקראגען פרישע טרופען, און מיר פון שעה צו שעה זיינען געווארען אלץ ווייניגער. און מיר האבען גענומען איינזעהן, אז פאר אונז וועט אונמעגליך זיין זיך איינצוהאלטען אויף אן ארט. פון סאלדאטען פון די פערשיעדענסטע אבטהיילונגען האבען מיר אבער און ווידער בעקומען די בעשטעטיגונג, אז ביי זיי ווי ביי אונז, זיינען די פערלוסטען אין מענשען און מאטעריאל געווען מורא'דיגע. איך האב ניט ווילענדיג א טראכט געטהאן וועגען דעם „גאט פון די דייטשען". שוין־ זשע האט ער זיי פערשטויסען? און איך האב מסתמא אזוי הויך א „טראכט" געטהאן, דאס די אנדערע האבען עס געקענט הערען. „יא, — האט זיך איינער אבגערופען, — ווענען גאט וויל שטראפען, שלאגט ער איהם מיט בלינדקייט". „ער האט וואהרשיינליך זיך דערמאנט אן בעלגיען, זאנשערי, סאמעפי, סוויפ און נאך פיעלע, פיעלע אנדערע און ווי בלינדע רשעים האט ער אונז געלאזט לעבעדיגע אריינלויפען אין א גיהנם".

XIV

דער צוריקטריט

מיר האבען דערגרייכט וויטרי און דא איז דער עלענד פארגעקומען נאך גרעסער, ווי אויפ'ן פעלד, ווארים עס איז קיין הויז ניט געווען, וואס איז ניט געווען איבערפילט מיט פערוואונדעטע. און ביי דעם גאנצען עלענד האט מען ניט פארגעסען צו ראבירען. אום צו שאפען פלאץ פאר די פער־ וואונדעטע האט מען אויסגעליידיגט אלע געשעפטען און די סחורות געווארפען אויפ'ן גאס. די סאניטארען זיינען געגאנ־ גען כסדר, פון הויז צו הויז, און וואס עס האט געהאט א ווערט אין זייערע אויגען, האבען זיי צוגענומען. אבער די ערגסטע „מלחמה־וועלף" — מאראדערען — האבען זיך געפונען ביי די אמוניציע און פראוויאנט־ראטע. אויף זייערע וואגענס הא־

בען זיי גענוג פלאַץ וואו צו בעהאַלטען. עס איז פאַראַן נאָך אַן אינדירעקטער בעווייז, אַז רויבערייען זיינען בעגאַנגען געוואָרען: די דייטשע פּאָסט האָט קאָנפיסקירט אַהן אַ שיעור פעלד־פּאַקעטען, וואָס האָבען אַלע ענטהאַלטען גאָלדענע רינגען, קייטען, זייגערס, איידעל־שטיינער א. א. וו. און ווען אפילו די אויפגעדעקטע פעלע זיינען גענוי אונטערזוכט געוואָרען און די שולדיגע שווער בעשטראָפט, ווייס מען אָבער, אַז בלויז אַ קליינער פּראָצענט פון די פערברעכענס איז ענטדעקט געוואָרען אַזוי אַ שטייגער, אַז אפשר אנטקעגען 1000 פּעראורטיילונגען דאַרף מען רעכענען 100 טויזענד פאַרברעכענס.

אין ווייטרי איז דאָס רויבעריי־געשעפט אוועקגעשטעלט געוואָרען זעהר הויך. די סאָלדאַטען פון די פּראָוויאַנט ראַטעס שטעהען ניט אין דירעקטער לעבענסגעפאַהר בעת'ן קריעג, אין פערגלייך מיט די, וואָס קעמפפען אויפ'ן פראָנט. אַ חוץ דעם פיהרען זיי דאָך דעם פּראָוויאַנט פון דער ארמיי. און ווייל זיי ווייסען, אַז זייער לעבען איז ניט אין געפאַהר און זיי קענען מיט זיכערהייט אָננעהמען, אַז זיי וועלען געזונטערהייט קומען א היים, איז דער קריעג פאַר זיי אַ געשעפט, און אַלץ, וואָס האָט אַ ווערט, נעהמען זיי דאָס רוב צו. דערפאַר האָבען מיר עס פערשטאַנען, וואָרום זיי זיינען אַזעלכע בעגייסטערטע פּאַטריאָטען, גאַנץ אָפּט האָבען מיר זיי געהערט רעדען, אַז זיי ווינשען דער קריעג זאָל אַנהאַלטען יאָהרען. און מיר האָבען אויך שפּעטער געקענט פערשטעהן, וואָרום, אַז דער קייזער פלעגט קומען צום וועסט־פראָנט האַלטען זיינע „פייערינע“ רעדעס, פלעגט ער אַלעמאָל געפינען די ארמיי אין אַן „אויסגעצייכענטער“ שטימונג און „קאָמפּפלוסטיג“ — מען פלעגט איהם אונטערפירקען די פּראָוויאַנט ראַטעס. צו דעם סאָרט חיל געהערט אויך אַ גרויסער טייל קאַוואַלעריע, וועלכע ווערט צוגעגעבען צו יעדער דיוויזיע, צו די קאָרפּוס־ און גענעראַל־שטאַבען.

מיר האָבען באַלד דערגרייכט די קאַטעדראַלע און מיר האָבען זיך געמעלדעט ביי לייטענאַנט שפאַהן, וועלכער האָט דאַ

זיין פּאָסטען געהאַט. ער האָט „זיין פאַטערלאַנד“ דאָ אין דער שטאָדט פערטיידיגט; אַ פריש אָבגעראַזירטער, אין אַ גאַנץ נישקשה׳דיגען אַנציגעל, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענשען, וואָס עס געהט איהם וואויל ווי די וועלט, גאָר קיין פערגלייך ניט מיט אונז. מיר זיינען געשטאַנען פאַר איהם אין צוריסענע, בעשמוצטע און פערבלוטיגטע מונדירען, מיט ווילד־צושויבערטע האָר, מיט אויסגעוואַקסענע לאַנגע בערד, בעדעקט מיט ליים און שמוץ. מיר זאָלען דאָ וואַרטען, האָט ער אונז געזאָגט, וואַרטען, און דאָס אַלץ. מיר האָבען זיך צוגעזעצט און גענומען בעטראַכטען דעם עלענד אַרום אונז. די קירך איז פול מיט פערוואונדעטע. פיעלע זיינען געשטאָרבען אונטער די הענד פון די דאָקטוירים. די טויטע האָט מען אַרויסגעטראָגען צו מאַכען פּלאַץ פאַר אַנדערע. מען האָט זיי אָבגעטראָגען אָן אַ זייט, וואו עס זיינען שוין געלעגען גאַנצע רייהען. מיר האָבען זיך גענומען די מיה צו צעהלען, ווי זיי זיינען דאָרט געלעגען אַקסעל צו אַקסעל, ווי אויסגעמושטירטע, און מיר האָבען אָנגעצעהלט איבער 60. זיי האָבען טיילווייז נאָך געהאַט גאַנץ גוטע מונדירען, אונזערע זיינען געהאַנגען אויף אונז ווי צוריסענע שמאַטעס. אויך זיינען געלעגען אייניגע פון פּיאָנירען־ראָטעס, ווי מיר אַליין, אָבער זייערע רעק זיינען געוועזען ניט בעסער פון אונזערע. וועלען מיר נעהמען אינפאַנטעריע־רעק, וואָס איז די נפקא־מנא? אַ ראָק איז אַ ראָק.

מיר זיינען צוגעגאַנגען און פערשיעדענע טויטע אויסגעטאָן די רעק און זיי גענומען אָנפּראָבירען. לייכט איז עס ניט געוועזען, ווייל די טויטע זיינען שוין געוועזען שטייף ווי שטיקער האָלץ, אָבער האָבען מיר זיך דען געקאָנט העלפען? מיר קענען דאָך ניט אַרומגעהן אין הוילע העמדער. ניט אַלע אונזערע האָבען געפונען וואָס פּאַסיגעס פאַר זיך און האָבען געמוזט וואַרטען אויף אַן אַנדער געלעגענהייט.

שטיוועל האָבען מיר אויך אייגענטליך געדאַרפט, אָבער די, וואָס זיינען געלעגען, האָבען געהאַט ניט פיעל בעסערע פון אונזערע; זיי האָבען זיי אַזוי לאַנג געטראָגען ווי מיר, אָבער

אונטערזוכען וועט דאָך ניט שאדען. און מיר האָבען געזוכט און געפונען נאָך גאָר א נישקשה׳דיגע פּאָר, אָבער פון זעהר א קליינער מאָס. דאָך איינעם פון אונז וועט זי דאָך פּאסען. צוויי אונזערע האָבען פּראָבירט זיי ארונטערצוציהען. „אָה, זיי זיצען צו פּעסט" האָט איינער בעמערקט. זייגען צוגעקומען נאָך צוויי העלפען. צוויי האָבען געהאַלטען דעם טויטען׳ס פוס און צוויי האָבען געצויגען דעם שטיוועל. עס איז ניט געגאנגען. דער פוס איז געווען פערשטיינערט, און עס איז געווען אונמעגליך דעם שטיוועל ארונטערצוקריגען. „לאָז זיין!" — האָט בע־מערקט דער, וואָס האָט געהאַלטען ביים פוס — „איהר וועט איהם אראָבבייסען די פוס צוזאַמען מיט׳ן שטיוועל". מיר האָ־בען שוין געוואָלט אָבלאָזען, ווי א דאָקטאָר איז אונטערגע־קומען. „וואָס טוט איהר דאָ?" — האָט ער אונז געפרעגט. „מיר ווילען די שטיוועל אראָבקריגען", „סיידען איהר וועט זיי אויפשניידען; אומזיסט אייער מיה; א טויטער פוס גיט קיין שטיוועל ניט אראָב". און ער איז אוועק. א גראָבער וויץ האָט דאָ אויך ניט געדארפט פעהלען. אן אינפאנטעריסט, וואָס איז דערביי געשטאַנען, האָט זיך א זאָג געטאָן, אָנווייזענדיג מיט דער האנד אויפ׳ן טויטען: „אָט האָט איהר איהם! וואָס ווילט איהר דען, אז די חברה זאָלען לויפען צו גאָט באָרפיסער־הייט?" מען האָט געלאכט איבער׳ן „וויץ". און פאר וואָס ניט. מיר זיינען דאָך אויסער געפאהר, וואָס קימערט אונז פאר אַנ־דערע? מיר לעבען דאָך נאָך, און די, וואָס ליגען דאָ, הערען דאָך אונז ניט מעהר. שעהנערעם און בעסערעם האָט דער קריעג אונז ניט געלערענט.

מיר האָבען זיך אונטערוועגס צוזאַמענגעבעטעלט אביסעל ברויט, אָבער הונגער האָבען מיר נאָך אלץ געפיהלט. פון אונ־זער פעלד־קיך איז קיין סימן ניט געווען. דער פּערזאָנאַל פון אונזער פעלד־קיך, מיט דעם פוראזש אָפיציער און אונטער־אָפיציר האָבען עס געפונען פאר בעקוועמער צו פערטיידיגען דאָס פאָטערלאַנד אויף א מהלך פון צעהן קילאָמעטער הינטער׳ן פראָנט. וואָס געהען זיי אָן אנדערע? מיר? אזוי לאנג זיי דאר־

פען ניט געהן אין ארטילעריע־פייער, זיינען זיי צופריעדען. און דאָ האָט אויך זייער חבר׳שאַפט א גרענעץ.

עס זיינען אָבער געשטאַנען דערביי פעלדקיכען פון אנדערע ארמיי אָבטיילונגען. זיי האָבען געקאָכט און ניט געקענט לויז ווערען פון זייער געקעכטס. און ווען זייער קאָמפּאניע זאָל אָנ־קומען, ד. ה., דער רעסט פון דער קאָמפּאניע, וועלען זיי נאָך אַלץ האָבען א סך צופיעל. ניט איינער פון די, פאר וועמען זיי האָבען געקאָכט, וועט דאָס עסען מעהר ניט נויטיג האָבען. האָט מען אונז גאַנץ פריינדליך געגעבען, וויפיעל מיר האָבען געדארפט. און קוים זיינען מיר פארטיג געוואָרען, ווי מיר האָ־בען שוין געמוזט זיך ריהרען. פאר דער צייט האָבען זיך צוזאַ־מענגעפינען נאָך אנדערע פון אונזער קאָמפּאניע. און מיר האָ־בען זיך „געריהרט“, אָט דאָס וואָס מען רופט אין קריעג „זיך ריהרען“, דער „אַלטער“ איז געקומען. איינער פון די אָפיציע־רען האָט געמעלדעט דעם “אַלטען” אונזער קאָמפּאניע, אָבער וויפיעל עס פעהלען, האָט ער זעהט אוים איהם ניט געמעל־דעט. אָדער דעם אַלטען איז דאָס ניט אָנגעגאַנגען, און ער האָט זיך גאָר ניט נאָכגעפרעגט, אויב מיר ווייסען וואו איז דער אָדער יענער אהינגעקומען. ער איז ארויסגעטראָטען פאר דער קאָמ־פּאניע און א זאָג געטאָן (א סימן פון גוטער שטימונג): גוט מאָרגען, חברה! (עס איז שוין געווען 7 א זייגער אין אָוועגד!) דער ענטפער איז געווען א מין ברום, וואָס איז געווען ענליך צו א כריוקען אָדער צו א שפּאָטישען הירזשען. אָהן פיעל ווײ־טערע צערעמאָניע האָבען מיר געקראָגען א בעפעהל צו געהן צו די אמוניציאָנס וועגען, וואָס שטעהען ביים צפון אויסגאנג פון שטאָדט, און יעדער זאָל זיך אָנגרייטען מיט געוועהר, אמו־ניציע און דריי האנד־גראנאטען „אום האלב נאָך 9 אין אָוועגד וועט איהר זיך פון דאַנען ריהרען אין וועג אריין.“ אז די ביטערע שלאַכט האלט נאָך אָן האָבען מיר פערשטאַנען נאָך די קנאַלענדע און זיך קייקלענדע פייערען, נאָך די ברענענדע דערפער, וואָס האָבען דעם הימעל ווייט און ברייט רויט געמאַכט.

אויף דעם וועג „אהיים“, ד. ה. צו אונזערע קוואַרטירען,

האָבען מיר פון די רייד פון די אָפיצירען ארויסגענומען, אז די נאכט־אטאקע, וואָס איז אָקאָרשט צוריקגערופען געוואָרען, האָט געזאָלט זיין אונזער לעצטער פערזוך אָבצואוואַרפען די פראנצויזען. מען האָט אָבער אין דעם הויפט־קווארטיר קענטיג אנדערש בעשלאָסען אָדער געמוזט בעשליסען, ווייל מען האָט דאָרט פיעלייכט איינגעזעהן, אז עס וועט זיין אומזיסט, און מען האָט אָבגערופען דעם בעפעהל וועגען דער אטאקע און בע־פוילען א צוריקציהונג, וואָס האָט געזאָלט זיך אָנהויבען מאָרגען 6 א זייגער אין דער פריה. מיר אלענפאלס האָבען קיין פאַר־שטעלונג ניט געהאט, אז דאָס איז אונזער לעצטע נאכט אין וויטרי.

מען האָט אונז פאר נאכט־לעגער געבראַכט אין א שייער. אזוי ווי מיר האָבען שוין לאנג מיט אן אויג ניט צוגעמאכט, זיינען מיר אנשלאָפען געוואָרען ווי געה'הרג'עטע. אום פיער אוהר בעגינען זיינען מיר שוין געוועזן אויף. קיין ברויט האָבען מיר ניט בעקומען, האָבען מיר אָנגעפילט אונזערע פעלד־פלאשען מיט וואסער און אָבגעמארשירט. מען האָט אונז ניט געזאָגט וואו, אָבער מיר האָבען עס שוין אליין געקענט מערקען. אויך די נאָך פערבליבענע איינוואָהנער פון וויטרי האָבען קענטיג עס פערשטאנען. זיי זיינען גרופענוויז געשטאנען אין די גאסען און האָבען אונז צוגעוואָרפען פיעל־בעדייטענדע בליקען. איבע־ראל איז געוועזן א פיבערהאפטע טהעטיגקייט. אויסער'ן שטאָדט האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט. דער קאפיטאן האָט אונז צוגערופען און ערקלעהרט פאָלגענדעס: „צוליעב די אונבע־קוועמליכקייטען פון דעם פלאכען לאנד וועלען אונזערע טרופען אָבליידיגען זייערע פאָזיציעס און זיך צוריקציהען צו יענע בערג־לעך און דאָרט פערנעהמען נייע פאָזיציעס — און דאָ האָט ער זיך אומגעדרעהט און מיט דער האנד אונז אָנגעוויזען אויף אן אויפגעהויבענע ליניע און האָריזאָנט. „דאָרט וועלען מיר זיך בעפעסטיגען און ערוואַרטען דעם שונא, — האָט ער ווייטער גערעדט. — היינט וועלען נאָך צוקומען נייע פערשטארקונגען

און אין איינינע טעג וועט איהר פון פאריז קענען שיקען אנ־זיכטס־קארטען אהיים״.

איך מוז צוגעבען, אז די מעהרסטע פון אונז האבען דער־מאלט דעם שווינדעל געגלויבט אויפ׳ן ווארט. פון אלע זייטען האבען זיך שוין געצויגען אנדערע טרופען־טהיילען. און ווען מיר האבען שוין געהאט אבגעמארשירט א פאר שטונדען, האבען מיר ערפאהרען, אז וויטרי איז שוין בעזעצט פון פראנצויזען, און דאס גאנצע מאטעריאל, וואס דארט איז אנגעזאמעלט גע־ווארען, אויך לאזארעטען־דאקטוירים מיט די פערוואונדעטע, אויך גאנצע סאניטארען־קאמפאניעס זיינען פערנומען געווארען פון די פראנצויזען.

ארום צוויי אזייגער נאכמיטאג האבען מיר דערגרייכט די הויכקייטען, אויף וועלכע דער קאפיטאן האט אונז אנגעוויזען, אבער ער האט זיך ניט וויסענדיג געמאכט און מיר זיינען געגאנגען ווייטער און ווייטער. און דעם נאר פון די נאראנים איז שוין קלאר געווארען, אז מען האט אונז בעשווינדעלט. די וועגען האבען זיך אלץ מעהר אנגעפילט מיט צוריקגעהענדע טרופען און באטאליאנען, פון אלע זייטען האבען זיי געזוכט זיך ארויפצוכאפען אויפ׳ן הויפט־שאסע, מיט וועלכען אויך מיר זיינען געגאנגען, און דאס האט געפיהרט דערצו, אז דער שאסע איז אלץ מעהר איבערפילט געווארען און מען האט אונז אלץ מעהר געשטויסען פאראויס, פאראויס. אמוניציאנס־ראטעס און האלבע ראטעס מיט ליידיגען האבען אונז פערביי־געיאגט, איינציגווייז, אהן שום צוזאמענהאנג, געשלאסענע רייהען זיינען שוין איבערהויפט ניט געווען צו זעהן, שפייז און באגאזש־פוהרען האבען אונז איבערגעיאגט, און דא איז גע־קומען צו א וויסטען מישמאש. יעדע רגע אן אבשטעל און אלע טראמפלען זיך אויף אן ארט. פאר פיעלע האט עס אויס־געזעהן צו לאנג און זיי האבען זיך אויף די פוהרען אוועק־געלאזען מיט דעם דורכגעווייקטען פעלד, נעבען שאסע, אבי נאר צו קומען פארווערטס. איין פוהר האט זיך איבערגעקעהרט, אנדערע זיינען געבליבען שטעקען. האט מען ניט פיעל גע־

דאגה'ט, נאר מען האט אויסגעשפאנט די פערד און איבער־געלאזען די וואגענס. מיט די לעדיגע פערד איז זיי געלונגען צו קומען ווייטער. יעדער האט געזוכט זיך אליין צו פער־זיכערען.

איין סצענע האט אבגעביטען די אנדערע. אן אפיציער איז געקומען צו רייטען און האט געבראכט אונזער קאפיטאן א בעפעהל — וואס האבען מיר ניט געוואוסט. מיר האבען זיך אבער אבגעשטעלט און זיינען אבגעטרעטען אין פעלד אריין, צוזאמענגעשטעלט די ביקסען און זיך צולעגט. זיינען מיר געלעגען נעבען שאסע און צוגעקוקט, ווי עס מארשירען פארביי קאלאנעס פעלד־קיכען, געצייג־, אמוניציע און באגאזש־וואגאנען, סאניטארען־ראטעס, פאסט־וואגענס — אלץ אין א בונטען געמיש. אויף אלע פוהרען זיינען געזעסען און געלעגען פער־וואונדעטע. מען האט געקענט פון זייערע מינעס ארויסלייענען, וויפיעל שמערצען עס שאפט זיי דאס פאהרען אויף די שווערע וואגענס, אבער זיי האבען ניט אנדערש געוואלט מיטפאהרען, האבען זיי דאך געוואוסט פון אייגענער ערפאהרונג, וואס עס מיינט אריינצופאלען אין די הענד פון א פיינד, וואס ווייס פון קיין רחמנות ניט. מען וועט זיי פיעלייכט פונקט אזוי ווייניג שאנעווען, ווי זיי אליין און מיר אלע האבען פריהער געשא־געוועט די צוריקגעבליבענע פערוואונדעטע פון די פראנצויזען, ווייל זיי און מיר אלע האבען עס געוואוסט, האבען זיי בשום אופן ניט געוואלט בלייבען.

מיר האבען נאך אלץ ניט געוואוסט, וואס מען פלאנעוועט דא מיט אונז. עס איז שוין געווארען אווענד און עס האט ווידער גענומען גיסען טייכענווייז. מיר זיינען געלעגען אויף דער ערד און געפראהרען נאר נישטקשה'דיג. דער אבגעשלאפ־טער קערפער האט קיין היץ ניט נעגעבען פון זיך. און דאך איז מען געלעגען, ווייל מען איז געווען צו מיד. איצט האבען שוין אנגעהויבען צו קומען ארטילעריע־אבטהיילונגען, אבער די מעהרצאהל פון די באטארעען האט מעהר שוין ניט געהאט די פולע צאהל (6) קאנאנען. ביי איינער האט געפעהלט דריי,

ביי אן אנדערער צוויי און פיעלע האָבען זיך געשלעפּט מיט איינצעלנע קאַנאָנען. א גאנצע רייה, ארום 50, קאַנאָנען־גע־שטעלען, אָהן קאַנאָנען, האָט זיך פארביינעצויגען. די באַ־טערעע האָט זיך געקענט רעטען נאָר מיט דעם שפּאַן, די קאַ־נאָנען גופא האָבען זיי געמוזט איבערלאָזען אין די הענד פון די פראנצויזען. אנדערע ווידער האָבען אָנשטאָט זעקס פערד געהאט נאָר צו פיער אָדער גאָר צו צוויי.

און אָט פאָהרען אַן ארום 15 אויטאָמאָבילען, עלעגאנטע, שווערע מאשינען. מיר האָבען זיי אָנגעקוקט מיט פערוואונ־דערונג. „אָה, — האָבען מיר דערהערט ארום זיך, — דער גענעראל־שטאב!" הערצאָג אַלברעכט פאָן ווירטעמבערג מיט זיינע געטרייע! און מיר האָבען זיך גענומען בונטעווען צווישען זיך. יעדער איז געווען אויפגעקאָכט און עס האָבען זיך גע־נומען שיטען קללות. „אונז האָבען זיי געלאָזט אויסווערגע אין די טויזענדער און אליין מאכט מען זיך ארויס פון געפאהר אין אויטאָ'ס", האָט אייגער א זאָג געטהאָן. מיר ליגען דאָ אין בלאָטע און רעגען, אונז זעהט מען ניט. די מאשינען זיינען פארביינעפליגען און אריבערגעיאָגט אלעמען. צו וואָס מיר ליגען דאָ, האָבען מיר נאָך אלץ ניט געוואוסט; שוין שטונדען ווי מיר וואלגערען זיך דאָ, עס האלט שוין ביי 10 אזייגער אין אָווענד. און די טרופּען האָבען אלץ געשטראָמט, דאָס רוב אין אויפגעלעזטע צושטערטע רייהען. מאשין־ביקסען־קאָמפּאַ־ניעס זיינען אָנגעקומען מיט לעדיגע וואָגענס, די ביקסען האָבען זיי אָנגעוואָרען אין איילעניש. פון מערב־צו האָט זיך אלץ נעהנטער דערטראָגען א קאַנאָנען־דונער. אויב מען וויל אונז ווידער איינטראנשירען, האָבען מיר ניט געוואוסט.

דער טומעל אויפ'ן שאָסעע איז געוואָרען אלץ גרעסער, און ווען עס איז געוואָרען שפּעט נאכט, איז ער אריבערגע־גאנגען אין א ווילדער פּאַניקע. פליכטלינגע, וועלכע האָבען אין דער פינסטערניש פון דער נאכט און גוס רעגען זיך ארומ־געבלאָנקעט מיט זייערע פרויען און קינדער, זיינען ארונטער־

געפאַלען אונטער די רעדער און צוזאַמענהאַלטען געוואָרען. דעם זעלבען שיקזאַל האָבען אויך געהאַט פיעלע פערוואונדעטע. פון אומעטום אין חושך האָבען זיך געטראָגען הילפס־געשרייען. דער וועג איז געווען שלעכט, צואַקערט און צוריסען, פאַזע וועג, כסדר, זיינען געשטאַנען פערלאָזענע פוהרען. ארום דריי אזייגער בעגינען האָבען מיר זיך געלאָזט געהן, און איידער מיר האָבען נאָך פעסט געוואוסט, וואָס איז געשעהן, האָבען מיר זיך שוין געפונען ביי דער אריער גארד — דעם הינטען פון דער ארמעע. דערפאַר האָט מען אונז דאָ געהאַלטען. צושאַסענע אינפאַנטעריע־רעגימענטען זיינען אָנגעקומען אין א קלעגליכען צושטאַנד, די רעשטלעך און דעם איבעריגען באַלאַסט האָבען זיי אוועקגעוואָרפען און זיי האָבען זיך געריקט אזוי שנעל ווי מעגליך. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און עס האָבען געגומען פלייצען איבער אונז די ערשטע שראַפּנעלען פון שונא, און מיר האָבען דארום נאָך מעהר פערשנעלערט דעם טעמפּ פון אונזער מארש. דאָס איז געווען דער זעלבער שאָסעע, מיט וועלכען מיר האָבען זיך בענוצט אויף אונזער וועג אהין, עס זיינען נאָך געבליבען די טיעפע לעכער פון גראַנאַטען, וועלכע זיינען אָנגעלאָפען מיט וואסער ביז אויבען, וואָרים עס האָט געהאַלטען אין איין רעגענען. עס איז שטאָק־פינסטער, און יעדע רגע פאַלט איינער אריין אין א וואסער־לאָך. מיר זיינען נאָם ביז'ן ביין, אָבער אלע ווייטער, ווייטער. אין דער פינסטער שטרויכעלט מען זיך יעדע ווייל איבער עפּעס א געגענשטאַנד, אָבער קיינער קוקט זיך ניט אום, מען מוז טראָגען די פיס. טויטע פערד און מענשען ליגען אין מיטען וועג, אָבער קיינער נעהמט זיך ניט די מיה זיי אוועקצונעהמען פון אונטער די פיס פון די מארשירענדע.

עס איז שוין געווען טאָג, ווען מיר האָבען דערגרייכט א פויערים־דערפעל און מיר האָבען געמאַכט אן אָבשטעל. דער נאָנצער אָרט איז שוין בעזעצט געווען און צוגעגרייט צו פערטהיידיגונג. מיר האָבען געגומען אונזער פּאָסטען הינטער א בית־עולם. און אלע נייע טרופּען זיינען נאָכגעקומען, אָבער

שוין גאַר צוריסען, אין ווילדען מישמאַש. אויך קאַוואַלעריע, רייטענדע ארטילעריע מיט א מאַשין־ביקסען־אַבטהיילונג זיינען אונטערגעקומען. די אַבער אַלע אין רייהען, ווען אפילו אין אונאָרדנונג, דאָך ניט אין קיין פּאַניק. דאָס זיי האָבען אויך געליטען נישטקשה׳דיגען שאַדען, איז געווען צו זעהן, אַבער ניט אזא שווערען ווי מיר. און דער געגנער האָט אונז אַלץ שטאַרקער בעשאָסען מיט זיין ארטילעריע, אַבער אָהן ווירקונג. איינינע הייזער האָבען זיך אָנגעצונדען פון די גראַנאַטען. ווייט פאַר אונז האָבען זיך בעוויזען שטאַרקע קאַוואַלעריע־פּאַטרולען פון שונא און באַלד פערשוואונדען. און ווידער איז אַלץ רוהיג. אַבער נאָך צעהן מינוטען איז לעבעדיג געוואָרען אין יענעם ווינקעל, מיר האָבען געזעהן אָנקומען גאַנצע פיינדליכע מחנות. אָהן א שאָס האָבען מיר זיך אומגעקעהרט און גענומען ווייטער אַבטרעטען. אַבער הינטער׳ן דאָרף האָט די רייטענדע ארטילעריע זיך געמאַכט א פּאָזיציע און זי פייערט שוין אויפ׳ן געגנער, וועלכער רוקט זיך אַבער אַלץ נעהנטער. א קאַוואַלעריע־פּאַטרול איז אָנגעקומען אין גאַלאָפּ איבער דאָס אָפענע פעלד, די פערד מיט שוים בעדעקט. מיר הערען, ווי דער פּאַטרול־אָפיציער שרייט צום קאַוואַלעריע־אָפיציער, אז איבער אַלע וועגען פון אַלע זייטען קומט דער שונא. מיר האָבען געלאָזען דעם דאָרף הינטער זיך און האָבען געזוכט אזוי שנעל ווי מעגליך ווייטער צו קומען. וואו מיר געפינען זיך, האָבען מיר ניט געוואוסט, אַבער די צוריקגעבליבענע קאַוואַלעריע און ארטילעריע־אַבטהיילונגען האָבען ניט אַבגעטראָטען פון זייער פּאָזיציע און געהאַלטען דעם געגנער אונטער פייער. געגען מיטאָג האָבען ווידער גענומען פּלאַצען שראַפּנעלען איבער אונזערע קעפּ, אַבער אזוי הויך אין דער לופטען, אז זיי האָבען אונז ניט געקענט שעדיגען. דאָך איז דאָס געווען פאַר אונז אַן ערנסטע ווארנונג, אז דער שונא איילט אויף אונזער שפּור — און דאָס איז געווען גענוג גרונד, אונזער צוריקטריט זאָל זיך פערוואַנדלען אין א געלאַף. און מיר זיינען געלאָפען אזוי שנעל, ווי אונזערע מידע ביינער האָבען געקענט אויסהאַלטען. וועגען

א רוה־פויזע, האָבען מיר געוואוסט, איז שוין הײנט ניט צו טראכטען — ווייטער, ווייטער אין פליוכענדען רעגען.

די צאָהל פון די, וואָס זיינען צוזאמענגעבראָכען פאר מיעד־קייט, ווערט אלץ גרעסער; דאָס זיינען סאָלדאטען פון פער־שיעדענע מינים געוועהר. מיר האָבען זיי אָבער גאָרניט גע־קענט העלפען; מעהר זיינען קיין פוהרען ניטאָ, זיי זיינען אלע אוועק פאָראויס, און פונקט אזוי ווי מען האָט איבער־געלאָזען מידע פערד, זיינען אויך די אונגליקליכע געבליבען, א טהייל פון זיי בעוואוסטלאָזע. וויפיעל זיי האָבען נאָך כח געהאט, האָבען זיי זיך געשלעפט פאזע וועג. אָבער די בע־וואוסטלאָזע זיינען געבליבען ליגען, אויסגעליפערט צו די קאָ־פּיטעס פון פערד און צו די רעדער פון די נאָכפאָלגענדע לעצטע באטאליאָנען. ווען זיי וועלען האָבען גליק און ניט צוריבען ווערען אין שטויב, זיינען זיי אויסגעליפערט צו דעם הפקר־ווילען פון שונא. אפשר וועלען די, וועלכע וועלען זיי געפינען, מענשען זיין און זיי בעהאנדלען ווי מענשען. וועלען זיי אָבער זיין, ווי עס איז מעהרסטענס דער פאל, סאָלדאטען פערגרעבטע דורך דעם קריעג, פאטריאָטען אָנגעזעטיגטע מיט האס, — אָה, וועלען די אונגליקליכע שלעכט אָבשניידען. די „באָשעס“, ווי די פראנצויזען רופען אונז, מוזען עלענד שטארבען אויף דער גאס, שטארבען פאר „זייער פאָטערלאנד“. מיר האָבען דאָס געוואוסט, צו אונזער שאנדע, פון אונזער אייגענער ערפאהרונג, און מיר האָבען אָנגעשטרענגט אונזער גאנצע ענערגיע ניט צו בלייבען פון הינטען. עס האָט זיך מיר אלץ פאָרגעשטעלט דער סאָלדאט פון „פרעמדען לעגיאָן“, וועלכער ווערט איבערגעלאָזען פון זיינע קאמעראדען אין הייסען זאמד פון מדבר, און ער ערווארט געדולדיג זיין שיקזאל אויפגעפרעסען צו ווערען לעבע־דיגערהייד פון הונגעריגע היענען...

דער שאָסע איז געווען בעדעקט מיט אוועקגעווארפענע וואַ־פען; אויך מיר האָבען זיך בעפרייט פון יעדען איבריגען באַ־לאסט. און אזוי האָבען מיר אנגעהאלטען אונזער לויפען, ביז מיר זיינען אנגעקומען אין א וואלד, וועלכער איז געווען איבער־

פילט מיט פראנצויזישע פליכטלינגע. אַט די פערוואגלטע פון זייערע היימען האָבען אויסגעשפרייט טיכער פון בוים צו בוים, אום צו שיצען זיך געגען רעגען, דאס זיינען זיי געלעגען אין טיעפסטען עלענד, וואס מען קען זיך נור פארשטעלען, אויסגע־מישט פרויען און מענער, עופּה׳לאך און זקנים. ביז צום שאַ־סעע האָט געגרייכט זייער לאגער, און מען האָט געקענט זעהן די טיעפע קנייטשען, וואס די דורכגעלעבטע שרעקען האָבען איבערגעלאזען אין זייערע געזיכטער. מיט מאַטע, מידע בליקען האָבען זיי אונז אנגעקוקט. די קינדער האָבען געבעטעלט ביי אונז ברויט, אבער מיר האָבען אבסאלוט גאר נישט ניט געהאט, אונז אליין האָט דער הונגער געפּלאגט. דעם שונא׳ס שראַפּנע־לען האָבען נאָך אלץ אונז בעגלייט, און קוים זיינען מיר ארויס פון וואלד, ווי אין איהם האָבען גענומען עקספּלאדירען שראַפּ־נעלען. און די פּליכטלינגע, איבער וועמעס קעפּ עס האָט זיך געגאסען פייער, האָבען געזוכט זיך צו ראטעווען אין אפענעם פרייען פעלד. פיעלע פון זיי האָבען זיך אַנגעשלאָסען אָן אונז, אבער זיי איז גלייך פערבאטען געווארען צו בענוצען זיך מיט׳ן לאנד שאסעע, ווייל זיי האָבען געשטערט די טרופּען אין גאנג, און אָהן רחמנות זיינען זיי פּערטריבען געווארען אויפ׳ן פרייען פעלד, וואס איז געווען דורכגעווייקט און צואווייכט פון רעגען.

ווען מיר זיינען אין אבענד צוגעגאנגען צו א צוראבירטען דאָרף, איז אונז געגעבען געווארען א ביסעל רוה. ווארים מיר האָבען דורך אונזער שנעלען מארש אין גאנצען זיך לויזגעריסען פון שונא. גאר ווייט הינטער אונז האָבען מיר געהערט דעם לארם פון א שיסעריי: דאס האָט דער אריערגארד — די היג־טערשטע רייהען — אנגעהאלטען א געפעכט מיט׳ן שונא, כדי איהם צו פערהאלטען, און מיר האָבען געוואונשען, אז דאס גע־פעכט זאל זיך ציהען וואס לענגער, און מיר זאלען קענען וואס לענגער רוהען. אויך פון דעם דאָרף זיינען פון די דייטשען מיטגענומען געווארען דער עלטסטער און צוויי בירגער, קאָנוואָ־אירט פון קאוואלעריסטען, ווארום מען האָט די מענשען מיט־געשלעפּט, האָבען מיר קיינמאָל ניט ערפאהרען, אבער יעדער

אָרט האָט געמוזט געבען אזעלכע „משכנות“. גאנצע מחנות האָט מען פון זיי צונויפגעשטעלט און אוועקגעטראנספּערירט. אויף דאס פּיה, וואס האָט זיך געפונען, האָט מען דאס רוב פערכאַפּט און סטאַדעסווייז געטריבען, ארומגערינגעלט פון רייטער. מיר האָבען בעלאנגט צום אריערגארד. און דאס ער־קלערט, ווארום מיר האָבען גארנישט צום עסען געהאט, כאָטש דער הונגער האָט געביסען אין מאָגען. אין דארף, וואו מיר זיינען אנגעקומען, האָבען מיר אויך גארנישט געפונען, און אָהן א ביסען אין מויל האָבען מיר נאָך א האַלבע שטונדע פויזע זיך ווידער אוועקגעלאָזט אין אן איילענדען מארש.

אז מיר האָבען אוועקגעלעגט וואסערע דריי קילאָמעטער, האָבען מיר זיך געפונען אויף אן אָרט, וואו מיר האָבען פריהער געהאט אונזער לאגער. דא זיינען מיר פּאראכטאָגען געווען אויף אונזער מארש „נאָך פּאריז“. דאָס ברויט, וואָס דאמאָלט האָט אונז אויסגעדוכט, אז מיר האָבען עס פּיעל, איז געלעגען צוזאווארפען איבער׳ן פעלד, און כאָטש עס האָט די גאנצע צייט זיך געווייקט אונטער שלאקס רעגענס, האָבען מיר עס צוזאמענ־געקליבען, און מיט א וואָלפישען אפּעטיט אויפגעפרעסען, אבי דעם הונגער צו שטילען: מיט וואס מען האָט דעם מאָגען אנ־געפילט, האָט ניט אויסגעמאכט.

XV

זיך געראַטעוועט פון שונא

און ווידער איז געווארען נאכט און נאָך אלץ קיין האָפנונג אויף שלאָף און ערהאָלונג. ווי ווייט מיר דארפען דאס לויפען צוריק, האָבען מיר ניט געוואוסט, מיר האָבען איבערהויפּט זעהר ווייניג געוואוסט. די געגענד ארום איז אונז געווען פרעמד, און מיר האָבען פערשטאַנען, אז מיר בענוצען זיך איצט מיט אן אנדער וועג, ווי דאמאָלס, ווען מיר האָבען אלס „זיעגער“ מאר־שירט צו דער מארנע. „דאמאָלס!“ עס איז אונז פארגעקומען,

ווי צווישען „דאמאַלס“ און היינט איז אן אייביגקייט געלעגען, דען א סך פון דאמאַלס זיינען שוין היינט ניט געווען צווישען אונז.

אזוי טראכט מען און מען לויפט, און אזוי פערגעהט א שטונדע נאָך א שטונדע; און ווי אַהן א ווילען לויפסטו מיט; און לויפענדיג שלאָפסטו. די שטיוועל זיינען בוכשטעבליך פול מיט וואסער — אבער וואס העלפט עס! מיר מוזען מיטלויפען! און וויעדער פערגעהט א נאַכט. דעם נעקסטען מארגען ווערען טרופען, וואס געהערען צום מיטעלסטען פון דער אר־מעע, איבערגעפיהרט צום אריערגארד, זיי ליגען אין לאנגע רייהען פאזע וועג, לאזען אונז פארביי און דערנאָך וועלען זיי זיך אנשליסען, מיר אטעמען לייכטער אב, דען מיר וועלען אויף אזא אופן זיך ארויסראטעווען פון אונטער דעם ארטילעריע פייער פון שונא. ארום פינף שטונדען כסדר מארשירען מיר אזוי, דערנאָך שטעלען מיר זיך אָב, און מיר האָבען דאָס גליק אנצושטויסען זיך אויף א קאמפאניע ארטילעריע, וואס האָט בעוויעזען מיטצוכאפען איהר פעלד־קיך.

נאָכדעם, ווי די אינפאנטעריסטען האָבען אבגעגעסען, האָבען מיר בעקומען דעם רעסט, יעדער א האלבען ליטער באָביויך. אונטער די אינפאנטעריסטען האָבען זיך אבגעזוכט אייניגע פון אונזער פיאָנירען־ראָטע. זיי האָבען אונז ניט געקענט געפינען, און האָבען זיך אנגעשלאסען אן דער אינפאנטעריע. מיר האָבען שוין געגלויבט, אז זיי זיינען אדער טויט אדער געפאנגען. זיי זיינען צושפרייט געווארען, און האָבען אונז ניט געקענט צוריק געפינען. איצט האָבען מיר גענומען האָפען, אז מיר וועלען אויך די איבריגע פעהלענדע אויסגעפינען. אבער נור ווענעיגע האָבען זיך אבגעזוכט. דעמזעלבען טאָג, אין אווענד, האָבען מיר דערזעהן איינעם פון אונזערע ביי די ארטילעריסטען. ער איז געזעסען מיט זיי אויף א קאנאָנען־קאסטען, און גלייך ווי ער האָט אונז דערזעהן, האָט ער זיך אנגעשלאָסען אן אונז, און האָט אונז דערצעהלט, ווי אזוי עס איז איהם צוגעגאנגען. דער אבטהיילונג, צו וועלכער ער האָט גע־

הערט, איז אבגעשניטען געווארען דער צוריקוועג איבער דער מארנע. זיי זיינען שוין אלע געמאכט געווארען פאר געפאנגענע, און די פראנצויזען האבען שוין געהאלטען אין ענטוואפנען זיי. האט ער זיך גענעבען אווארף אין וואסער אריין און עס איז איהם געלונגען שווימענדיג צו דערגרייכען דעם אנדער ברעג מארנע. אויך ער האט ניט געקענט אדער ניט געוואלט געפינען אונזער קאמפאניע, האט ער זיך אגעשלאסען אן אן ארטילעריע־אבטיילונג, אום צו פערשפארען צו לויפען, ווי ער האט אליין געזאגט. נאך אונזער מיינונג וואלט ער בעסער געטהאן, ווען ער בלייבט אין געפאנגענשאפט, דען אין אזא פאל וואלט ער פערשפארט ניט נור צו לויפען, נור אויך צו מארדען. מיר האבען דאס איהם געזאגט און ער האט שוין אליין איינגעזעהען. „אבער — האט ער געזאגט — ער איז ניט זיכער, צו די פראנצויזען וואלטען איהם געלאזען לעבען. איך וויים דאך, ווי מיר האבען עס געטהאן. און ווען זיי צוהאקען אונז אהן רחמנות, וואלט א האהן ניט געקרעהט". איך האב איהם געקאנט צו גוט און האב געוואוסט, אז ער, ספעציעל, האט פון די פראנצויזען נור געקענט ערווארטען דאס, וואס ער אליין פלעגט אין זיין בלוט־דורשט טהאן: אלס „זיעגער" האט ער ניט געוואוסט ניט פון מענשליכקייט און ניט פון רחמנות.

עס איז געווען נאך ניט גאר טונקעל, ווען מיר זיינען אנגעקומען אין א גרעסערען פלאץ. דא האבען מיר געזאלט פערנעהמען קווארטירען און אזוי לאנג רוהען, ווי מעגליך. מיר האבען אבער געוואוסט גאנץ גענוי, אז מיר וועלען נור אזוי לאנג רוהען, ווי פיעל דעם אריערגארד וועט זיך איינגעבען דעם שונא צו פערהאלטען, מיר זיינען איינגעקווארטירט געווארען אין דער געמיינדע שוהלע און מיר האבען געקראגען די ערלויבניס אויפצועסען די אייזערנע פארציע — א פושקעלע פלייש און א זעקעלע צוויעבאק. נאטירליך, האבען מיר עס שוין געהאט אדער פערלארען אדער אויפגעגעסען, און מיר האבען זיך געלעגט מיט בורטשענדע מאגענס.

אבער 11 אזייגער אין אווענד האט אונז שוין ווידער אויפ־

געהויבען אן אלארם; אין דער גרעסטער איילעניש האָבען מיר זיך געמוזט צוגרייטען צום מארש און טאקי גלייך מארשירען. עס איז געווען שטארק פינסטער, און דער רעגען האָט נאָך אלץ נעגאסען אָהן אבהאלט. די אפיציערען האָבען ניט אויפגעהערט אונז אונטערצוטרייבען. פון דער שיסעריי האָבען מיר פערשטאַנען, אז דער שונא איז ווידער הארט אויף אונזערע טריט. צו באַגינען זיינען מיר דורכגעגאנגען די שטאָדט סאנמערי, וועלכע האָט זיך גאר נישקשה'דיג דערהאלטען. דא האָבען מיר זיך א קעהר געטהאָן צו מזרח, נאָך אלץ הארטנעקיג פערפאלגט פון די פראנצויזען. צו נאָכמיטאג האָבען מיר דערגרייכט קלערמאָן אויף ארגאָן. דא האָבען מיר ווידער בעקומען א פּאָר שטונדען רוה, צו אווענד ווידער געגאנגען, און די גאנצע נאכט, אין אן אמת'ן געלאָף־מארש. און וואס ווייטער, אלץ מידער האָבען מיר זיך געפיהלט, אבער געהן, געהן האָבען מיר געמוזט אָהן אבהאלט.

דער רעגען האָט אויפגעהערט, ווען 10 אזייגער אין דער פריה האָבען מיר פערלאָזען דעם שאָסע, בעקומעדיג א בעפעהל, צו פערנעהמען פאזיציעס. מיר האָבען לייכטער אבגעאטעמט, דען אט דער אויסגעמאטערטער ריקצוג, פאר טעג און נעכט, האָט אונז געבראכט אין אזא צושטאַנד, וואס מיר וואלטען שוין ווייטער ניט אויסגעהאלטען. און מיר האָבען זיך גענומען איינגראבען. און קוים האָבען מיר די טראנשעען אויף העלפט פארטיג געמאכט, ווי מיר זיינען בעשאָטען געוואָרען מיט א האָגעל פון הארמאטען־קוילען. צום גליק האָבען מיר געהאט וועניג פערלוסטען, אבער לענגער בלייבען איז געווען אונמעגליך, און גלייך האָבען מיר בעקומען א בעפעהל ווייטער צו געהן. דורך פעלדער האָבען מיר מארשירט, ביז עס איז גוט טונקעל געוואָרען. און דא האָבען מיר פון דאס ניי זיך גענומען איינגראבען. מיר האָבען זיך געפונען אין דער געגענד פון שאלעראָן, הארט ביים דאָרף קארעווי אָן דאווי. שטאָק פינסטער. א געדיכטער נעבעל בעלאגערט אונז, פון דעם נעגנער ווייסען מיר סאלדאטען גארניט. און מיר איילען זיך אזוי שנעל ווי מעגליך

צו מאכען אונזערע גראבענס וואס טיעפער, און אויסמיידענדיג דערביי יעדען געריויש. אלע ווייל̈ע האָבען מיר געהערט, ווי די פאטרולען פון שונא גנב'ענען זיך — דערנעהענטערען זיך און פערשווינדען.

דאַ האָבען מיר בעקומען די ערשטע פערשטאַרקונגען. אין דער פינסטער זיינען זיי צוגעקומען אין לאנגע רייהען — אלע פרישע טרופען, מעהרסטענס פון לאַנדוועהר, און דאס רוב נאָך אין בלויע מונדירען. נאָך דעם און נאָך דער בעוואפענונג האָט מען געקענט זעהן, אז זיי זיינען אויסגעריכט געווארען אין וועג און טראנספארטירט געווארען אין דער גרעסטער איילעניש. זיי האָבען נאָך ניט געהאט געהערט דעם פייף פון א קויל און זיי האָבען ציטערדיג געפרעגט, צי דאַ איז אקארשט ניט „געפעהרליך". אבער זיי האָבען מיטגעבראכט אָהן א שיער מאשין־ביקסען, און אין א רגע איז אלץ געווען צוגעגרייט צו פערטיידיגונג.

וואו אייגענטליך די פראנצויזען האָבען זיך געפונען, דאָס האָבען מיר ניט געקענט ערפאַהרען. די אָפיציערען האָבען אונז נאָר געזאָגט, אז מיר זאָלען בלייבען אויף אונזער אָרט. אונזער גראבען איז געווען געדיכט אָנגעפילט מיט מענשען און בעזאָרגט מיט מאשין געוועהר אָהן א צאָהל. מיר האָבען די נייאָנגעקומענע געגעבען אלע נויטיגע איינצעלהייטען וועגען דעם, וואָס און ווי אזוי זיי דארפען טהאָן אין פאל פון אן אונערוואַרטעטען אָנגריף. מיר האָבען זיי אָנגעזאָגט, אז ווען אזא אָנגריף וועט געמאכט ווערען, דארפען זיי זיך ניט פערלירען, נור רוהיג און זיכער ציעלען אין שונא.

די ניי־אָנגעקומענע זיינען מעהרסטענס געווען פאַטערס פון פאמיליען, וועלכע מען האָט פלוצלונג אוועקגעריסען פון זייער בעשעפטיגונג, וועלכע האָבען קיין אהנונג ניט געהאט וועגען דעם, וואָס אייגענטליך איז פאָרגעקומען. און ווען מען האָט זיי געבראכט צו אונז, האָבען זיי אפילו ניט געוואוסט וואו, אין וועלכער געגענד זיי געפינען זיך. זיי האָבען אונז דעריבער פערוואָרפען מיט אלערליי פראגען. זיי האָבען ניט געוואוסט, ווי אומצוגעהן מיט דעם נייעם אכט־און־ניינציגער

געוועהר, ווייל זיי האָבען אויך געהאַט דאָס געענדערטע געוועהר, מאָדעל 88, וועלכע איז געווען עהנליך צו אונזער געוועהר. כאָטש מען האָט פון ערגעץ ניט געשאָסען, זיינען דאָך די „נייע" געווען אין גרויס שרעק און האָבען פאָרזיכטיג אויסגעמיעדען ארויסצושטעלען דעם קאָפּ איבער דעם ראַנד פון גראַבען. זיי האָבען אונז פרייגיביג פערזאָרגט מיט עסענוואַרג און ציגאַרען.

עס האָט שוין לאַנג אָנגעהויבען פינסטער צו ווערען, און מיר האָבען נאָך אַלץ גאָר ניט בעמערקט פון דעם שונא. דער נעבעל האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבען פערשווינדען, און באַלד האָבען מיר דערזעהן, דאָס ביי אַ הונדערט מעטער פון אונז זיינען די פראַנצויזען געלעגען אויף זייער פּאָזיציאָן. זיי האָבען פּונקט ווי מיר אין דער נאַכט זיך אויסגעזוכט נייע פּאָזיציאָנען. אין דעמזעלבען אויגענבליק האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטאַרקע שיסעריי פון ביידע זייטען. דער שונא האָט פערלאָזען זיינע גראָבענס און האָט זיך געוואָרפען אין אַן אטאַקע, אָבער אונזער גרויסע צאָהל מאַשין געוועהר האָט דעם שונא בוכשטעבליך אויסגעלעגט רייהענווייז.

אַן אמת'ער העלישער פייער איז דאָס געווען. נאָך איינינגע טריט איז דער אנגריף אָבגעשלאָגען געוואָרען. אָבער די פראַנצויזען האָבען ניט אויפגעהערט צו מאַכען איין אטאַקע נאָך דער אַנדערער. און ווען ארום צוועלף אַ זייגער בייטאָג האָבען מיר געהאַט צוריקגעשטויסען אַכט אַזעלכע אָנגריפען, זיינען צווישען די גראָבענס פון דעם שונא און אונזערע געלעגען הונדערטער טויטע פראַנצויזען. ענדליך האָט דער שונא איינגעזעהן, אַז ער וועט ניט קענען דורכברעכען אַזאַ אייזערנע וואַנט, און ער האָט אָבגעשטעלט די אטאַקען.

מיר האָבען דאַן נאָך ניט געהאַט קיין אַהנונג וועגען דעם, אַז דאָס איז דער אָנהויב פון אַ מערדערליכען, פערניכטענדען קריעג פון פּאָזיציאָנען, דער אָנהויב פון אַ לאַנגזאַמער, סיסטעמאַטישער, נוצלאָזער אויסשלאַכטונג. פאַר פיעלע לאַנגע מאָנאַטען האָבען מיר דאָ געדאַרפט קעמפען פון איינעם און דעמ־

זעלבען גראבען, אָהן אירגענד װעלכע אויסזיכטען צו געװינען אָדער פערלירען, געשיקט װערען װי װילדע חיות צום מאָרד און צוריק אין גראבען. עס איז אפשר געװען גוט, װאָס מיר האָבען נאָך דאמאָלס ניט געװאוסט, אז הונדערטער טויזענדער מענשען װעלען אין אָט דער ציװיליזאַציע אויסשלאַכטונג פערלירען זייערע לעבענס.

די פערװואונדעטע האָבען צװישען די גראבענס געמוזט אויסגעהן, װייל קיינער האָט ניט געװאָגט צו העלפען זיי אונטער דעם פייער פון שונא. לאנגזאם, גאַנץ לאנגזאם פלעגען זיי אומקומען. די קרעכצען פלעגען זיך דערטראָגען װאָס אמאָל אלץ װעניגער, איינער נאָך דעם אנדערען פלעגען זיי ענדליך אנשלאָפען װערען אויף אייביג. אייניגע אָבער פלעגען מיר הערען עטליכע טעג כסדר. טאָג און נאכט האָבען זיי געװיינט און געבעטען, מען זאָל זיי העלפען. אָבער קיינער האָט זיי ניט געקענט העלפען. זייערע קרעכצען פלעגען װערען װאָס אמאָל שטילער, ביז זיי פלעגען ענדליך אנשװיינען װערען.

װעגען בעערדיגען די טויטע, די אונצעהליגע טויטע האָט נאָר קיינער ניט געקלערט. װאָכענלאנג פלעגען זיי אזוי בלייבען ליגען. זיי פלעגען פוילען און פערפעסטען די לופט, אָבער קיינער האָט ניט געװאָגט זיי צו בעערדיגען. פלעגט זיך אמאָל בעװייזען א פראנצויז, כדי צו געפינען צװישען די טויטע א פריינד אָדער א ברודער, פלעגט מען באלד אָנהויבען שיסען אויף איהם פון אלע זייטען. זיין לעבען איז איהם ליעבער, האָט ער שוין דאָס מעהר ניט געװאָגט צו טהאָן; און אזוי איז דאָס אָנגעגאנגען די גאנצע צייט.

פלעגען די פראנצויזען דאָס פרואװען טהאָן האַלטענדיג די װייסע פאָהן, אָבער מיר פלעגען זיך דערפון אויסלאַכען און זיי צושיסען אויף שטיקער. דער דראנג צו פערניכטען דעם „שונא“ האָט אָבגעטויט יעדע מענשליכע געפיהל, און די פאָהן פון רויטען קרייץ האָט ביי אונז פערלאָרען יעדען װערט, אויב נאָר זי איז געװען ביי דעם פראנצויז אין האנט. דאָס מיס־טרויען פלעגט װערען קינסטליך געגעהרט, מיר פלעגען מיינען,

אז דאָס וויל דער שונא זיך בענוצען מיט דער פאָהן פאר אנ־דערע צוועקען, און דעריבער פלעגען מיר איהם צושיסען צו־זאמען מיט דער פאָהן.

מיר אליין אָבער האָבען די פראנצויזען געהאלטען פאר בארבארען, ווען זיי פלעגען אונז אָבצאָהלען מיט דערזעלבער בעהאנדלונג און שטערען אונז, ווען מיר פלעגען וועלען קומען צו הילף אונזערע פערוואונדעטע. די טויטע זיינען אויף אזא׳ן אופן געבליבען ליעגען אין פעלד. און ווען מיר זיינען שפּעטער מיט צעהן וואָכען אריבערגעפיהרט געוואָרען אויף אנאנדער טייל פון פראָנט, זיינען נאָך דאָרט די טויטע אלץ געלעגען.

אונז איז געלונגען צוריקצושטויסען אלע אַנגריפען און פערארזאכען שרעקליכע פערלוסטען ביים שונא, און מיר אליין האָבען ניט געהאַט פיעלע טויטע אָדער פערוואונדעטע צו בע־וויינען. אונטער אזעלכע אומשטענדען האָבען מיר פאַרלויפיג ניט געדאַרפט ערוואַרטען קיין נייעם אנגריף. האָבען מיר זיך דעריבער גענומען בעפעסטיגען אונזער פּאָזיציאָן אזוי שטאַרק ווי מעגליך. איין העלפט פון דער מאנשאפט איז געבליבען אויף די פּאָסטען, ווערענד די אנדערע העלפט האָט געמאכט די גראבענס אלץ טיעפער און ברייטער, דאָך איז די גאַנצע צייט אָנגעהאלטען געוואָרען א לעבהאפטע שיסעריי פוןביידע זיי־טען. די פערלוסטען, וואָס מיר האָבען אין יענע טעג גע־האַט, זיינען ניט געווען בעזונדערס גרויס. דאָס זיינען מעהר־סטענס געווען אזעלכע, וואָס מען האָט געטראָפען אין קאָפּ, ווייל דער איבריגער קערפּער איז געווען בעשיצט פון דעם גראבען.

ווען עס פלעגט טונקעל ווערען, פלעגט די שיסעריי ווערען העפטיגער. כאָטש מען האָט קיין זאך ניט געקענט זעהן, האָט מען פונדעסטוועגען געשאָסען, געשאָסען אָהן א ציעל, ווייל מען האָט גערעכענט, אז דער געגנער וועט אפשר אין דער פינסטערניש מאכען אַן אָנגריף. אזוי ווי קיין ציעל איז ניט גע־ווען, האָט מען געשאָסען אין דער ריכטונג פון דעם פיינדליכען גראבען.

די גאַנצע נאַכט פלעגט מען צוברענגען אמוניציאָן און אַלערליי מאַטעריאַלען, און פרישע סאָלדאַטען האָבען ניט אויפ־געהערט צוצוקומען. זאמד־זעק פלעגען אָנקומען אין גרויסע מאַסען, פלעגען אָנגעפילט ווערען מיט ערד און דאַן בענוצט ווערען אַלס צודעק, צו שיצען זיך געגען די קוילען. די ערד־גרעבער פלעגט מען אָבלאָזען יעדען פריהמאָרגען, און מיר פלעגען זיך מוזען פערזאַמלען אין אַ הויף הינטער דער שלאַכט ליניע.

דער הויף איז נאָך פול געווען מיט אַלע גוטע זאַכען, איינשליסענדיג אַ גרויסע צאָהל עופות, אָבער מען האָט באַלד געמאַכט אַ סוף דערצו. הונדערטער און הונדערטער נייע סאָל־דאַטען זיינען אָנגעקומען, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ ווילדע יאַגד אויף ענטען, היהנער, גענז, טויבען א. אז. וו. אפשר פינף הונדערט עופות האָט מען אין פערלויף פון איינינע שעה גע־פאַנגען און באַלד אָבגעקאָכט.

אין א דערבייאיגען לאַגער זיינען געווען איבער אַכטציג קיה און רינדער און דאָס אַלץ האָבען די סאָלדאַטען אויסגעשאָ־סען און די פעלדקיכען האָבען דאָס אָבגעקאָכט. אַלץ האָט מען דאָ גענומען, און די גאַנצע תבואה און היי איז אין עטליכע שעה צושלעפט געוואָרען. אפילו שטרוי און די שינדלען פון די דעכער האָט מען אָבגעריסען און אָבגעבראָכען און דאָס האָלץ פערברויכט אויף צו מאַכען פייער.

אין עטליכע שעה איז פון דעם פראַכטפולען הויף גע־וואָרען אַ רואינע, און דער אייגענטימער איז פערוואַנדעלט גע־וואָרען אין אַ בעטלער. איך האָב איהם נאָך געזעהן יענעם פריהמאָרגען, אָבער פלוצלונג איז ער מיט זיין פרוי און קינדער ערגעץ פערשוואונדען, און קיינער האָט ניט געוואוסט, וואו ער איז אַהינגעקומען. דער הויף איז געלעגען אין דער ליניע פון דער אַרטילעריע, און דער בויער האָט געמוזט ערגעץ אַנט־לויפען אין א מעהד „זיכערען“ אָרט. קיינעם האָט מעהר ניט געאַרט וואָס מיט איהם איז געוואָרען.

די אינפאַנטעריע פון ביידע זייטען האָבען זיך לעבהאַפטיג

דורכגעשאָסען, און די קוילען זיינען אָהן אויפהער געפאַלען אין אונזער ריכטונג, אָבער מיר האָבען וועגען דעם ווייניג געקלערט, כאָטש שוין פיעלע סאָלדאַטען זיינען געטראָפען געוואָרען פון די קוילען.

נאָהנט צום הויף איז געשטאַנען אַ דייטשע האוויצער באַטעריע אין פּאָזיציאָן. די באַטעריע איז געלעגען אונטער אַ שווערען פיינדליכען פייער. איינמאָל איז אָנגעקומען אַ אמוניציאָנסקאָלאָנע אום צו ברענגען אמוניציאָן פאר דער באַטעריי. מיר האָבען געהאט אין אונזער קאָמפּאַניע אַן אונטעראָפיציער מיט'ן נאָמען לוּאוּוי פון פראַנקפורט אם מיין. איינער פון זיינע ברידער, אויך אַן אונטעראָפיציר, איז געווען ביי דער פערביי־פאָהרענדער קאָלאָנע.

דאָס האָט צוגעצויגען אונזער אויפמערקזאַמקייט, און מיר האָבען אָנגעהויבען צו בעטראַכטען די קאָלאָנע, צו זעהן אויב איהר וועט זיך איינגעבען אונטער דעם פיינדליכען פייער צו־צוקומען צו דער באַטעריע. אַלץ איז געווען גוט, נאָר פּלוצלונג איז דער אונטעראָפיציר געטראָפען געוואָרען פון אַ גראַנאַט און איז צוזאַמען מיט זיין פערד צוריסען געוואָרען אויף שטי־קער.

דער ברודער האָט דאָס אַלץ צוגעזעהן. וואָס אין זיין האַרץ איז פאָרגעקומען, איז שווער צו זאָגען. ער האָט זיך גאָר צוזאַמענגעצויגען און איז געבליבען שטעהן אונבעוועגליך. דאַן איז ער גלייך אוועקגעגאַנגען צו דעם אָרט פון דער קאַטאַ־סטראָפע, גאָר ניט אַכטענדיג אויף דער אונאויפהערענדער שי־סעריי, האָט גענומען די לייכע פון זיין ברודער און האָט איהם אוועקגעלעגט. אַ טייל פון דעם לינקען פוס און דער גאַנצער רעכטער פוס האָבען געפעהלט, און אין דער ברוסט האָט גע־שטעקט אַ גראַנאַטשפּליטער, די גרויס פון אַ פויסט.

ער האָט אוועקגעלעגט דעם ברודער און האָט זיך איילענ־דיג אומגעקערט צוריק, אום צו געפינען די גליעדער, וואָס האָ־בען געפעהלט. איין פוס האָט ער געפונען, דעם צווייטען אָבער האָט ער בשום אופן ניט געקענט געפינען. בעת מיר האָבען

בעגראָבען דעם צוריסענעם קערפּער, האָט ער אנטליהען פון אַן אָפיציר אַ לאַנדקאַרטע פון דעם גענעראַלשטאַב און האָט אויף איהר פערצייכענט גענוי דאָס אָרט פון דעם קבר, אום איהם צו קענען געפינען שפּעטער, נאָך דער מלחמה.

XVI

אין די גראָבענס

דאָס פאַרם הויז איז באַלד פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ צייטווייליגען שפּיטאָל אויף צו פערבינדען די וואונדען. די פערלוסטען, אורטיילענדיג לויט דער אַלץ גרעסערער און גרעסערער צאָהל פערוואונדעטע, האָבען גענומען שטאַרק שטייגען. די פאַרם איז פאַר דער פראַנצויזישער אַרטילעריע געווען אַ גוטער ציעל. זי איז אפילו געווען פערשטעלט פון אַ בערגעל, אָבער פון הינטער אָט דעם בערגעל האָבען אַרויסגעשטאַרטשעט איינינגע זעהר הויכע טאָפּאָלען. מיר האָבען די בוימער אויסגעהאַקט.

אין אָוועגד האָבען מיר זיך געמוזט אומקעהרען אין אונזער גראָבען, ווייל די פראַנצויזען האָבען בעגייט זייערע אַטאַקען. אָבער די אַטאַקען זיינען געווען אָהן רעזולטאַטען. די פרישע סאָלדאַטען זיינען געוועזן זעהר אויפגערעגט און האָבען זיך לאַנג ניט געקענט צוגעוואוינען צו דער לאַנגער שווערער שיסעריי. פיעלע פון זיי זיינען געטויט געוואָרען אזוי שנעל ווי זיי זיינען אָנגעקומען צו אונז. זייערע בלויע מיליטערישע אנצוגען האָבען זיך אָנגעזעהן פון דער ווייט, ווען זיי פלעגען צוקומען פון הינטער אונזער פּאָזיציאָן.

ביינאַכט איז געווען פערהעלטניסמעסיג רוהיג, און מיר האָבען זיך אונטערהאַלטען מיט די נייע אָנגעקומענע. איינינגע פון זיי האָבען געקענט פערבלייבען אין די גאַרניזאָנען, זיי האָבען זיך אָבער פרייוויליג געמאָלדען צום פראָנט. אָבער שוין נאָך דעם ערשטען טאָג אונטער פייער האָבען זיי ערקלערט, אַז זיי בעדויערען שטאַרק זייער שריט. זיי האָבען

זיך גאָר אנדערש פאָרגעשטעלט די מלחמה. זיי האָבען גע־מיינט, אז דאָס וועט זיין א לעבען פון אוואנטיורען, זיי האָבען געטרוימט פון גוטען פראנצויזישען וויין פון א פראכטפולען שלאָס ערגעץ וואו, וואו מען שטעהט וואָכען לאנג אויף קוואר־טיר, און מען בעקומט עסען און טרינקען וויפיעל מען וויל נאָר. עס איז דאָך מלחמה, טאָ נעמט מען איינפאך אלץ וואָס מען דארף נאָר.

אזעלכען און עהנליכען אונזין האָבען זיי זיך אָנגעהערט פון די וועטעראנען פון 1870 און 1871, און זיי האָבען געגלויבט, אז זיי ערוואַרט א פריי לעבען, פול מיט אוואנטיורען. איצט זיינען זיי דעריבער געזעסען נאָך מעהר ערביטערטע און ענ־טוישטע אין שמוציגען גראָבען אין רעגען און האָבען פאר זיך נאָר געזעהן אן אונענדליכען פעלד בעדעקט מיט טויטע קער־פער. דערצו נאָך זיינען זיי יעדע מינוט געשטאנען אין לע־בענס-געפאהר! דאָס איז שוין געווען גאָר אַן אנדערע מלחמה, ווי די, וועלכע זיי האָבען זיך אויסגעמאָלט. ווענען אונזער צוריקטריט האָבען זיי גאָרניט געוואוסט, און גרויס איז גע'וען זייער ערשטוינונג, ווען זיי האָבען פון אונז דערהערט די איינ־צעלהייטען פון דעם, וואָס האָט פאסירט אין פערלויף פון די לעצטע טעג.

אויף מאָרגען פארטאָג האָבען מיר פערלאָזען אונזער גראָ־בען און האָבען אויף אזא'ן אופן געהאט רוה אויף א פאָר טעג. איבער דעם פרייעם פעלד זיינען מיר געגאנגען צוריק און זיינען אָנגעקומען אויף קוואַרטיר אין קארנעי־אן־דאָרמוא. מען האָט אונז איינגעקוואַרטירט אין איינעם פון די פערלאָ־זענע הייזער אין מיטען דאָרף. אזוי ווי אונזער פעלד־קיך איז נאָך ניט אָנגעקומען, האָבען מיר אליין געמוזט געפינען פאר זיך שפייז. פון עופות איז שוין דאָ קיין זכר ניט געווען. אָבער ווען א הוהן פלעגט זיך יע בעווייזען, פלעגען זיך גלייך צוואנציג מענשען אוועקלאָזען אין יאגד נאָך איהר. אונטער אזעלכע אומשטענדען האָבען מיר ניט געקענט האָפען אויף פליישיגס, האָבען מיר בעשלאָסען יענעם טאָג צו זיין וועגע־

טאַריאַנער און האָבען דורכגעזוכט די גאָרטענס נאָך קאַרטאָ־פעל און גריגס.

דערביי האָבען מיר ענטדעקט אַן אָפיציר'ס פערד, וואָס איז געווען צוגעבונדען צום פּאַרקאַן פון גאָרטען. מיר האָבען געוואוסט פון ערפאַהרונג, אז אין די זאַטעל־טאַשען פון די אָפיציר'ס פערד איז אַלע מאָל פאַראַן עפּעס צום עסען. הונ־געריג זיינען מיר געווען זעהר שטאַרק, האָבען מיר אוועקגע־פיהרט דאָס פערד, גוט אַרומגעזוכט אַלע טאַשען אין זאָטעל און האָבען דאָרט געפונען זעהר פיעל אויסגעצייכענטע זאַכען, דאַרונטער אויך פּוטער און שמאַלץ. דעם פערד האָבען מיר געלאָזען לויפען, און פון די גוטע זאַכען האָבען מיר זיך גע־מאַכט אַזאַ געשמאַקען מיטאָג, ווי מיר האָבען דאָס שוין לאַנג ניט געהאַט. און ניט קוקענדיג אויף די „געוויסענסביסען", האָבען מיר דאָך געהאַט הנאה פון עסען. טעפּ און אַן אויוועץ האָבען מיר געפונען אין איינעם פון די פערלאָזענע הייזער.

אין אָווענד זיינען אָנגעקומען פראַוויאַנט צוגען און פרישע סאָלדאַטען. אין לאַנגע קאָלאָנען האָבען זיי זיך געצויגען צום פראָנט און האָבען פערנומען דעם אָרט פון די אָבגעשוואַכטע סאָלדאַטען. באַלד איז דער גאַנצער אָרט פול געווען מיט סאָל־דאַטען. נאָך צוויי טאָג רוה, האָבען מיר זיך ווידער גענומען צו דער נאַכטליכער אַרבייט פון פערפעסטיגען אונזער פּאָזי־ציאָן. יעדע נאַכט האָבען מיר געמוזט בויען די דראָט־פער־צאַמונגען. ביי טאָג האָבען מיר גערוהט און ביינאַכט האָבען מיר רעגעלמעסיג געאַרבייט.

אָבער באַלד איז געקומען אַ סוף אויך צו אונזער טאָג רוה, ווייל די פיינדליכע אַרטילעריע האָט אָנגעהויבען רעגעל־מעסיג צו שיסען אויף דעם אָרט. די שיסעריי איז אָבער אַלע מאָל פאָרגעקומען צו בעשטימטע שטונדען. אַזוי, צום ביי־שפּיעל, פלעגען אין אָנהויב פאַלען צווישען 50 און 80 גראַנאַטען בייטאָג צווישען 12 און 2 אזייגער. אַמאָל פלעגט דאָס זיין שראַפּנעל פון דער פעלד־אַרטילעריע. מען האָט זיך אָבער שוין צוגעוועהנט דערצו, כאָטש יעדען טאָג פלעגען צוקומען

טויטע און פערוואונדעטע אין די פערשיעדענע טיילען פון דער ארמעע.

איין מאָל זיינען מיר אלע אזוי געלעגען אויף אונזער קוואַרטיר, ווען פּלוצלונג האָט א שראַפּנעל עקספּלאָדירט אין אונזער אָרט. צו אונזער גליק, האָט דאָס קיינעם ניט געשאדט. שטויב און רויך האָבען אָנגעפילט דעם גאנצען אָרט ארום, און דאָך איז קיינעם ניט איינגעפאלען צו פערלאָזען זיין פּלאַץ. די שיסעריי האָט זיך ווידערהאָלט כמעט יעדען טאָג און איז געוואָרען וואָס א מאָל אַלץ העפטיגער. די פון די איינוואוינער, וועלכע זיינען נאָך איבערגעבליבען, מעהרסטענס אלטע לייט, זיינען אלע געבראכט געוואָרען אין א שטאָל. דאָ האָט מען זיי געהאַלטען אונטער א וואך. דאָס האָט מען געטהאָן אויס מורא פאר שפּיאָנען.

אזוי ווי מען האָט אונזער אָרט באָמבאַרדירט אלע מאָל אין בעשטימטע שטונדען, האָט דער אָרטיגער קאָמענדאַנט בעשלאָסען, דאָס עמיץ אין דאָרף שטעהט אין פערבינדונג מיט דעם שונא דורך א פערבאָרגענעם טעלעפאָן. מען איז אפילו אזוי ווייט געגאַנגען, אז מען האָט אראָבגענומען די ווייזער פון דעם זייגער אויף דער קירך. ווייל כאָטש דער זייגער איז ניט געגאַנגען, האָט עמיץ „גאַנץ בעשטימט געזעהן“, דאָס די ווייזער אויפ׳ן זייגער האָבען זיך גערעהט, און איינמאָל זיינען זיי געשטאַנען אויף זעקס, און אַנאַנדער מאָל אויף פינף.

דעם „שפּיאָן“, וועלכער האָט זיך אויף אזא׳ן אָרט בענוצט מיט דעם זייגער צו געבען דעם שונא סיגנאַלען, האָט מען נאַטירליך ניט געקענט ענטדעקען, פּונקט ווי דעם געהיימען מענשען מיט׳ן טעלעפאָן. אום אָבער אויסצוגעפינען דעם „ריכטיגען“, האָט מען די גאַנצע ציווילע בעפעלקערונג אינטערנירט אין דעם שטאַהל. מען האָט די ציווילע געפאַנגענע בעזאָרגט מיט עסען און טרינקען, פּונקט ווי די סאָלדאַטען, דערפאַר אָבער זיינען זיי, אויך פּונקט ווי די סאָלדאַטען, אויסגעזעצט געווען דער געפאַהר פון דער טעגליכער באָמבאַרדירונג. צוויי פרויען

און איין קינד זיינען שוין אויף אזא'ן אופן געטויט געוואָרען, און דאָך האָט מען די מענשען ניט אָבגעלאָזען.

כמעט יעדען טאָג פלעגט אָבברענען ערגעץ וואו אין דאָרף א הויז, און די גראנאטען זיינען איצט געפאלען רעגעלמעסיג יעדען אבענד 8 א זייגער. אייניגע גראנאטען זיינען געווען זעהר שווערע. מיר האָבען שוין בעשטימט געוואוסט, דאָס פונקט 8 אזייגער וועט קומען די ערשטע גראנאטע, דערביי פלעגען מיר פונקט צו יענער צייט פערלאָזען דעם אָרט, און אלץ ארום פלעגט מיט אמאָל ווערען לעער. עס פלעגען דאן קומען פון 14 ביז 16 פראָיעקטילען, קיינמאָל ניט מעהר ווי 16. און אָט די צאָהל 16 האָבען מיר גערופען „אייזערנע פּאָרציאָן."

מיר האָבען בעשלאָסען, אז דאָס ברענגען די פראנצויזען יעדען אָווענד וועט עס ווערט דונקעל א קאָנאָנע, און נאָכדעם ווי זי פייערט אָב א בעשטימטע צאָהל שאָסען, נעהמט מען זי צוריק. דאן פלעגען מיר זיך אומקערען פון אונזער „שפאציר גאנג", ווי מיר פלעגען דאָס רופען, און געהן צוריק אין גראָ־בען. דאָרט האָבען מיר שוין געהאט אלערליי ארבייטען. איין אָווענד האָבע מיר געמוזט בעפעסטיגען א קליינע פארם, וועלכע מיר האָבען מיט א טאָג פריהער אָבגענומען ביי די פראנצויזען. דאן האָבען מיר געמוזט אויפבויען די געשטעל־לען פאר מאשין געוועהר.

איין נאכט האָט העל געשיינט די לבנה. אין א דערביי־איגען גאָרטען זיינען געשטאנען אייניגע פרוכט בוימער, דאָ־רונטער אן עפּעלבוים מיט עטליכע פאָרבליבענע עפּעל. אויף דעם בוים האָט זיך א פראנצויז אויפגעהאנגען. אָבער כאָטש ער איז שוין דאָרט אפשר געהאנגען עטליכע טעג, וויל דער גערוך האָט זיך שוין שטארק געפיהלט, האָבען דאָך אייניגע סאָלדאטען בעשלאָסען צו נעמען די עטליכע עפּעל. זיי האָבען די עפּעל צוגענומען און האָבען זיך אפילו ניט געקימערט ווע־גען דעם געהאנגענעם.

אין דער נאכבארשאפט פון אונזער דאָרף האָבען מיר זיך צום ערשטען מאָל בעגוצט מיט די מינענוואָרפער. זיי זיינען

דאָ געווען זעהר פּרימיטיוו. זיי זיינען בעשטאַנען פון א שטאָ־לענעם רעהר אויף אַן אייזערנעם געשטעל. מען פלעגט נעמען א ניט עקספּלאָדירטע גראַנאַטע אָדער שראַפּנעל און דאָס אָנ־פילען מיט דינאַמיט. דאַן פלעגט מען דערצו צוגעבען א צינד־שנור און א צינדקאַפּסעל. דאַן פלעגט מען אריינטאָן א גע־וויסע מאָס טרייבלאַדונג פון שווארצען פולווער, וואָס איז גע־ווען אויסגערעכנעט צו טרעפען אין א בעשטימטען אָרט און אין א בעשטימטער צייט.

פלעגט אָבער טרעפען, אז די טרייבלאַדונג האָט ניט עקס־פּלאָדירט. דאַן פלעגט דער צינדשנור ווייטער ברענען אין רעהר, ביז דער דינאַמיט פלעגט אויפרייסען דאָס רעהר און פלעגט פערניכטען אַלץ וואָס האָט זיך געפונען נאָהנט צו דעם מינענ־ווארפער. אזא פאַל האָבען מיר געהאַט, ווען מיר האָבען זיך צום ערשטען מאָל בענוצט מיט דעם מינענוואַרפער. די דריי סאָלדאַטען, וואָס זיינען געווען ביים געוועהר, זיינען שווער פערוואונדעט געוואָרען, ווען די מינע האָט עקספּלאָדירט אין דעם רעהר.

מיר האָבען ניט געהאַט קיין ערפאהרונג מיט די מינענוואַרפער. מען האָט שוין דאָס דאָזיגע געוועהר געהאַט לאַנג פערגעסען. מען האָט יעדענפאַלס ניט ערווארט, אז מען וועט קענען אזא געוועהר געברויכען אין א מאָדערנער מלחמה. דער טראַנשעען־קריעג אָבער האָט פּלוצלונג ארויסגענומען די מינענוואַרפער פון צווישען דעם אַלטען אייזען, און מיר האָ־בען זיך ערשט געמוזט אויסלערנען, ווי אומצוגעהן מיט אזא געוועהר. די אָפיציערען, וועלכע האָבען וועגען דעם געוואוסט נאָך ווייניגער פון אונז, האָבען אונז דאָ גאָר ניט געקענט אנ־ווייזען, האָבען געמוזט דעריבער פּאַרקומען אונגליקען.

אויף ווייטע שטרעקען קען מען אָט די באָמבען־ אָדער מי־נענוואַרפער ניט געברויכען, זעקס הונדערט מעטער איז דאָס ווייטסטע, וואָס מען קען פון אזא געוועהר שיסען.

אויסער דער צוגרייטונג פון די מינענוואַרפער, האָבען מיר אויך יעדע נאַכט געדאַרפט געהן אויף שלייך־פּאַטרולען. דער

צוועק פון די דאָזיגע פּאַטרולען איז געווען, ערשטענס, צו צו־שטערען די הינדערניסען, וואָס דער פיינד האָט אויסגעבויט, און צווייטענס, צו בעלעסטיגען און בעאונרוהיגען דעם שונא'ן וואַך.

פאר אנגריף אָדער פערטיידיגונג פלעגט מען אונז מיט־געבען האַנט־גראַנאַטען. אַלע מאָל פלעגט מען אונז פאַר אַזעלכע אונטערנעהמונגען אָנזאָגען, אַז ווען מיר וועלען טויטען אַ געגנער, זאָלען מיר פריהער פון אַלץ זעהן צו בעקומען דעם נומער פון זיין ארמיי אבטיילונג. די פראַנצויזען טראָגען דעם נומער פון דעם רעגימענט מעהרסטענס אויפ'ן קראַגען פון ראָק אָדער אויפ'ן הוט. פלעגען מיר איינעם טויטען, און עס איז אונז געלונגען צו איהם נעהענטער צוצוקומען, דאַן פלעגען מיר אויסשניידען דעם נומער פון דעם אַנצוג, אָדער מיר פלעגען נעהמען דעם ראָק אָדער דעם הוט מיט זיך.

דער צוועק דערפון איז געווען צו געבען דעם דייטשען שטאַב ידיעות וועגען די פראַנצויזישע קאָרפּוסען. אויף אַזא'ן אופן פלעגט מען זיך געניי דערוויסען, ווי שטאַרק דעם שונא'ס חיל איז, און צו ער האָט געגען אונז ניט געשטעלט דעם בעס־טען טייל פון זיין ארמיי.

פאַר אָט די נאכט פּאַטרולען האָבען מיר אַלע שרעקליך מורא געהאַט, ווייל צווישען די ביידע פיינדליכע פּאָזיציאָנען זיינען אויך געלעגען די הונדערטער טויטע, וואָס זיינען גע־פאַלען מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק. נאכדעם ווי זיי זיינען אָבגעלעגען עטליכע וואָכען, זיינען זיי פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קאַשע, און ווען מען פלעגט ביינאכט ארויסגעהן אויף פּאַטרול, און עס פלעגט אויסקומען אין פינסטערניש צו קריי־כען אויף אַלע פיער איבער די לייכען, פלעגט מען אויף יעדען טריט זיך אָנשטויסען אויף די נעזיכטער פון טויטע, וועלכע זיינען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ בלאָטע. פלעגט טרעפען, אַז מען האָט געהאַט אַ קליינע וואונד אין דער האַנד, איז מען דאַן געשטאַנען אין גרויס סכנה פון דעם לייכענגיפט.

ביי אונז זיינען טאַקי געשטאָרבען פון לייכענפערגיפטונג

דריי פיאָנירען און צוויי אינפאַנטעריסטען פון לאַנדוועהר רע־גימענט נומער 17. שפּעטער האָט מען די שלייך־פּאַטרולען אָבגעשטעלט, אָדער מען פלעגט זיי מאַכען נאָר דאַן, ווען עס איז געווען א דרינגענדע נויטווענדיגקייט, און דאַן פלעגט מען אויסקלייבען מענשען וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין וואונדען אויפ׳ן קערפּער. דער רעזולטאַט פון אזא איינפיהרונג איז געווען, דאָס מיר פלעגען זיך אליין מאַכען לייכטע שניטען אויפ׳ן הויט, כדי ניט צו דאַרפען געהן אויף די נאַכט־פּאַטרולען.

סערנעי־אַן־דאָנואווי, וואו אונזער לאַגער האָט זיך געפונען, איז טאָג־טעגליך געווען אונטער א שטאַרקען פיינדליכען פייער. די באָמבאַרדירונג איז ענדליך געוואָרען אזוי שטאַרק, דאָס מיר האָבען ביינאַכט ניט געקענט רוהען, ווייל די גראַנאַטען פלעגען דורכשלאָגען די הייזער ביז צו די קעלערען. די ציווילע גע־פאַנגענע האָט מען אוועקגעשיקט, נאַכדעם ווי אייניגע פון זיי זיינען געטויט געוואָרען פון די גראַנאַטען. מיר אָבער זיינען נעגען אונזער ווילען געבליבען אויף אונזער אָרט, ניט אַכטענדיג אויף דעם, וואָס די באָמבאַרדירונג איז געווען זעהר שטאַרק און האָט לאַנג געדויערט.

א טייל פון אונזער קאָמפּאַני איז געלעגען אין א גרויסען בויערען הויז, וואוהין מען האָט אויך געבראַכט די נייע־אָנגע־קומענע סאָלדאַטען. איינמאָל בייטאָג איז אונזער אָרט פּלוצ־לונג בעשאָסען געוואָרען מיט א האָגעל פון שווערע גראַנאַטען. פינף פון אַט די גרויסע גראַנאַטען זיינען געפאַלען כמעט אין דערזעלבער צייט אין דעם אויבערשטען טייל פון אונזער קוואַרטיר. אלע מענשען זיינען געלעגען אין זייערע געראַמע צימערן, ווען די גראַנאַטען האָבען דורכגעשלאָגען דעם דאַך און האָבען עקספּלאָדירט צווישען דער מאַנשאַפט. דאָס גאַנצע הויז איז אין גאַנצען צושטערט געוואָרען, און מיר האָבען גע־האַט א פערלוסט פון 17 טויטע און 28 פערוואונדעטע. די פעלד־קיך, וועלכע איז געשטאַנען אין הויף, איז אויך פאָל־שטענדיג פערניכטעט געוואָרען.

ניט וואַרטענדיג אויף קיין בעפעהל, האָבען מיר אלע פער־

לאָזען אונזער אָרט און האָבען זיך פערזאַמעלט אויסערהאַלב דעם הויז. אונזער הויפּטמאַן אָבער האָט אונז בעפאָהלען צו־ריקצוקערען זיך אויף אונזער אָרט, ווייל, ווי ער האָט אונז ערקלערט, ער האָט נאָך גיט ערהאַלטען קיין בעפעהל פון דער דיוויזיאָן אָבצולעדיגען אונזער אָרט. מיר האָבען זיך דאַן אומגעקעהרט אויף אונזער אַלטע קוואַטיר. נאָך אַ נאַכט אין דעם שוץ־גראָבען, וואו מיר זיינען געווען אין שטענדיגער לעבענס־געפאהר, פלעגען מיר מיט צוטרייסעלטע נערווען נאָך אַזעלכע שווערע שטונדען אָנקומען אויף אונזער קוואַרטיר. מען האָט דאַן נאַטירליך ניט געקאָנט גאָר קלערען וועגען שלאָפען און אָברוהען, ווייל יעדע ווײַלע פלעגען די גראַנאַטען טרעפען אין פערשיעדענע ערטער פון אונזער קוואַרטיר.

מען האָט זיך אָבער מיט דער צייט אַזוי צו אַלץ צוגע־וועהנט, אַז ווען מען פלעגט דערהערען דעם פייף פון אַ גראַנאַט, פלעגט מען שוין גאַנץ גענוי וויסען, וואו אונגעפעהר זי וועט טרעפען. נאָך דעם רויש אין דער לופט האָבען מיר שוין דער־קענט, צו עס איז געקומען פון לייכטער אָדער שווערער אַר־טילעריע, און נאָך דעם קלאַפּ פון דעם פּראָיעקטיל האָבען מיר געוואוסט, צו עס וועט אויפרייסען צי ניט.

פונקט אַזוי גענוי האָבען די סאָלדאַטען פון זייער טעגליכער ערפאַהרונג זיך אויסגעלערנט צו אורטיילען וועגען דער נאַ־ציאָנאַליטעט פון די פליה־מאַשינען. ווען אַזאַ מאַשין פלעגט זיך נאָר בעוויַיזען וויַיט אויפ'ן האָריזאָנט און איז נאָך געווען זעהר קליין, קוים צו בעמערקען, האָט שוין דער סאָלדאַט אויפ'ן פּראָנט געוואוסט, צו דער לופטפליהער איז אַ דייטש אָדער אַ פראַנצויז. פון וואַנען מען האָט דאָס געקענט וויסען, איז זעהר שווער צו זאָגען; עס איז געוואָרען ווי אַ מין גע־פיהל. דאָס גערויש פון מאָטאָר און די קאָנסטרוקציאָן האָט זיך אויך נאַטירליך דער סאָלדאַט אויסגעלערנט צו דערקענען.

אַז אַ פראַנצויזישער לופט פליהער פלעגט פליהען איבער אונזער קוואַרטיר, פלעגען די גאַסען באַלד ווערען לעדיג. דאָס איז געטאָן געוואָרען ניט ווייל מיר האָבען מורא געהאַט פאַר

דעם לופט־פליהער, נאר ווייל מיר האבען געוואוסט, אז קוים וועט ער זיך אומקעהרען און מעלדען וועגען אונז, וועט מען באלד אנהויבען באמבארדירען. דעריבער האבען מיר פערלאזען די גאסען, אום דער פליהער זאל בעקומען דעם איינדרוק, אז אונזער ארט איז פריי פון סאלדאטען. אבער דאס האט אונז געהאלפען יעדען טאג זענען פארגעקומען גרויסע שרפות, און אפילו די קירך, וועלכע מיר האבען פערוואנדעלט אין א לאזארעט, איז אויך עטליכע מאל געטראפען געווארען.

ביז איצט איז אויפ׳ן פראנט געווען פערהעלטניסמעסיג רוהיג, און מיר האבען געשיצט אונזערע פאזיציאנען מיטברייטע דראט פערצאמונגען. אן אמת׳ער לאבירינט פון שוץ־גראבענס איז אויפגעבויט געווארען. מען קען דאס גאר ניט בעשרייבען, מען מוז דאס האבען אליין געזעהן, אום צו בעגרייפען וואס פאר מאסען ערד עס זיינען דערביי פערברויכט געווארען.

די הויפט פאזיציאן איז בעשטאנען פון זעקס אדער אכט שוץ־גראבענס, וועלכע זיינען געגאנגען איינער הינטער דעם צווייטען און זיינען געווען פערזארגט מיט שטארקע ברוסטוועהר און שטעכיגע דראט־פערצאמונגען. יעדער גראבען איז געווען בעזונדער בעפעסטיגט. די דיסטאנץ צווישען די איינצעלנע גראבענס איז געווען אמאל 20 מעטער, אמאל 100 מעטער, אפטמאל נאך מעהר, לויט ווי עס איז געווען נויטיג און בעקוועם. אלע אזעלכע פאזיציאנען זיינען געווען צווישען זיך פערבונדען דורך לויף־גראבענס, אדער פערבינדונגס־וועגען. די דאזיגע פערבינדונגס־וועגען זיינען ניט ברייט און ווערען נאר בענוצט ביים איבערבייטען די סאלדאטען און פון די טראנספארט סאלדאטען. זיי זיינען אזוי געמאכט, דאס דער שונא קען ניט שיסען אויף זיי אין דער לענג, ווייל זיי לויפען זיגזאג. אין די הינטערשטע פערטיידיגונגס־גראבענס געפינען זיך די לאגערען פון די אברוהענדע אבטיילונגען אדער דעם רעזערוו.

צוויי קאמפאניעס אינפאנטעריע האבען אין ערשטען גרא־

בען, צום ביישפּיעל, אַ פּראָנט פון 200 מעטער צו פערטיידיגען. איין קאָמפּאַניע איז אַלע מאָל אויף די פּאָסטען, וועהרענד די אַנדערע רוהט אין די הינטערשטע שטעלונגען. אָבער די קאָמפּאַניע וואָס רוהט, מוז צו יעדער צייט זיין גרייט מיט דעם געוועהר צו שלאָגען זיך, ווען נאָר אַן אָנפאַל פון שונא ועט געמאַכט ווערען. דעריבער שטעהט אָט די קאָמפּאַניע מיט דער ערשטער אין טעלעפאָנישע פערבינדונגען. וואו דער באָדען איז זומפּיג, און מען קען ניט מאַכען מעהר גראָבענס אויף צו ברענגען די רעזערוועז נאָהענט, געפינען זיך די רעזערווען ווייט הינטען, אָפטמאָל אין דעם נעקסטען דאָרף.

אין אַזעלכע פאַלען פלעגט דאָס אומבייטען פון די סאָלדאַטען, כאָטש דאָס פלעגט געטאָן ווערען נאָר ביינאַכט, אַלע מאָל אָנקומען זעהר שווער און פלעגט כמעט אַלע מאָל פיהרען צו פערלוסטען אין מענשענלעבענס. פאַר אַזעלכע אומבייטונגען האָט מען ניט געהאַט קיין בעשטימטע שטונדען, אום אָבצונארען דעם שונא. אָבער דורך בעאָבאַכטונגען פון די לופטפליהער, אָדער דורך פּאַטרולען, אָדער גאָר דורך אויסזאָגונגען פון געפאַנגענע, איז דער שונא אַלעמאָל גוט אינפאָרמירט וועגען די לאָקאַלע פערהעלטניסען, און דעריבער בעגלייט ער אַזעלכע וואַנדערונגען פון סאָלדאַטען מיט אַ שרעקליכען פייער, אַזוי דאָס די נייע סאָלדאַטען, וואָס מוזען אָנקומען דורך דעם פרייען פעלד, האָבען אַלעמאָל פערלוסטען.

דאָס עסען און די אַמוניציאָן ווערען אויך אַלעמאָל געבראַכט צום פראָנט ביינאַכט. ווי שווער עס איז פאַר איינצעלנע פערזאָנען צוצוקומען צו די שטעלונגען, וועט בעווייזען דער פאָלגענדער ביישפּיעל. איך מיט אַן אונטער־אָפיציר און נאָך דריי מאַן זיינען איין נאַכט בעשטימט געוואָרען צו געהן אויף שלייך־פּאַטרול. אַרום צעהן אַזייגער אין אָווענד האָבען מיר דערגרייכט די פייער ליניע. מיר זיינען געלעגען אויסגעצויגען אויף דער ערד, אָבוואַרטענדיג ביז מיר וועלען זיך קענען בענוצען מיט אַ גינסטיגען מאָמענט. אָבער פאַר אונז

האָט עקספּלאָדירט איין גראַנאַט נאָך דער אנדערער, אַזוי, דאָס עס וואָלט געוועזן משוגעת צו פּרוּווען דורכצוקומען.

אונטער אַזעלכע און ענליכע אומשטענדען פלעגען מיר פערברענגען יעדע נאַכט אין דרויסען, און אין לאַגער האָבען מיר כמעט יעדען טאָג אויך געהאַט פערלוסטען. און כאָטש מען האָט אונז שוין צוויי מאָל געשיקט פערשטאַרקונגען פון ־עם גאַרניזאָן, איז אונזער קאָמפּאַניע דאָך בעשטאַנען ניט מעהר ווי פון 75 מאַן. ענדליך אָבער האָבען מיר פערלאָזען אונזער אָרט און זיינען אָנגעקומען אין דאָרף בוקאָוויל, וואָס איז געלעגען צוויי קילאָמעטער נאָרד־אָסט פון סערנעי־אָן־ראָנואווי. דער שונא האָט נאָך אַלץ באָמבאַרדירט סערנעי, ביז דער אַמאָליגער בליהענדער דאָרף איז אין גאַנצען פערוואַנדעלט געוואָרען אין רואינען. ווען אונז פלעגט אויסקומען אין אווענד געהן צו אונזער שטעלונג, פלעגען מיר מוזען ווייט אַרומגעהן יענעם אָרט.

דאָ אין בוקאָוויל האָבען מיר ערהאַלטען מיט דער פעלד־פּאָסט די ערשטע בריעף פון דער היים. לאַנג, לאַנג זיינען אָט די בריעף געגאַנגען, פּאַקענווייז און זעהר אונרעגעלמעסיג פלעגען זיי אָנקומען. פיעלע פון זיי אָבער זיינען צוריקגע־גאַנגען מיט דער בעמערקונג: „אדרעסאַט געפאַלען“, „אד־רעסאַט פערשוואונדען“, „פערוואונדעט“. אויף אַנדערע בריעף איז געוועזן די אַנמערקונג: „אדרעסאַט ניט מעהר אין דער ארמיי“. וועגען דעם פערשווינדען פון אַזעלכע „אדרעסאַטען“ זיינען מיר ניט געוועזן גאַנץ קלאָר, פיעלע פון אונז אָבער האָבען געראַטעט גוט בעגריגדעטע סברות, און מיר האָבען געוואונשען די „פערשוואונדענע“ פיעל גליק ביים איבערגעהן אַ וועלכען ניט איז נייטראַלען גרענעץ.

די בריעף, וועלכע מיר האָבען ערהאַלטען, זיינען געוועזן נאָך פון די ערשטע אויגוסט טעג. זיי האָבען געוואַנדערט אויף אַלערליי וועגען און זיינען געשטעמפּעלט געוואָרען אין פער־שיעדענע פעלדפּאָסט־אַנשטאַלטען. אין געגענזאַץ צו די בריעף וועלכע מיר פלעגען שפּעטער בעקומען, זיינען נאָך יענע ערשטע

בריעף געשריבען געוואָרען אין א טאָג פון בעגייסטערונג. די מוטערס האָבען אין זיי זיך נאָך ניט געבעטען ביי זייערע זיהן, אז זיי זאָלען זעהן אויסמיידען אויף ווי ווייט מעגליך די גע־פאהר, ווי זיי האָבען דאָס אלע מאָל געטאָן אין די שפּעטערע בריעף. מיט דערזועלבער פּאָסט האָבען מיר אויך ערהאלטען די ערשטע קליינע פעלד־פּאָסט פּאַקעטען, וועלכע זיינען געווען אָנגעפילט מיט ציגארען און שאָקאָלאד.

XVII

גוטברודערשאפט מיט דעם שונא

נאָכדעם ווי מיר זיינען געווען אין איין געגענד ארום צעהן וואָכען, האָט מען אונז איבערגעפיהרט אויף אן אנדער טייל פון פראָנט. וואוהין מיר האָבען געזאָלט געהן, האָט קיינער ניט געוואוסט. די אויסזיכט אליין ארויסצוגעהן פון דער פייער ליניע און פון דעם שלאכט געגענד אויף א פּאָאר טעג איז שוין געווען אזוי אנציהענד, אז אונז האָט גאָר וועניג גע־ארט וואו עס איז אונז בעשטימט איצט צו געהן.

דאָס איז געווען א וואונדערבארער געפיהל. ווי בעפרייטע האָבען מיר זיך געפיהלט, ווען מיר האָבען ארויסגעמארשירט פון דער פייער־ליניע צו דעם וואָקזאל אין שאלעראנזש. צום ערשטען מאָל זייט א לאנגער צייט זיינען מיר איצט ניט גע־שטאנען אין דירעקטער לעבענס־געפאהר, ווייל אפילו די ווייט־שיסענדסטע געוועהר וואָלט שוין צו אונז דאָ מעהר ניט געקענט דערגרייכען. מען מוז דאָס אליין האָבען איבערגעלעבט, אום צו קענען ריכטיג אָבשאצען אזא געפיהל. מען מעג זיך זיין פאָלשטענדיג צוגעוועהנט צו דער שטענדיגער לעבענס־געפאהר, דאָך דריקט זי, ליעגט אויף אייך ווי א שווערע לאסט.

אויף דעם וואָקזאל האָבען מיר גענומען א צוג, וועלכער איז שוין געשטאנען אָנגעגרייט פאר אונז און איז בעשטאנען פון וואגאָנען פון דריטען און צווייטען קלאס. לאנגזאם איז אונזער צוג געפאָהרען דורך די שעהנע הערבסט־לאנדשאפט.

און צום ערשטען מאָל האָבען מיר בעקומען די געלעגענהייט צו בעטראַכטען דאָס לעבען הינטער דעם פראָנט.

אלע וואָקזאַלען, פונקט ווי אלע באַהן־דורכגאַנגען און בריקען, זיינען געווען בעזעצט פון מיליטער. די מענשען פון דעם לאַנדשטורם האָבען זיך דאָ אומעטום גאַנץ בעקוועם איינגעאָרדענט אין די פערלאַזענע הייזער. זיי האָבען אויסגעוויזען צו לעבען א גאַנץ בעקוועמען לעבען, האָבען געשיינט צו זיין גוט גענעהרט און געקליידט. ווען אונזער צוג פלעגט זיך אָבשטעלען, האָבען אונז די אלטע לייט בעזאָרגט אלעמען מיט קאַווע, ברויט און פרוכט.

זיי האָבען דאָס פאַר אונז געמעגט טהאָן, אונז האָט זיך געוויס ניט אזוי גוט געלעבט ווי זיי. זיי האָבען ערפאַהרען פון אונז פון וואַנען מיר זיינען אָנגעקומען.

הינטער דעם פראָנט איז אומעטום אָנגעגאַנגען א זעהר בעוועגליך לעבען. אויף אלע גרעסערע סטאַציאָנען זיינען געשטאַנען לאַנגע אייזענבאַהנצוגען אָנגעלאָדען מיט אלערליי לאַנדווירטשאַפטליכע מאַשינען. דאָס פערסאָנאַל פון אונזער צוג איז בעשטאַנען פון בעאַמטע פון דער פרייסיש־העסישער שטאַאַטס־באַהן. זיי זיינען שוין פיעלע מאָל דורכגעפאָהרען דעם גאַנצען געגענד. זיי האָבען אונז ערקלערט, אז די ווירטשאַפטליכע מאַשינען האָט מען פערנומען אין די אָקופּירטע פּראָווינצען און מען האָט זיי געשיקט אין אָסט־פּרייסען, אלס ערזאַץ פאַר דעם, וואָס די רוסען האָבען דאָרט צושטערט.

פונקט דאָסזעלבע האָט מען געטהאָן מיט אלע איבעריגע אינדוסטריעלע מאַשינען. אומעטום האָט מען געקענט זעהן טראַנספּאָרטען פון די פיינסטע פאַבריק־מאַשינען, וועלכע מען האָט געשיקט אין דייטשלאַנד.

אַרום צוועלף אזייגער ביינאַכט זיינען מיר דורכגעפאָהרען סעדאַן. דאָ האָט אונז אויפגענומען דער רויטער קרייץ. אין לאַנגע הילצערנע שטאַלען האָט מען דאָ איינגעריכטעט עסצימערען פאַר די דורכפאַהרענדע סאָלדאַטען. דעם נעקסטען טאָג אין דער פריה זיינען מיר אָנגעקומען אין מאָנטמעדי,

דאָ האָבען מיר געמוזט ארויסגעהן פון אונזער צוג און געהן אין פערלויף פון עטליכע שטונדען צו דער שטאָדט.

קיין לעבענס-מיטעל האָט אין מאָנטמעדי ניט געפעהלט. מען איז דאָ געווען מיט אלץ פערזאָרגט, און מען האָט אלץ פערקויפט צו הויכע פרייזען. מאָנטמעדי איז א פראנצויזישע פעסטונג פון דריטען ראנג און ליעגט, פונקט ווי עהרענברייט-שטריין, אויף דער זייט פון א זעהר משופע'דיגען בערגעל. אונטער דעם בערגעל ליגט די שטאָדט. די פעסטונג איז איינגענומען געוואָרען פון די דייטשען אָהן א קאָמפף, ווייל דעם גאָרניזאָן, וועלכער האָט זיך דאָ צוגעגרייט צו א פערטיידיגונג, האָט מען אָבגעשניטען דעם וועג צוריק.

דורך דעם בארג, אונטער דער פעסטונג, איז געווען דורכגעפיהרט אן אייזענבאהן טונעל, אָבער די פראנצויזען האָבען איהם אויפגעריסען און אין גאנצען פערניכטעט. אום צו האָבען אייזענבאהן-פערבינדונגען מיט דעם פראָנט, האָבען די דייטשען געלעגט רעלסען ארום דעם בארג דורך דער שטאָדט. עס האָט אויסגעזעהן כמעט קאָמיש, ווי די טראנספּאָרט-צוגען זיינען געגאנגען דורך דער הויפט-גאס און דעם מארק. פונקט אזוי האָט מען אומעטום אויף דעם טייך מאאס אָנשטאָט די צושטערטע בריקען אויפגעשטעלט הילצערנע.

מאָנטמעדי איז די הויפט-קווארטיר פון דער פינפטער ארמעע, דאָס הייסט דער ארמעע פון קרוינפרינץ. דעריבער זיינען דאָ געווען אָנגעזאמעלט אונגעהויער גרויסע מאסען קריעגס-מאטעריאל. דערצו זיינען נאָך דאָ געווען די פעלד-פּאָסט פון דער ארמעע, די עטאפּען-קאָמענדאנטור, איין אייזענבאהן דירעקציאָן, און א גרויסע צאָהל שפּיטאָלען. דער גרעסטער פון די שפּיטאָלען איז געווען דער עטאפּען לאזארעט. ער איז געווען איינגעריכטעט אין דעם שטאָדט-טעאָטער און אין די ארומיגע הייזער און איז דארום געווען בעקאנט אלס דער טעאַטער-לאזארעט. אין אָט דעם שפּיטאָל זיינען אלע מאָל געווען ביז זעקס הונדערט פערוואונדעטע.

אין מאָטמעדי איז דאָס לעבען געווען זעהר בעוועגליך.

מען האָט דאָ הויפּטזעכליך געזעהן די געזונד געוואָרענע פער־וואונדעטע און אן אויפפאלענד גרויסע צאָהל אָפיצעירען, יע־דערער פון וועלכע איז בעשטימט געוואָרען אין א וועלכען עס איז עטאפּ, אין ריינע, נייע אוניפאָרמען און מיט רייט־בייטשען אין די הענט, האָבען זיי דאָ אומגעוואנדערט אַהן א ציעל. דערצו האָבען זיי נאָך אלע קיין אהנונג ניט געהאט ווע־גען קריעג, און ווען מיר פלעגען זיי בעגעגנען, האָבען זיי ער־ווארט פון אונז, אז מיר זאָלען זיי סאלוטירען לויט די פאָר־שריפטען. פיעלע פון זיי האָבען אונז אָבגעשטעלט און גע־פרעגט, פארוואָס מיר סאלוטירען זיי ניט. און אזוי איז אונז דאָס לעבען דרייסיג קילאָמעטער הינטער דעם ווערדון פראָנט נאָך איינינע שטונדען נמאס געוואָרען.

מיר זיינען דאָ געווען דרייסיג קילאָמעטער הינטער יוער־דון און ארום הונדערט קילאָמעטער ווייט פון אונזער פריהער־דיגער שטעלונג. ווען מיר זיינען ארום איינס א זייגער בייטאָג אוועק אין מארש, האָבען מיר שוין פערשטאנען, אז דאָס יועט מען אונז אוועקפיהרען אין דעם געגענד פון ווערדון. נאָך א מארש פון פופצעהן קילאָמעטער זיינען מיר אָנגעקומען אין דעם אָרט פאמעץ. דאָ האָט מען אונז איינגעקווארטירט אין אלערליי שטאהלען.

די ארטיגע איינוואוינער זיינען נאָך דאָ כמעט אלע גע־בליבען. זיי האָבען געשיינט צו פערשטעהן זיך מיט די סאָלדא־טען זעהר גוט. די צייט האָט זיי נאָהענטער צוזאמענגעבראכט. און מיר אליין האָבען זיך נאָהענטער צו זיי צוגעקוקט און האָ־בען בעקומען א גאנץ אנדערען בעגריף וועגען אונזער „שונא פון דורות“. בעת מיר זיינען אומגעגאנגען איבער דעם אָרט, האָבען אונז די איינוואוינער אָנגעבאָטען אלערליי זאכען, האָבען אונז פערזאָרגט מיט קאווע, מילך און פלייש, פונקט אזוי גוט און אָפטמאָל נאָך פיעל בעסער ווי די דייטשע פאטריאָטען פלעגען דאָס טהאָן אין צייט פון מאניעווורען.

אויף דעם אנדערען טאָג אין דער פריה זיינען מיר געגאנ־גען ווייטער, און ווען מיר זיינען אין אבענד אָנגעקומען אין

דאנוויעי, האבען מיר זיך דערוואוסט אז מיר געפינען זיך פינף קילאמעטער הינטער דער פייער ליניע. נאך דעם זעלבען אוונט זיינען מיר געגאנגען ווייטער און זיינען אנגעקומען אין דעם קליינעם דארף ווארוויל. דא זיינען מיר שוין געווען אויף דעם ארט, וואס מען האט פאר אונז בעשטימט, און מען האט אונז איינגעקווארטירט אין איינעם פון די פערלאזענע הייזער. מען האט אונז צוגעשטעלט צו דער נײנטער דיוויזיאן פון רעזערוו, און שוין אויפ'ן אנדערען טאג זיינען מיר אוועק צו אונזער שטעלונג. ביי א פופצעהן מאן פון אונז האט מען צוגעגעבען צו א קאמפאניע פון אינפאנטעריע.

אויף דער גאנצער ליניע, אזוי ווייט ווי מיר האבען נאר געקענט זעהן. האט מען ניט געהערט קיין שיסעריי. נאר די ארטילעריע פון ביידע זייטען האט פון צייט צו צייט ארויסגעוויזען א שוואכע טהעטיגקייט. מיר זיינען צו אזא רוהיגקייט אין די שוץ־גראבענס ניט געווען געוועהנט, אבער די מענשען, וועלכע זיינען שוין דא לאנג געווען, האבען אונז געזאגט, אז עס טרעפט דא, אז גאנצע טעג כסדר פאלט ניט קיין איין שאס, און עס קען גאר קיין רייד ניט זיין פון אקטיוויטעט. מיר האבען דא דעריבער געהאט די אויסזיכט צו פערברייגען גאנץ שעהנע רוהיגע טעג.

דער שוץ־גראבען איז דא געווען אין קווער איבער דער הויפט גאס, וועלכע האט געפיהרט פון דאנוויעי צו ווערדון, א דיסטאנץ פון פיער און צוואנציג קילאמעטער. ארום 300 מעטער פון אונז האט זיך געפונען די פיינדליכע שטעלונג. אויף דער גאס האבען כסדר פון זעקס א זייגער בייגאכט ביז אין דער פריה פאטרולירט דייטשע און פראנצויזישע סאלדאטען. די דייטשע און פראנצויזישע פאטרולען זיינען בייגאכט געשטאנען צוזאמען, און די דייטשע סאלדאטען זיינען זעהר גערן געגאנגען אויף פאטרול לעבען די פראנצויזען.

קיינעם איז קיינמאל ניט איינגעפאלען אויף דעם אנדערען צו שיסען, יעדערער האט דאך געמוזט שטעהן אויף די פאסטען. מיט דער צייט האבען ביידע צדדים אין גאנצען פער־

לאַרען יעדען מיסטרויען, און יעדען נאַכט פלעגען זיך די „איי־ביגע שונאים" בעגריסען און דריקען איינער דעם צווייטען די הענט. און מיט פרייד האָבען אונז די אָבגעלאָזטע פּאַטרולען אויף מאָרגען דערצעהלען, ווי פרייגיביג די פראנצויזען פלעגען מיט זיי אלץ טיילען. זיי פלעגען זיך אלע מאָל בייטען מיט אונז מיט צייטונגען, און דעם אינהאלט פון די צייטונגען פלעגט פאַר אונז איבערזעצען א סאלדאט, וואָס האָט געקענט רעדען פראנ־צויזיש.

בייטאג פלעגט מען קענען אהן געפאהר פערלאזען דעם גראבען און געהן איבער דעם אפענעם פעלד. עס פלעגט גאָר די פראנצויזען ניט איינפאלען צו שיסען אויף אונז, פונקט ווי מיר אליין פלעגען קיין מאָל וועגען דעם ניט קלערען. ווען מיר פלע־גען ארויסגעהן, פלעגע מיר אלע מאָהל בעגריסען אונזערע געג־נער, אראבנעהמענדיג אונזערע העלמען, אויף וואָס זיי פלעגען גלייך אויפהויבען זייערע קאַפּען.

ווען מיר האָבען געוואָלט האָבען וואסער, האָבען מיר גע־מוזט געהן צו א בויערען הויף, וועלכער איז געלעגען צווישעןביידע ליניען. די פראנצויזען פלעגען אויך געהן אהין נאָך וואסער. עס וואָלט געווען זעהר לייכט פאַר יעדען צד ניט צו דערלאָזען, אז דער אנדער צד זאָל זיך בענוצען מיט דעם וואסער. אָבער מיר פלעגען גאנץ פריי געהן אהין פאר די אויגען פון די פראנצויזען. די פראנצויזען פלעגען ווארטען, ביז מיר פלעגען אוועקגעהן מיט אונזערע קאָך־געשיער, דאן פלעגען זיי צוקומען און אויך נעמען וואסער.

ביינאַכט פלעגט אָפט טרעפען, אז מיר און די פראנצויזען פלעגען אין דער זעלבער צייט אָנקומען צום ברונען. דאן פלעגט איין פארטיי ווארטען, ביז די אנדערע פלעגט פארטיג ווערען. איינמאָל האָט געטראָפען, אז דריי פון אונזערע מענשען זיינען געשטאַנען אונבעוואפענט ביים ברונען, ווען א קאָמפּאַניע פון איבער צוואנציג פראנצויזען איז אָנגעקומען מיט קאָך־געפעס. און כאָטש די פראנצויזען זיינען געווען זיבען מאָל שטארקער, איז אונז גאָר ניט איינגעפאלען אפילו, אז זיי וועלען אונז אי־

בערפאלען. די צוואנציג מאן האָבען גאנץ רוהיג געיוארט, ביז מיר זיינען פארטיג געוואָרען, דאן האָבען מיר זיך געגריסט און מיר זיינען אוועקגעגאנגען.

נאָכדעם ווי מיר זיינען אָבגעוועזען ארום פיער וואָכען אין דעם געגענד, האָט מען אונז ווידער אָבגעשיקט אויף אן אנדער טייל פון דעם פראָנט. ווי אלעמאָל, האָבען מיר אויך איצט ניט געוואוסט, וואוהין מען שיקט אונז. די פערשיעדענסטע סברות זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרען וועגען דעם: איינער האָט גע־דענקט, אז מען שיקט אונז אין פלאנדריען, אנאנדערער — אז מיר פאָהרען אין רוסלאנד, אָבער קיינער האָט ניט געטראָפען.

XVIII

אין דעם אַרגאָן וואלד.

מיר האָבען אָבגעמארשירט און נאָך דעם זעלבען טאָג זיינען מיר אָנגעקומען אין די שטאָדט דאן־סויר־מעיז. מיר האָבען קוים צייט געהאט ארייננצוקומען אין שטאָדט, ווען דער דייטשער קרוינפרינץ איז פערביי־געריטען פערביי אונז, בעגלייט פון אייניגע אָפיצירען און א גרויסער צאָהל יאגד־הינט. „גוטען טאג, פיאָנירען!" — האָט ער אונז צוגעשריען און האָט אונז גלייך גענומען בעאָבאכטען דורך זיין גלאָז.

ער האָט גערעדט מיט אונזער הויפטמאן, און איינער פון די אָפיצירען פון זיין שטאָב האָט אונז אוועקגעפיהרט אין אן אנשטאָלט פון רויטען קרייץ, וואו מען האָט אונז געגעבען גוטע עסען און ווין. דאָ, אין דאן־סויר־מעיז האָט זיך געפונען די הויפט־קווארטיר פון דעם האָהענצאָלערן יורש. די דאמען פון רויטען קרייץ האָבען אונז זעהר גוט בעהאנדעלט. מיר האָבען זיי געפרעגט, צו מען זאָרגט דאָ אזוי גוט וועגען אלע דורכפאָהרענדע סאָלדאטען. איין דאמע האָט אונז ערקלערט, אז אהער קומען אָן זעהר ווייניג סאָלדאטען, אָבער צו די פיאָ־נירען ווייזט דער קרוינפרינץ ארויס א בעזונדערע פארליעבע.

מען האָט אונז דאָ איינגעקווארטירט אויף איבער נאכט,

און די סאָלדאטען האָבען אונז דערצעהלט, אַז דאָ, אין דאַן־טויר־מעיז, געפינט זיך די הויפט־קוואַרטיר פון דער פינפטער ארמיי, און אַז עס איז דאָ גאַנץ לוסטיג. יעדען טאָג ווערען געגעבען קאָנצערטען אונטער'ן פרייען הימעל. די אָפיצירען ווערען אָפט בעזוכט פון דאמען וואָס קומען פון דייטשלאַנד. דאמען קומען דאָ אָן מיט דער איינציגער אבזיכט צו „בעשענקען מיט ליעבע" די סאָלדאטען.

גוט פערזאָרגט מיט לעבענס־מיטעל, האָבען מיר אויף מאָרגען פאָרטגעזעצט אונזער מארש. מיר האָבען אלץ מארשירט אין דער לייענג פון דעם טייך מאאַס (מעיז). אין אָווענד האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט און איינגעקוואַרטירט אין סטענעי.

נאָך א צוויי־טאָגיגען מארש האָבען מיר ענדליך זיך אָבגעשטעלט אין אפרעמאָן־אַן־ארגאָן. פאָרלויפיג האָט מען אונז געבראַכט אויף א גרויסע פארם, נאָרדוועסט פון אפרעמאָן. מיר האָבען זיך געפונען גאַנץ נאָהענט צום ארגאָנען וואלד, און אלע סאָלדאטען, וועלכע מיר האָבען דאָ בעגעגענט און וועלכע זיינען שוין דאָ געוועזען א לענגערע צייט, האָבען אונז דערצעהלט, אַז אין אָט דעם וואלד געהט טאָג־טעגליך אָן אן אונאונטערבראָכענער קאמפף.

אונזער ערשטע אויפגאבע איז געוועזען אויסצוגראָבען שטעלונגען, אין וועלכע מען זאָל קענען וואוינען. ארום דריי קילאָמעטער הינטער דעם פראָנט האָבען מיר די ארבייט אָנגעהויבען. אָבער נאכדעם ווי איינינע גראַנאטען האָבען צושטערט אונזער ארבייט, האָבען מיר געמוזט גראָבען ווייטער. מיר האָבען ענדליך געמאַכט אונזער לאגער צוויי טויזענד מעטער הינטער'ן פראָנט. דער לאגער איז בעשטאַנען פון פינף און דרייסיג אונטערשטאַנדען.

מען האָט אויסגעגראָבען א גרוב פון פיער מעטער אין קוואדראט און צוויי מעטער טיעף. דערויף האָט מען געדיכט צוזאַמענגעלעגט דיקע שטאַמען פון בוימער. אויף דעם פלעגט מען אָנלייגען ערד צוויי מעטער הויך. קיין שטרוי האָבען מיר

ניט געהאַט, האָבען מיר פאָרלויפיג געמוזט שלאָפען אויף דער נאַקעטער ערד.

דערווייל האָט פון דעם פראָנט די פיינדליכע אינפאַנטעריע ניט אויפגעהערט אויף אונז צו שיסען. די שאָסען פלעגען זיך אָנשלאָגען אָן די בוימער. מען האָט אונז צוגעטיילט צו די קאָמפּאַניע פון אינפאַנטעריע. איך בין אריינגעגאַנגען אין די צעהנטע קאָמפּאַניע פון דעם אינפאַנטעריע רעגימענט נומער זיעבען און זעכציג.

דער ערד באָדען איז דורך דער שטענדיגער בענוצונג אין גאַנצען אויפגעגראָבען געוואָרען, און די וועגען פון די גראָבענס זיינען פערלייגט געוואָרען מיט שטעקענס און שטאַמען פון בוימער, כדי די מענשען און וועגענס זאָלען קענען אריבערגעהן איבער זיי. נאָך אַ שווערען מאַרש האָבען מיר דערגרייכט די פאָדערשטע שטעלונג. אין דעם לאַבירינט פון גראָבענס איז עס געווען ווייט ניט לייכט זיך צו אָריענטירען. דערצו זיינען נאָך די גראָבענס געווען מעהר ווי אויף אַ פוס הויך אָנגעפילט מיט וואסער.

ענדליך זיינען מיר צוגעקומען צו דער פאָדערשטער שטעלונג און האָבען זיך געמאָלדען צו דעם הויפטמאַן פון דער צעהנטער קאָמפּאַניע פון אינפאַנטעריע רעגימענט נומער זיעבען און זעכציג. די פערהעלטניסען דאָ זיינען אונז נאַטירליך געווען פאָלשטענדיג פרעמד. אָבער די אינפאַנטעריסטען האָבען אונז אַלץ ערקלערט, אויף ווי ווייט דאָס איז געווען מעגליך. אין אַ צוויי—דריי טעג ארום זיינען מיר שוין געווען גאַנץ גוט בעקאַנט מיט די פערהעלטניסען און האָבען שוין אָנגעהויבען אַ פּיעלזייטיגען דיענסט.

די פראַנצויזען זיינען געווען נאָר צעהן מעטער ווייט פון אונז. און שוין אויף דעם צווייטען טאָג זיינען מיר געווען פערוויקעלט אין אַ קאַמפּף מיט האַנט־גראַנאַטען. דערביי האָט דער פּיאָניר בעשטעל פון סאַארבריקען פערלאָרען זיין לעבען. ער איז געווען אונזער ערשטער אָפּפער אין דעם ארגאָן וואַלד, אָבער מיט דער צייט זיינען פיעלע אנדערע געפאַלען.

אין די צוריקליענענדע גראָבענס האָבען מיר איינגעריכ־טעט אַ פּיאָנירען דעפּאָ. פינף און צוואַנציג מאַן האָבען מעהר קיין אנדער זאַך ניט געמאַכט ווי האַנט־גראַנאַטען. און באַלד האָבען מיר זיך שוין דאָ פּאָלשטענדיג איינגעלעבט און זיינען געוועזן גוט צוגעגרייט פאַר יעדען פאַל.

שוין אין לאַנגער האָט מען אונז איינגעטיילט אין פער־שיעדענע אבטיילונגען. די דאָזיגע איינטיילונג אין פערשיע־דענע אבטיילונגען האָט אונז שוין בעוויזען, מיט וועלכע מיט־לען דאָ ווערט געקעמפּפט. אזוי זיינען געוועזן ביי אונז אב־טיילונגען פון די וואָס האָבען אונטערגעלייגט מינען, פון סאַ־פּיאָרען, פון לויכט־פּיסטאָלען, האַנט־גראַנאַטען און מינען־וואַרפער. אנדערע אבטיילונגען ווידער האָבען געמאַכט דראָט־פערצאַמונגען און „שפּאַנישע רייטער“, אזעלכע פּראָיעקטילען פאַר די פּרימיטיווע מינענוואַרפער.

און אזוי פלעגט אויסקומען זיין אַמאָל ביי דער, אַמאָל ביי יענער אבטיילונג. עס איז געוועזן שווער אָנצוגעהן מיט דער ארבייט אין דעם וואַלד. דער וואַלד איז געוועזן געדיכט און איז בעשטאַנען פון געדיכטע צוזאַמענגעפלאָכטענע נידריגע בוימלעך, און דאָס אליין האָט שוין מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ הינדערניש, וועלכע עס איז שווער געוועזן בייצוקומען. דערצו זיינען נאָך די בוימער געוועזן אלע אָבגעשאָסען ביז אַ געוויסער הויך. די טיילען פון זיי, וואָס זיינען פון די מאַשין־געוועהר געוועזן גלאַט אָבגעשאָסען, זיינען געלעגען צוואָוואָרפען רעכטס און לינקס אויף דער ערד, אַ נאַטירליכע שטאַרקע הינדערניש.

די אינפאַנטעריסטען האָבען אונז אויך דערצעהלט, אונ־טער וועלכע שווערע אומשטענדען מען האָט זיך דאָ געשלאָגען. קיין איין טאָג געהט ניט אוועק אָהן פערלוסטען, און די שי־סעריי הערט קיינמאָל ניט אויף. די מענשען האָבען נאָך דאָ קיין מינוט רוהע ניט געהאַט. מיר האָבען אויך באַלד געזאָלט דערזעהען פאַר זיך אַ בילד פון דעם מאַסענמאָרד, פון דער סיסטעמאַטישער אויסשלאַכטונג. דער גרעסטער טייל פון אונ־זער קאָמפּאַניע איז איינגעטיילט געוואָרען מיט די סאָלדאַטען,

וואָס האָבען געלעגט די מינען. און מיר האָבען באַלד זיך גע־נומען בעלעגען אונזערע פאָדערשטע שוץ גראָבענס מיט מינען.

אין דעם באָדען פון גראָבען האָבען מיר אונטערגעלעגט ארום פופציג פונט דינאַמיט. דאָס איז געטאָן געוואָרען אויף א לענג פון פינף הונדערט מעטער. יעדע מינע האָט געהאַט א צינדונג, און אַלע מינען זיינען צווישען זיך געווען פערבונדען, אזוי, דאָס ביי איין צינדונג האָט די גאַנצע לענג פון פינף הונ־דערט מעטער געמוזט אויפגעריסען ווערען. דאַן איז אַלץ ווי־דער בעדעקט געוואָרען מיט ערד, און די צינדלייטונג פלעגט געפיהרט ווערען נאָך איינינע הונדערט מעטער ווייטער צוריק.

אין יענער צייט האָבען די פראַנצויזען געמאַכט אנגריפען א טאָג איבער א טאָג. מען האָט אונז אָנגעזאָגט, אז מיר זאָלען ביי דעם נעקסטען אנגריף פון די פראנצויזען פערלאָזען דעם פאָדערשטען גראָבען. נאָכדעם ווי אונזער דינאַמיט לאָדונג איז שוין געלעגען צוויי טעג, איז געקומען דער ערוואַרטעטער אנ־גריף. מיר האָבען זיך אָהן א גרויסען ווידערשטאַנד צוריקגע־צויגען אין צווייטען גראָבען.

ניט וויסענדיג, אז זיי האָבען אונטער זיך פיעלע טויזענ־דער פונט אויפרייסונגס שטאָף, האָבען די פראַנצויזען בעזעצט דעם איינגענומענעם גראָבען. כדי צו בעוועגען דעם שונא צו ברענגען אין דעם בעזעצטען גראָבען אזוי פיעל סאָלדאַטען ווי מעגליך, האָבען מיר געמאַכט כלומרשט געגען־אַטאַקען. און עס זיינען טאַקי באַלד אָנגעקומען אַלע מענשען פון דעם פראַנ־צויזישען גראָבען, אום צו פערטיידיגען די איינגענומענע שטע־לונג.

אָבער אין דעם זעלבען אויגענבליק זיינען שוין די מינען אָנגעצונדען געוואָרען. א געוואַלדיגער קראַך — און פיעלע הונדערטער פראַנצויזען זיינען בוכשטעבליך צוריסען געוואָרען אויף שטיקער און געשליידערט געוואָרען אין דער לופט. אין איין אויגענבליק איז דאָס אַלץ געשעהן. די ווייט ארום צו־וואָרפענע קערפער־טיילען און די הענט און פיס און שטיקער פון די אוניפאָרמען, וואָס זיינען געהאַנגען אויף די בוימער,

זיינען געווען די איינציגע צייגנים פון דעם גוט איבערלעגטען מאסענמאָרד. אין אנגעזיכט פון אָט דער קאטאסטראָפע, האָט אַלץ, וואָס מיר האָבען איבערגעלעבט ביז איצט, אונז אויסגע־וויזען ווי אַ קינדערשפּיעל. מיט אַ הילכיגען „הוראה!" האָ־בען מיר געפייערט די דאָזיגע „העלדענטאַט".

אויף אַזאַ אופן האָט מען אין פערלויף פון איינינע טעג געמאכט אַ קליינעם פאָרטשריט, אום דאָס באלד ווידער צו פערלירען. אום צו קומען פאָרווערטס, האָבען מיר, ווי שוין געזאָגט, זיך בענוצט מיט די פערשיעדענסטע מעטאָדען. די מינערטרופען מאכען אַן אונטעראירדישען גאנג ביז פאר דער פיינדליכער שטעלונג. דאַן פאַרצווייגען זיי דעם אונטערערדי־שען גאנג נאָך רעכטס און לינקס, איין מעטער פאר דער פיינד־ליכער שטעלונג און פּאַראַלעל צו איהר.

אַזאַ ארבייט פאָדערט אָבער גאנצע וואָכען, ווייל די גאנצע אויסגעגראָבענע ערד מוז טראַנספּאָרטירט ווערען צוריק אויף קליינע וועגעלעך. די אַרויסגעבראַכטע ערד דאַרף נאַטירליך ניט אויפגעהויפט ווערען אויף איין אָרט, ווייל דאַן וואָלט דער שונא געקענט בעמערקען די אבזיכט און דורך געגענמינען אַלץ צושטערען. אויב די ארבייט איז אויף אַזוי וויט געלונ־גען, דאַן ווערט דער גאנצער גראָבען, וואָס לויפט פּאַראַלעל צו דער פיינדליכער שטעלונג, אָנגעפילט מיט אַ לאַדונג פון אויפרייסונגס שטאָפען און פערשטעלט מיט אַ וואַנד פון ערד.

ווען די לאַדונג ווערט אָנגעצונדען, ווערט דער גאנצער פיינדליכער גראָבען צוגעדעקט מיט דער אויפגעריסענער ערד, און פיעלע סאָלדאטען ווערען בעגראָבען לעבעדיגערהייט. גע־וועהנליך קומט נאָך אַזאַ אויפרייסונג אַ שטורם אנגריף.

די סאַפּיאָרען ווידער מאכען אָפענע גראָבענס אין דער ריכטונג פון דער פיינדליכער שטעלונג. אַזעלכע גראָבענס ווע־רען פערבונדען איינער מיט דעם אנדערען דורך קווער לויפענדע גראָבענס. אויף אַזאַ ארט, דורך דעם, וואָס מען רופט „סאַפּיער־אנגריף", ווערט די אייגענע שטעלונג אַלץ מעהר צוגערוקט צו דער פיינדליכער. און אויב די אייגענע שטעלונג איז שוין אַזוי

נאָהענט צו דער פיינדליכער, אז עס איז מעגליך צו וואַרפען אין איהר א האַנט גראַנאַט, דאַן ווערען דאָרט אוועקגעשטעלט האַנט־גראַנאַטען סאָלדאַטען, וועלכע באָמבאַרדירען דאַן אונאויפהערליך טאָג און נאַכט דעם פיינדליכען גראָבען מיט האַנט־גראַנאַטען.

איינינע הונדערט מעטער צוריק זיינען געשטאַנען די שווערע מאָדערנע מינענוואַרפער אין שטעלונג. פון די דאָזיגע מינענוואַרפער פלעגען פאַלען פּראָיעקטילען וואָס האָבען געוואויגען צו הונדערט און פערציג פונט. זיי פלעגען אויסזעהן ווי צוקער־היט, און דורכפליהענדיג אין דער לופט מיט געוויש, פלעגען זיי שווער פאַלען אויף דעם פיינדליכען גראָבען, וואו זיי פלעגען אָנמאַכען שרעקליכע חורבנות.

ווייל די קריעגס־ארבייט פלעגט אָנגעהן אויך ביינאַכט, פלעגט דער גאַנצער געגענד בעלויכטען ווערען פון לויכט־ראַקעטען. פון א פּיסטאָל פלעגט מען אויסשיסען אזעלכע לויכט־פּאַטראָנען, און סעקונדענלאַנג פלעגט ארום זיין העל, ווי אין מיטען טאָג.

אזוי ווי אַט די אלע ארבייטען פלעגען אויסגעפיהרט ווערען פון די פּיאָנירען, האָט מען ביי די פראַנצויזען געפיהלט צו זיי א בעזונדערען האַס, און געפאַנגענע פראַנצויזען האָבען אונז אָפטמאָל ערקלערט, אז די געפאַנגענע דייטשע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען אויף זיך ווייסע קנעפּ און שוואַרצע בענדער אויף די מיצען, דאָס הייסט די פּיאָנירען, וועלען בעהאַנדעלט ווערען גאָר אָהן רחמנות. נאָך אזעלכע אויסזאַגונגען פון די געפאַנגענע פראַנצויזען, האָבען מיר, פּיאָנירען, זיך כמעט אלע פערזאָרגט מיט דער געוועהנליכער אינפאַנטעריע אויסשטאַטונג.

ווען די אינפאַנטעריע פלעגט ערגעץ וואו בעוואָרפען ווערען מיט האַנט גראַנאַטען, פלעגען די אינפאַנטעריסטען קומען באַלד צולויפען צו אונז און בעטען, אז מיר זאָלען ענטפערען אויף דעם האַנטגראַנאַטען אנגריף. יעדערער פון אונז פלעגט בעקומען א ציגאַר, מיט וועלכער מען פלעגט די האַנט גראַנאַטען אָנצינדען. פון צעהן ביז צוואַנציג מאַן פון אונז פלעגען דאַן ארבייטען

ביז אונזערע הענט פלעגען פון דעם אונאויפהערליכען וואַרפען די גראַנאַטען כמעט פאַראַליזירט ווערען.

אַזוי איז טאָג נאָך טאָג, נאַכט נאָך נאַכט אַנגעגאַנגען דער מאַסענמאָרד. נאָך אַכט און פערציג שטונדען אין שוץ גראָבען, האָבען מיר געהאַט צוועלף שטונדען רוה, קיין בעסערע איינ־טיילונג האָבען מיר ניט געקענט האָבען, ווייל עס זיינען געווען צו ווייניג מענשען. דער גאַנצער וואַלד איז שוין געווען צו־שאָסען און צושטערט, און אומעטום איז געשטאַנען אַרטילעריע אין שטעלונג, וועלכע האָט געהאַלטען די דערפער הינטער דער פיינדליכער שטעלונג אונטער פייער.

איינע פון די פיעלע באַטעריען, פערביי וועלכע מיר פלעגען מוזען געהן אויפ׳ן וועג פון לאַגער צום פראָנט, האָט געהאַלטען אין שיסען, ווען מיר זיינען אָנגעקומען. איך האָב געפרעגט איי־נעם פון די ערשטע קאַנאָנירען, וועלכען ציעל זיי האָבען געהאַט. „אירגענד אַ דאָרף“, — האָט מיר דער קאַנאָניר געענטפערט. דער אָפיציער, וואָס האָט פערנומען דעם פלאַץ פון דעם פיהרער פון דער באַטעריע, איז גראָד געשטאַנען דערביי. ער איז געווען אַן אויבערלייטענאַנט.

איינער פון מיינע קאַמעראַדען האָט דאַן דערמאַנט דעם לייטענאַנט, אַז אין דעם דאָרף קאָנען זיך נאָך געפינען פרויען און קינדער. „דאָס איז דאָך אַלץ איינס, — האָט אויף דעם געענטפערט דער לייטענאַנט, — אויך די פרויען און קינדער זיי־נען דאָך פראַנצויזישע, טו וואָס קאָן דאָס שאַדען? דער וואַק־סענדער דור מוז פערניכטעט ווערען, כדי די דאָזיגע נאַציאָן זאָל אין פערלויף פון הונדערט יאָהר ניט קענען מעהר דענקען וועגען מלחמה.“

אויב דער „העררר“ לייטענאַנט האָט ערוואַרט, אַז מיר וועט־לען זיינע ווערטער אויפנעהמען מיט בעגייסטערונג, האָט ער גע־האַט אַ טעות. מיר זיינען געגאַנגען ווייטער, איבערלאָזענדיג איהם זיין „פערגעניגנען“.

פאַר יענעם טאָג האָט מען בעשטימט אַ שטורם אָנגריף, און מיר האָבען שוין געמוזט זיין אין אונזער שטעלונג זיעבען

א זייגער אין דער פריה. פונקט אום 8.30 האָט אונזער רע־גימענט נומער זיעבען און זעכציג, אָנגעפיהרט פון פּיאָניערען, געמוזט איבערגעהן אין אן אנגריף. די פּיאָנירען האָבען פאר דעם צוועק בעקומען האנט גראנאטען. מיר האָבען זיך געפונען אין גאנצען צוואנציג מעטער פון דעם פיינדליכען גראָבען.

א האלבע שטונדע פאר אלע אזעלכע אָנגריפען, וועלכע פלעגען זיך ווידערהאָלען יעדע וואָך, פלעגט געוועהנליך קומען אן איינלייטונג פון דער ארטילעריע. די שיסעריי פון דער אר־טילעריע האָט געפאָדערט א זעהר פּאָרזיכטיגע אויסרעכנונג, ווייל די דיסטאַנץ צווישען דער פיינדליכער שטעלונג און אונ־זערער איז געווען זעהר קליין. די ווייטקייט איז אלעמאָל געווען צווישען דריי און הונדערט מעטער, גרעסער ווי הונדערט מעטער איז זי קיינמאָל ניט געווען. איצט איז די דיסטאַנץ געווען צוואנציג מעטער.

פונקט אכט א זייגער האָט די ארטילעריע אָנגעהויבען צו שיסען. די ערשטע דריי גראנאטען האָבען געטראָפען אן איי־גענעם גראָבען, די ווייטערע אָבער זיינען שוין געווען גוט גע־ריכטעט, פונקט אין פראנצויזישען גראָבען. די ארטילעריע האָט זיך „איינגעשאָסען". און איבער אונזערע קעפ, אין דער ריכ־טונג פון פיינד, האָבען געראַשט די זאלפען איינער נאָך דעם אנדערען.

מיט בעוואונדערענסווערטער גענויקייט האָט יעדער זאלפ געטראָפען ענטוועדער אין פיינדליכען גראָבען, אָדער אין דעם צוגאנגסוועג צום גראָבען. מיר האָבען געהערט די געשרייען פון די פערוואונדעטע — א צייכען, אז פיעלע זיינען שוין דאָרט גע'הרג'עט געוואָרען. אן ארטילעריע אָפיציער איז געווען אלס בעאָבאַכטער אין ערשטען גראָבען און האָט פון דאָרט דורך א טעלעפאָן געריכטעט די שיסעריי.

פונקט אום 8.30 איז די ארטילעריע אנשוויגען געוואָרען, און מיר זיינען איבערגעגאנגען אין אן אָנגריף. די עלפטע קאָמ־פּאניע פון רעגימענט נומער זיעבען און זעכציג, וועגען וועלכער איך האָב שוין איינמאָל גערעדט, איז אזוי שטארק געטראָפען

געוואָרען פון דעם פייער פון די פיינדליכע מאַשין געוועהר, אַז שוין נאָך עטליכע טריט אויסערהאַלב דעם גראָבען האָט זי גע־האַט אַכצעהן טויטע.

אויפ׳ן באָדען זיינען אין ווילדער אונאָרדנונג געלעגען צווייגען און בוימער, און צווישען זיי זיינען געבליבען שטעקען די טויטע און פערוואונדעטע. די, וועלכע האָבען נאָך געקענט לויפען, האָבען געזעהן וואָס אַם שנעלסטען צו דערגרייכען דעם פיינדליכען גראָבען. איין טייל פון שונא האָט זיך נאָך פער־צווייפעלט געוועהרט אין דעם גראָבען, וואָס איז געווען אָנגע־פילט מיט וואַסער און שמוץ, און עס איז דאָרט געקומען צו אַ פערצווייפעלטען האַנט־געשלעג. ביז איבער די קניע זיינען מיר געשטאַנען אין וואַסער, אום דעם רעשט פון שונא צו פער־ניכטען.

שווער פערוואונדעטע זיינען געלעגען אויסגעצויגען אין שמוץ, זיי האָבען נאָר מויל און נאָז געהאַלטען איבער דעם וואַסער. אָבער מען האָט זיי מיט די פיס געטראָטען אַלץ טי־פער אין דעם שמוץ, ווייל, איבערקערענדיג דעם גאַנצען גראָבען, האָבען מיר ניט געזעהן, וואו מיר האָבען געשטעלט די טריט.

נאָכדעם ווי דער שונא איז שוין געווען פערניכטעט, האָ־בען מיר זיך אין גרויסער איילעניש גענומען בעפעסטיגען דעם איינגענומענעם טייל פון גראָבען אַזוי שטאַרק ווי דאָס איז נאָר געווען מעגליך. מיר האָבען מיט דעם פרייז פון פיעלע מענ־שענלעבענס ווידער געוואונען אַ פּאָר מעטער פון ארגאָן וואַלד. דער גראָבען אָבער, וועלכען מיר האָבען איצט געוואונען, איז ווי יעדער אַנדערער טייל פון דעם ארגאָן וואַלד, שוין פיעל מאָל איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. אַנדערש האָט דאָ ניט גע־קאָנט זיין. מיר האָבען זיך דעריבער צוגעגרייט צו אַ געגענ־אָנגריף.

באַלד זיינען די „מוילעזלען“ געוואָרען טעטיג. די „מויל־עזלען“ זיינען די קאַנאָנען פון דער פראַנצויזישער בערג אַר־טילעריע. דער סאָלדאַט אין דעם ארגאָן וואַלד האָט די דאָזיגע קאַנאָנען גערופען קורץ „מוילעזלען“, ווייל זיי פלעגען פון מויל־

עזלען געשלעפט ווערען. דאָס זיינען געווען זעהר לייכטע קאַ־נאָנען, וואָס זיינען געשטאַנען נאָר פופציג ביז הונדערט מעטער הינטער דער פיינדליכער ליניע.

דורכלויפענדיג דורך די צווייגען, פלעגען די גראנאטען פון אַט די קאַנאָנען פליהען בליץ שנעל און עקספּלאָדירען ערגעץ איבער אַ גראָבען אָדער אין דעם גראָבען. דער גערויש פון די פליהענדע גראנאטען האָט זיך געהערט איבער אונזערע קעפּ. אַ דאַנק זייער געשווינדקייט און דער קורצער דיסטאַנץ, האָט זיך דער קלאַפּ פון שאָס כמעט צונויפגעגאָסען אין איין קנאַל מיט דער עקספּלאָזיאָן, וועלכע פלעגט פאָרקומען אין דערזעל־בער צייט.

פאַר אַט די „מוילעזלען" האָבען די דייטשע סאָלדאטען זעהר מורא, ווייל זיי זיינען שטענדיג טעטיג, טאָג און נאַכט. און אַט אַזוי פלעגען מיר טאָג־איין טאָג־אויס לעבען אין דער־זעלבער מורא, אין דעם אייביגען שרעק.

עס איז שוין געווען ווינטער, און די לופט איז געווען אייז קאַלט. די גראָבענס, וועלכע זיינען אַלע געווען אָנגעפילט מיט גרונדוואסער, זיינען געווען גרובען פון שמוץ. דערצו פלעגט זיין מורא'דיג קאַלט ביינאַכט, און מיר האָבען געהאַט אַכט און פערציג שטונדען ארבייט און צוועלף שטונדען רוה!

יעדע וואָך פלעגט געמאַכט ווערען אַ שטורם־אַנגריף. דער ערפאָלג אָבער אין אַזעלכע אַנגריפען פלעגט קיינמאָל ניט ווערט זיין די פערלוסטען. אין פערלויף פון די גאַנצע פיער מאָנאַ־טען, וועלכע איך האָב פערבראַכט אין דעם ארגאָן וואלד, האָ־בען מיר אָבגעוואונען באָדען פיער הונדערט מעטער טיעף.

ווי גרויס עס איז געווען דער פרייז אין מענשענלעבענס פאַר דאָס אונבעדייטענדע שטיקעל פראַנקרייך, וואָס מיר האָבען געוואונען, בעווייזט דער פאָלגענדער פאקט. יעדער רעגימענט פון די, אין וועלכע איך האָב געדיענט (אינפאַנטעריע רעגימענ־טען הונדערט פינף און פערציג, זיעבען און זעכציג און הונדערט דריי און זיעבציג און הירשבערגער יעגער באַטאַליאָן נומער פינף), האָט געהאַט זיין אייגענעם בית עולם. ווען מען האָט

אין דעם ארגאַן וואלד אַבגעלאָזען אויף רוה, זיינען געלעגען אויף די בית עולם'ס מעהר טויטע, איידער די רעגימענטען האָבען ענטהאַלטען. אזוי האָט רעגימענט זיבען און זעכציג געהאט אויף זיין בית עולם איבער צוויי טויזענד טויטע, וועלכע האָבען אַלע, חוץ אַ זעהר קליינער צאָהל פּיאָנירען, געהערט צו רעגימענט זיבען און זעכציג.

עס איז ניט אריבער אַ טאָג אָהן פערלוסטען אין מענשענלעבענס. אָבער אין אַ „שטורם־טאָג“ פלעגט דער טויט האָבען אַן אויסערגעוועהנליכע צאָהל קרבנות. יעדער טאָג האָט געפאָדערט אָפּפער, אמאָל ווייניגער, אמאָל מעהר. דעריבער איז עס געווען גאַנץ נאַטירליך אונטער אַזעלכע אומשטענדען צו זיין ניט אין דער געהויבענסטער שטימונג.

די מענשען זיינען אַלע געווען פאַלשטענדיג אַבגעטעמפּט. פּונקט ווי זיי פלעגען פריהער געהן רעגעלמעסיג צו דער ארבייט, אום צו קענען ערנעהרען זייערע פרויען און קינדער, אזוי זיינען זיי איצט רעגעלמעסיג געגאַנגען צו זייער שטעלונג. אַן אַלטעגליכקייט איז דאָס דאָ געוואָרען. אין די געשפּרעכען אָבער צווישען זיך פלעגען די מענשען זעהר שלעכט רעדען וועגען זייערע ארמיי פיהרער, בעזונדערס וועגען דעם קרוינפּרינץ און וועגען דעם קאָמאַנדירענדען גענעראַל פון דעם 16טען ארמיי קאָרפּוס, גענעראַל לייטענאַנט פאָן מודרא.

די סאָלדאטען אין דעם ארגאַן וואלד האָבען געהערט צום 16טען ארמיי קאָרפּוס, צו דער 33טער און 34טער אינפאַנטעריע דיוויזיאָן. קיינעם פון די צוויי קאָמאַנדירען, דעם קרוינפּרינץ און פאָן מודרא, האָב איך אין שוץ גראָבען ניט געזעהן. צו דעם שטאָב פון דעם קרוינפּרינץ האָט אויך געהערט דער אַלטער גענעראַל פעלדמארשאַל גראַף פאָן העזעלער, דער געוועזענער קאָמאַנדיר פון 16טען ארמיי קאָרפּוס, וועלכער איז נאָך אין די צייטען פון פריעדען בעקאַנט געווען אַלס אַן אונערבארמליכער מענשענשינדער. אָט די דאָזיגע דריי־איינינקייט, „דאָס דרייבלאַט“, ווי די סאָלדאטען פלעגען די דריי קאָמאַנדירען רופען, איז פון די מעהרסטע סאָלדאטען מעהר פעראַכטעט גע-

וואָרען איידער די פראַנצויזען, ווען ביקסען האָבען געלויערט אויף אונזערע אָרימע לעבענס.

זייענדיג פיעלע קילאָמעטער הינטער דעם פראָנט, זיצענדיג ערגעץ אין ווארימקייט און בעקוועמליכקייט, איז דעם קרוינפּרינץ זעהר לייכט געווען דורך זיינע שטרענגע פעראָרדנונגען צו ווערען פּאָפּולער אויף דעם חשבון פון מאַסען מענשענלעבענס. אַזעלכע פעראָרדנונגען פלעגט ער מאַכען ווען נאָר איהם פלעגט אויסווייזען, אַז די אַרמיי געהט ניט גענוג שנעל „פאָרווערטס". פאָן מודרא האָט בעקומען דעם אָרדען „פור לע מעריט", מען האָט אָבער דערביי גאָר ניט געטראַכט וועגען זיינע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען מאָנאַטענלאַנג ניט אָנגעזעהן קיין בעט, האָבען מאָנאַטענלאַנג ניט אַראָבגענומען פון זיך די קליידער און שיך, וועלכע האָבען נאָר בעקומען גראַנאַטען און אייזען און פלעגען כמעט אויפגעגעסען ווערען פון אינזעקטען.

מיט קליידערלייז איז מען געווען געבענשט, און קיין וואונדער ניט: מען האָט קוים געהאַט וואַסער אויף צו טרינקען, וועגען וואַשען זיך האָט מען גאָר ניט געקאָנט קלערען. די אונטערוועש איז מאָנאַטענלאַנג ניט געביטען געוואָרען. די האָר פון באָרד און אויפ'ן קאָפּ איז געווען פינגערלאַנג. און ווען מיר האָבען שוין געהאַט עטליכע שטונדען רוה, האָבען מיר ניט געקענט שלאָפען איבער די אינזעקטען.

אין די אונטערשטאַנדען האָט געהערשט אַן אמת'ע פּעסט־לופט. צו דעם גערוך פון שמוץ און שוויס און פוילעניש זיינען נאָך צוגעקומען די אינזעקטען. קוים האַלטענדיג זיך פון מיעדקייט, איז מען אָפט שטונדענלאַנג געזעסען און מען האָט ניט געקענט שלאָפען. מען פלעגט פאַנגען די אינזעקטען, אָבער וואָס מעהר מען פלעגט זיי פאַנגען, אַלץ ערגער פלעגט זיין. רוה איז פאַר אונז געווען אַ דרינגענדע נויטווענדיגקייט, אָבער עס איז איבער די אינזעקטען אונמעגליך געווען אפילו די אויגען צוצומאַכען.

מיר האָבען געפיהרט אַן עקעלהאַפטע, בעדויערענסווערטע עקזיסטענץ. און אָפט פלעגען מיר זיך אַליין זאָגען, דאָס קיי־

נער אין דער היים האָט גאָר קיין אהנונג ניט, אין וועלכען צו־שטאַנד מיר געפינען זיך. אָפט פלעגען מיר זיך אליין זאָגען, אז ווען מיר וועלען שפּעטער דערצעהלען אין דער היים, וואָס מיט אונז האָט ווירקליך פּאַסירט, וועט מען דאָס ניט קענען גלויבען.

פיעלע סאָלדאטען האָבען געפּרואווט איבערגעבען דאָס אַלטעגליכע לעבען אונזערס אין פערזען. אָט איז איין פערז אזאַ: „דאָ הערשט אַ געפּילדער בייטאָג און ביינאַכט, ווי ס׳וואָלט דאָ דער טייוועל פון גיהנם געקראַכט. עס פּייפען גראַ־נאַטען, עס צישען די קוילען, עס קראַכען די מינען“... א. א. וו., אזעלכע פערזען זיינען דאָ אין די גראָבענס פערפאַסט געוואָ־רען ניט ווייניג.

XIX

ווייהנאַכטען אין גראָבען

עס איז געווען דעצעמבער און מורא׳דיג קאַלט. אין אָט דער צייט פון יאָהר זיינען מיר אָפט געשטאַנען אין גראָ־בען טיעף אין שמוץ, אז דאָס וואסער איז אונז אריינגערונען אין די הויזען קעשענעס, און די שרעקליך קאַלטע נעכט זיינען מיר געשטאַנען אין די גראַבענס, כמעט פערוואַנדעלט אין שטיקער אייז. און ווען מיר פלעגען טאַקי אמאָל איינשלאָפען פון מיעדקייט, פלעגען אונזערע שטיוועל נאַכהער זיין פעסט צוגעפראָרען צו דער ערד. א גרויסע צאָהל סאָלדאטען האָבען אויף אזא׳ן אופן געהאט אָבגעפראָרענע הענד און פיס, מעהר־סטענס פוס־פינגער. מען האָט זיי געמוזט אָבפּיהרען אין שפּי־טאָל. די סאָלדאטען אויף די פּאָסטען האָבען אונאויפהערליך געשאָסען, כדי אביסעל אָנצוואַרימען די פינגער.

ניט אלע סאָלדאטען זיינען געווען שטענדיג גרייט צו א קאַמפּף. ווען מען האָט ניט ערוואַרט און ניט געפּלאַנט אליין קיין אנגריף, פלעגען שטעהן נאָר די פּאָסטען, צו איין מאַן אויף יעדע דריי מעטער הינטער א דיקען שוצשילד. פונדעסט־

וועגען האָט זיך די גאנצע מאנשאפט געפונען אין גראָבען. די פּאָסטען האָבען אַנגאהאלטען אן אונאויפהערליכע שיסעריי, בעזונדערס ווען עס איז געוועזן קאלט און פינסטער. די פינגער פלעגען זיך פון דעם שיסען אַנווארימען, און אויסער דעם פלעגט דאָס פעלד ארום בעשאָסען ווערען פון אלע זייטען, כדי א פיינדליכער פּאטרול זאָל אין דער פינסטערניש ניט קענען צוקומען. דעריבער איז די שיסעריי געווען שטארקער ביינאכט איידער בייטאָג. זי האָט אָבער קיינמאָל ניט אויפגעהערט.

אויסער די אונצעהליגע קוילען, וואָס פלעגען מיט גערויש פליהען איבער אונזערע קעפּ און זיך אָבשלאָגען אין די צווייגען, פלעגען ביינאכט אויך געוואָרפען ווערען מינען. מען פלעגט שוין דערהערען דעם פערשטיקטען, קוים הערבארען קנאַל פון דעם שאָס און מען פלעגט שוין וויסען, אז דאָס איז א מינע. מען פלעגט דאן אויסשרייען צו די אנדערע: „א מינע קומט!“ יעדערער האט דאן געזוכט אין דער פינסטערניש דאָס „גליה-ווערימעל“, דאָס הייסט די ברענענדע צינדשנור פון דער מינע. די גליהענדע צינדשנור פלעגט אונז אנווייזען די ריכטונג פון דער מינע, און עס איז אלעמאָל געבליבען א סעקונדע צייט אום איהר אויסצומיידען.

דאָס זעלבע איז געווען מיט די האנדגראנאטען. דאָ האָבען אויך די צינדשניר געוויזען דעם וועג פון דעם פּראָיעקטיל. אויב זיי פלעגען ניט אָנקומען אין א צו גרויסער צאָהל, פלעגט עס געלינגען זיי אויסצומיידען. אין העלען טאָג איז דאָס גאָר ניט שווער געווען. אפטמאָל פלעגט טרעפען, אז מען האָט זיך פון דער גראנאט שוין ניט געקענט רעטען. דאן איז געווען נאָר איין מיטעל: בלייבען מוטיג. מען פלעגט די גראנאט אָננעהמען און מיט דער שנעלקייט פון א בליץ זי צוריקשליידערען, ווען מעגליך, צום פיינדליכען גראָבען. עס פלעגט ניט זעלטען טרעפען, אז די צינדשנור איז געווען אזוי לאנג, אז דער פראנצויז פלעגט מיט פאבעלהאפטער שנעלקייט ווארפען די גראנאט צוריק. כדי אויסצומיידען אזא געפאהר, פלעגט מען די צינדשנור מאַכען אזוי קורץ ווי מעגליך.

די געפאהר איז דערביי געווען זעהר גרויס, אָבער לאָזען די גראנאט ליגען וואָלט דאָך געווען א זיכערער טויט. אנטלויפען האָבען מיר ניט געקענט, וואָלט מען צומאָלען געוואָרען אויף שטויב. פלעגט מען דעריבער ריזיקירען צו נעהמען די באָמבע אין האנד און זי צוריק ווארפען. דאָס פלעגט אָפט פאסירען מיט די פראנצויזישע גראנאטען. איין גראנאט אזא איז פון אונז צוויי מאָל צוריקגעשליידערט געוואָרען. אָבער זי איז שוין ניט דערגאנגען צום פיינדליכען גראבען און האָט עקספלאָדירט אין דער לופט.

כאָטש די געפאהר געטראָפען צו ווערען פון די אינפאנטעריע קוילען איז אין גראָבען געווען ניט גרויס, פלעגען אָבער פיעלע געטויט ווערען פון די אזוי גערופענע „קווערשלעגער". פיעלע פון די טויזענדער קוילען, וואָס פלעגען זיך טראָגען איבער אונז, פלעגען זיך אָבשלאָגען אין ביימער און דאן פליהען אָן א זייט. פלעגט אזא קויל וועמען טרעפען, פלעגט זי פערורזאכען שרעקליכע וואונדען, ווייל זי פלעגט טרעפען ניט מיט דער שפּיץ, נאָר מיט דער זייט.

ווען מיר פלעגען הערען וועגען דום־דום קוילען, פלעגען מיר טראכטען וועגען אָט די „קווערשלעגער", כאָטש מיר האָבען גאָר ניט געצווייפעלט אין דער עקזיסטענץ פון דום־דום קוילען. איך צווייפעל אָבער, צי מען פלעגט די דום־דום קוילען רעגעלמעסיג פאבריצירען, און אָט ווארום: ערשטענס, ווייל די דום־דום קוילען קענען לייכט בעשעדיגען דאָס געוועהר און מאכען עס פאר אונברויכיג; צווייטענס, ווייל דער דורכשניט־ליכער סאָלדאט וועט ניט גערן נעהמען אזא אמוניציאָן, ווייל אויב ער זאָל געפאנגען ווערען און מען זאָל אויף איהם געפינען אזעלכע קוילען, וועט דאָס פיינדליכע קריעגס־געריכט איהם אָהן רחמנות פעראורטיילען, און מיט רעכט, כאָטש דער סאָלדאט פיהרט נאָר אויס דעם בעפעהל פון קאָמאנדיר.

פונדעסטוועגען פלעגען דום־דום קוילען געמאכט ווערען, און טאקי פון די סאָלדאטען אליין. ווען מען פלעגט נאָר אָבפיילען דעם ניקעל שפּיץ פון א קויל און אויפדעקען דערמיט

די בליי אינוועניג, פלעגט די קויל ביים אויסשיסען אָדער ביים טרעפען אין ציעל צושפרונגען ווערען אויף שטיקלאך. פלעגט איינער, צום ביישפיעל, געטראָפען ווערען פון אזא קויל אין האנט, פלעגט די קראפט פון עקספלאָזיאָן אזוי צורייסען די האנט, אז זי פלעגט נאָר בלייבען הענגען אויף דער הויט. און די סאָלדאַטען פלעגט מען אָפט זעהן זיצענדיג אין גראָבען און פיילענדיג קוילען, וועלכע זאָלען פעראורזאַכען די שרעק־ליכסטע וואונדען.

עס איז געוועזען ווייהנאַכטען, און מיר זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דעם זעלבען אָרט און האָבען ניט געהאט קיין אויסזיכט זיך צו ריהרען פאָרווערטס. מיר האָבען ערהאלטען אלערליי מתנות פון דער היים און פון אַנדערשוואו. אויך די אונטערוועש האָבען מיר ענדליך געקאָנט איבערבייטען, צום ערשטען מאָל נאָך עטליכע מאָנאטען. עס איז געוועזען שרעקליך קאלט. קיין טאַנענבוימער זיינען ניט געוועזען, האָבען מיר גע־נומען אַנאַנדער בוים, האָבען עס בעהאַנגען מיט געבעקס און אַנדערע זאַכען און ארומגעדעקט מיט וואַטע, עס זאָל אויסזעהן ווי בעדעקט מיט שניי.

אומעטום אין די גראָבענס האָבען אַזעלכע בוימער געברענט. צוועלף אזייגער ביינאַכט האָט מען זיי ארויסגעהויבען פון די גראבענס און געשטעלט אויפ'ן דעק. און דער כאָהר פון דייטשע סאָלדאַטען אויף דער גאַנצער ליניע האָט געזונגען ווייהנאַכטס ליעדער. „אָ, דו פרעהליכע, אָ, דו זעליגע...“ האָ־בען זיך אין וואלד געהערט הונדערטער מענער שטימען. די פראַנצויזען האָבען אויף דער גאנצער ליניע אָבגעשטעלט די שיסעריי. יענעם אָווענד בין איך געוועזען מיט אַ קאָמפאַניע, וואָס איז געוועזען נאָר פינף טריט פון דעם שונא. העל האָבען געפלאַקערט די ווייהנאַכטס בוימער, און צום ערשטען מאָל האָט מען ניט געהערט קיין שיסעריי. אומעטום אין וואלד האָט אָבגעקלונגען: „פריעדען אויף דער ערד...“

די פראַנצויזען זיינען ארויס פון די גראָבענס גאָר אָהן מורא, אַזוי היינגעריסען זיינען זיי געוועזען. זיי זיינען געשטאַנען

מיט די היטלען אין די הענט. מיר זיינען אויך געשטאַנען אויבען. מיר האָבען זיך מיט די פראַנצויזען געביטען מיט מתנות: שאָקאָלאַד, סיגאַרעטען, א. אז. וו. מיר האָבען זיך אַלע צו עפּעס צוגעהערט, איך ווייס אַליין ניט צו וואָס. דאַן איז יעדערער געגאַנגען צוריק אין זיין גראַבען, און אַלץ פייערליכער האָט זיך געהערט: „אָ, דו זעליגע...״

אַלץ איז שטיל אַרום. די ביימער אַליין הערען זיך צו. מען האָט ניט געוואַגט אַרויסצורעדען אַ וואָרט. וואָרום קען דאָס אַזוי פריעדליך ניט זיין אַלעמאָל? מיר האָבען וועגען דעם געטראַכט און געטרוימט און ווי אַלץ אַרום זיך פערגעסען. פּלוצלונג — אַ שאָס, נאָך איינער, אַ דריטער, ערגעץ וואו ווייט. אַלע איילען צו זייער געוועהר. עס דונערט די שיסעריי — אונזער יום טוב איז געענדיגט...

און דאָס אַלטע לעבען געהט ווייטער אָן ווי פריהער. אַ יונגער אינפאַנטעריסט לעבען מיר וויל אַרויסגעהן פון גראָבען, ער האָט אויבען איבערגעלאָזען אַ קעסטעל ציגאַרען און מוז עס נעמען. איך וואַרען איהם צו בלייבען אין גראַבען. אָבער ער פאָלגט ניט. און ווי נאָר ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, איז ער גלייך אומגעפאַלען, זיין שאַרבען איז געווען צושמעטערט, אַ שטיק מאַרך האָט געשטעקט אין מיין גורט. זיין מיץ איז הויך געפלויגען אין דער לופט. די ציגאַרען האָט שוין אַן אַנדערער צוגענומען.

אויף דעם צווייטען וויינאַכטס טאָג איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַן אַרמיי בעפעהל, וועלכער האָט אונז פערבאָטען צו טראָגען אָדער בעזיצען זאַכען וואָס האָבען געהערט צו די פראַנצויזען. יעדער סאָלדאַט וואָס וועט געכאַפּט ווערען פון דעם שונא מיט פראַנצויזישע זאַכען, ווערט געאורטיילט ווערען אַלס פּלינדערער פון אַ קריעגס געריכט.

מען האָט אונז בעזונדערס פערבאָטען צו נעמען פראַנצויזישע וואָלענע דעקען, ווייל די פראַנצויזען זיינען געווען אָנגעשטעקט מיט קרעץ. דאָס איז געווען אַזאַ הויט קראַנקהייט, וועלכע מען האָט געקענט אויסהיילען אין אַ וואָך. דער בע-

פעהל האָט אָבער געהאַט פונקט א פּערקערטע ווירקונג. ווען מען פלעגט וואו עס איז כאַפּען אזא „קרעצדעק", האָט מען געהאַט אן אויסזיכט געבראַכט צו ווערען אויף אייניגע טעג אין שפּיטאַל, וואו מען איז געווען זיכער פון קוילען. די קראַנקהייט ווידער איז געווען א לייכטע. יעדען טאָג זיינען סאָלדאַטען געגאַנגען אין לאַזאַרעט, האָבען מיר אויך געוואַרט אויף אונזער געלעגענהייט און וואָלטען מיט צופריעדענהייט אויפגענומען א פראַנצויזישע קאָלדרע. וואָס וואָלטען מיר ניט געטהאָן, נאָר ארויסצורייסען זיך כאָטש נאָר אויף א ווײַלע פון דעם גיהנום.

XX

אין בלוטיגען האַנד־געשלעג

דעם 5טען יאַנואַר האָבען די דייטשען געמאַכט אן אנגריף אויף דעם גאַנצען וואַלד־פראָנט. אכצעהן הונדערט געפאַנגענע זיינען גענומען געוואָרען. פון דעם פראַנצויזישען אינפאַנ־טעריע רעגימענט נומער 120 אליין האָבען מיר געפאַנגען זיבען הונדערט מאַן. דער האַנד־געשלעג האָט געדויערט ביז זעקס אזייגער אין אָוונד. איך בין מיט נאָך איין פּיאָניר ארייג־געפאַלען אין א טהייל פון דעם פראַנצויזישען שוצגראַבען, וועל־בען אכט פראַנצויזען האָבען נאָך פערטיידיגט. צוריקגעהן האָבען מיר ניט געקענט, האָבען מיר געמוזט אויפנעמען דעם אונגלייכען קאַמף. צו אונזער גליק האָבען מיר מיט זיך געהאַט האַנט־גראַנאַטען. מיר האָבען די צינדשנורען געמאַכט אזוי קורץ, אז זיי זאָלען וואָס אם שנעלסטען עקספּלאָדירען. איך האָב דאַן געוואָרפען א גראַנאַט צווישען די אכט פראַנצויזען. קוים האָבען זיי געקענט אויסמיידען די ערשטע גראַנאַט. איז געקומען א צווייטע, און זיי זיינען אין איהר אליין ארייננגע־לאָפען. מיר האָבען זיך בענוצט מיט דעם אויגענבליק פון זייער צומישטקייט און שנעל געוואָרפען אויף זיי נאָך פינף גראַ־

גאַטען. מיר האָבען רעדוצירט אונזערע געגנער אויף פיער. איצט האָבען מיר אָנגעהויבען שיסען פון אונזער געוועהר, זיך צורוקענדיג אלץ נאָהנטער צו די פיער פראַנצויזען. איינער איז געטראָפען געוואָרען אין מויל, זיינען שוין געבליבען נאָר דריי. זיי האָבען זיך אומגעקערט און געוואָלט אַנטלויפען.

די ווילדקייט אין אַזעלכע מאָמענטען איז אונבעשרייבליך און מען פערגעסט אין גאַנצען אָן יעדע געפאַהר. מיר זיינען צוגעקומען צו זיי גאַנץ נאָהנט. אָבער דאָ איז איינער אומגעפאַלען. שוין בין איך געווען ביי איהם. ער האָט זיך פערצווייפעלט געוועהרט מיט די פויסטען. מיין קאַמעראַד איז געבליבען הינטער די אנדערע צוויי. איך האָב זיך געראַנגעלט מיט מיין פראַנצויז און האָב איהם אויסגעשלאָגען עטליכע צייהנער. דאַן האָט ער נאָכגעגעבען און הויך אויפגעהויבען די הענט. בלוט איז גערונען פון זיין מויל. איך האָב איהם אָבגעלאָזען און ערשט גענוי איהם בעטראַכט. ער האָט אויסגעזעהן צו זיין אַלט פינף און דרייסיג יאָהר, מיט צעהן יאָהר עלטער פון מיר. איך האָב רחמנות געהאַט אויף איהם. ער האָט מיר געוויזען דעם רינג אויף זיין האַנט און האָט עפּעס צו מיר גערעדט. איך האָב פערשטאַנען: ער האָט געוואָלט בלייבען לעבען. ער האָט מיר געגעבען זיין פעלד פלאַש, איך זאָל טרינקען וויין, און ער האָט געוויינט, אפשר האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין פרוי און קינדער. איך האָב איהם געדריקט די האַנט. ער האָט מיר געוויזען זיינע פערבלוטיגטע צייהן. „נארישער מענש, — האָב איך צו איהם געזאָגט, — דו דאַרפסט דיך שעצען גליקליך, וואָס דו האָסט נאָר אַ פּאָר צייהן פערלאָרען. פאַר דיר זיינען אַלע שרעקען געענדיגט. קום!“ מיך האָט געפרעהט, וואָס איך האָב איהם ניט ערמאָרדעט. איך האָב אַליין איהם געבראַכט צוריק, אום איהם צו שיצען פון יעדער בעלעסטיגונג. ווען איך האָב איהם אָבגעליפערט, האָט ער מיר געדריקט די האַנט און געלאַכט; דאָס האָט ער זיך געפרעהט, וואָס ער איז איצט זיכער. ווי שלעכט עס זאָל איהם ניט זיין אין געפאַנגענשאַפט, וועט איהם אַלץ זיין בעסער,

אייִדער אין דער ערד. ער האָט ווענינסטענס אָן אויסזיכט צו קומען ווען עס איז צוריק אהיים.

אין אָוועגד האָבען מיר זיך גענומען אייניגע פון די פערבאַטענע דעקען. יענעם טאָג האָבען מיר זיי בעקומען אין די הונדערטער. מיר זיינען געווען זאַלבעצעהנט אין איין אונטערשטאַנד, און יעדערער פון אונז האָט געהאט אזא קאָלדרע. יעדערען פון אונז האָט זיך געוואָלט ווערען אָנגעשטעקט מיט די קרעץ. האָבען מיר זיך אויסגעצויגען און זיך גוט ארומגעוויקעלט מיט די דאָזיגע דעקען. פיער און צוואַנציג שטונדען שפּעטער זיינען שוין צוועלף פון אונז געווען בעדעקט מיט קליינע רויטע קרעץ. די גאַנצע קאָמפּאַניע האָט זיך בענוצט מיט די דעקען, אָבער ניט אַלע האָבען געהאט דעם געווינשטען ערפאָלג. דער ארצט האָט ניין פון אונז אָבגעשיקט אין עטאַפּענלאַזאַרעט אין מאָנטמעדי, און נאָך דעמזעלבען אָוועגד האָבען מיר פרעהליכע פערלאָזען אונזער לאַגער.

דער וואָקזאַל אין אַפּרעמאָן איז געווען צושאָסען, די נעקסטע סטאַציאָן האָט געהייסען שאַטעל. ביידע ערטער זיינען געלעגען ארום פינף קילאָמעטער הינטער דעם פראָנט. אין אַפּרעמאָן פלעגט מען איינטיילען די געפאַנגענע. דערביי זיינען געווען אַזעלכע געפאַנגענע, וועמעס היים איז געווען אין אַפּרעמאָן. זייערע פאַמיליען האָבען נאָך געוואוינט אין זייערע הייזער, און די געפאַנגענע האָבען געבעטען ערלויבניש צו בעזוכען זייערע קרובים. איך האָב צוגעזעהן אזא ווידערזעהן אין אַפּרעמאָן. צוויי סאָלדאַטען האָבען געפיהרט אַ געפאַנגענעם צו אַ הויז, וועלכע ער האָט אָנגעגעבען פאַר זיין הויז. זיין יונגע פרוי איז געזעסען אין קיך מיט דריי קינדער. מיר האָבען דעם סאָלדאַט נאָכגעפאָלגט אין הויז. די פרוי איז געוואָרען בלייך ווי טויט, ווען זי האָט דערזעהן איהר מאַן. זיי האָבען זיך געוואָרפען איינע דעם אַנדערען אין די אָרעמס. מיר זיינען ארויסגעגאַנגען, ווייל מיר האָבען געפיהלט, אז מיר זיינען דאָ איבעריג. די פרוי האָט שוין פינף מאָנאַטען ניט געהאַט פון איהם קיין צייכען פון לעבען, ווייל די דייטשען זיינען

צווישען זיי געשטאנען. ער ווידער איז מאנאטענלאנג גע־שטאנען אין גראבען און האט געוואוסט, אז דארט געפינען זיך זיין ווייב און קינדער, אזוי נאהנט דוכט זיך, און דאך קען ער צו זיי ניט צוקומען, און ער ווייס ניט, צי זיי לעבען גאר אין גאנצען. ער הערט, ווי די פראנצויזישע גראנאטען פליהען איבער זיין קאפ. וואס אויב זיי פאלען אין אפרעמאן? אויב זיין הויז ברענט דארט און פארבט בייננאכט דעם הימעל רויט? דאס אלץ ווייס ער ניט. ער לעבט אין איין פיינליכען צוויי־פעל, און זיין לעבען איז איהם א גיהנם. איצט איז ער אין דער היים, כאטש נאר אויף עטליכע שעה, דאן מוז ער אוועק־נעהן אלס געפאנגענער. דאך קען ער איצט דורך די פעלד־פאסט שרייבען צו זיין ווייב. איצט געזעגענט ער זיך ווידער מיט איהר. זי האט גארניט איהם צו געבען, — קיין וועש, קיין עסען, גארניט. זי האט אלץ פערלארען און איז אין גאנ־צען אבהענגיג פון דער בארמהערציגקייט פון די סאלדאטען. זי גיט איהם איהר לעצטע געלד, ער אבער גיט דאס איהר צוריק. וואס זיי זאגען, פערשטעהען מיר ניט.

זי נעמט דאס געלד צוריק, עס איז דייטשע געלט, פינף־און צעהן־פפעניג־שטיק און קופער, איהר גאנץ פערמעגען. מיר קענען זיך מעהר ניט איינהאלטען און זאמלען געלט צווישען אונז. איבער צעהן מארק גיבען מיר איבער דער יונגער פרוי. צוערשט וויל זי ניט נעמען און קוקט אויף איהר מאן, דאן נעמט זי און וויל אונז קושען די הענט. מיר קערען זיך אב, און זי לויפט אין די נעקסטע קראם און קויפט ציגארען, טאבאק, שווע־בעלעך און וואורשט, און א שטראהלענדיגע גיט זי דאס אלץ איהר מאן. זי לאכט, צום ערשטען מאל אפשר זייט א לאנגער צייט און קוקט אויף אונז מיט דאנקבארקייט. די קינדער זיינען לעבען פאטער און קושען איהם. זי בענלייט איהר מאן, ער האלט צו איין קינד אויף יעדער האנט, זי טראגט דאס דריטע, און גליקליך געהט די פאמיליע צווישען די ביידע סאל־דאטען. און ווען זיי מוזען זיך צושיידען, הויבען זיי אלע אן צו וויינען, די גרויסע און די קליינע. איצט איז זי וועניג־

סטענס גליקליך דערמיט, וואָס ער שטעהט ניט אין שטענדיגער לעבענס־געפאהר. זי האָט פיעל פערלאָרען, אָבער דאָס קאָסט־באַרסטע איז איהר געבליבען.

און דאָס איז דער שיקזאל פון טויזענדער מענער און פרויען: זיי זיינען נאָהנט צו זייער היימאַט און ווייסען ניט, ו׳ער עס איז געבליבען לעבען און ווער עס איז טויט.

פון שאַטעל געהען שוין רעגעלמעסיג פאסאזשיר־צוגען. עלף אזייגער אין אָוונד זיינען מיר אָבגעפאָהרען, גליקליכע, וואָס דער אָרגאַן וואלד איז הינטער אונז. אין בוזיער האָבען מיר געמוזט נעמען אַ צוג וואָס געהט אין דיעדענהאָפען. אהער האָבען צוועלף סאָלדאַטען געבראכט דריי געפאנגענע פראנ־צויזען. דאָס זיינען געווען דריי עלטערע ציווילע מענשען. מיר האָבען פערפיהרט אַ געשפרעך מיט איינעם, וואָס איז מיט־געפאָהרען מיט אונז. ער איז געווען אַ פראנצויזישער סוחר פון בוזיער און האָט גערעדט אַ פליסענדען דייטש. די דריי געפאנגענע זיינען געווען פון זיין שטאָדט. ער האָט אונז דער־צעהלט, אז זיי פלעגען זייערע וואוינונגס־מיטעל בעקומען פון די דייטשע מיליטערישע בעאמטע, אָבער ניט גענוג צו קענען לעבען, און די מענשען אליין האָבען גאָר ניט געהאַט, ווייל זייער פיה און לעבענס־מיטעל האָט מען ביי זיי צוגענומען. די דריי מענשען האָבען מעהר ניט געוואָלט ארבייטען, ווייל זיי האָבען ניט געקענט לעבען פון דעם, וואָס זיי האָבען פאר די ארבייט בעקומען. מען האָט זיי ארעסטירט, און איצט טראנספּאָרטירט מען זיי אין דייטשלאנד. וואָס מען וועט דאָרט מיט זיי טהאָן, ווייס מען נאטירליך ניט.

דער מאַן האָט אונז אויך דערצעהלט, אז מען האָט צוגע־נומען אַלע איננגערע מענער און מען האָט זיי אינטערנירט אין דייטשלאנד.

אין סעדאַן האָבען מיר געמוזט ווארטען פינף שעה, ווייל איינער נאָך דעם אנדערען זיינען אהין אָנגעקומען צוגען מיט פערוואונדעטע. אויפ׳ן אַנדערען טאָג זיינען מיר אָנגעקומען אין מאָנטמעדי און זיינען אוועק צום עטאַפּענלאַזארעט. דאָ

האָט מען דעזינפיצירט אונזערע קליידער, און מיר האָבען זיך געקענט באָדען. מען האָט אונז געבראַכט אין א גרויסען באַראַק. געשלאָפען האָבען מיר אויף שטרוי־זעק אויף דער ערד. אין א באַראַק האָבען זיך געפונען צווישען פערציג און פופציג מאַן. די מענשען זיינען געקומען פון אלע טיילען פון דעם פראָנט, און אלע האָבען נאָר געוואוסט פון עלענד, און קיין איינער איז צווישען זיי ניט געווען, וואָס האָט ניט פערשאָלטען די מלחמה.

אַלע זיינען געווען צופריעדען, וואָס זיי זיינען איצט אין זיכערהייט, און יעדערער האָט געטאָן אַלץ, כדי וואָס לענגער צו זיין „קראַנק". יעדען טאָג האָט מען אונז צוויי מאָל באַהאַנדעלט מיט א זאַלב, און דאַן האָבען מיר געקענט פריי אומגעהן. איין טאָג האָבען מיר בעזוכט די פעסטונג מאָנטמעדי, הויך אויבען אויפ'ן בארג. עטליכע הונדערט געפאַנגענע, וואָס זיינען דאָ געהאַלטען געוואָרען, האָבען גראָד דאַן געגעסען זופּ. איינער פון זיי איז גלייך צוגעגאַנגען צו אונז. דאָס איז געווען דערזעלבער, מיט וועלכען איך האָב זיך דעם 5טען יאַנואַר געשלאָגען אין פראַנצויזישען גראָבען. ער האָט אונז מיט פרייד בעגריסט. ער האָט מיטגעבראַכט א געפאַנגענעם, וואָס האָט גוט גערעדט דייטש, און יענער איז געווען אונזער דאָלמעטשער. ער האָט עטליכע מאָל געזאָגט, אַז ער איז גליקליך צו זיין געפאַנגען. ער איז דאָך פונקט ווי מיר, נאָר א סאָלדאַט ווייל ער מוז, ניט ווייל ער וויל דאָס. אין יענעם אויגענבליק, ווען מיר האָבען זיך געראַנגעלט, זיינען מיר געווען טויטליכע שונאים. איך בין גליקליך געווען, וואָס איך בין דאַן ניט געגאַנגען צו ווייט, און ווידער האָב איך געזעהן דעם אונזין פון מאַסענמאָרד. מיר האָבען זיך צושיידט, דריקענדיג פעסט די האַנט איינער דעם צווייטען.

איך בין אין לאַזאַרעט געבליבען צוויי וואָכען. דאַן האָט מען ווידער געמוזט געהן צום פראָנט. אין לאַזאַרעט האָט מען אונז געגעבען גוטע שפּייז, און מיט געמישטע געפיהלען זיינען מיר פון דאָרטען אוועק צוריק צו דער שלאַכט־ליניע. ווען

מיר זיינען אָנגעקומען אין די לעצטע סטאַציאָן, שאַטעל, האָבען מיר שוין דערהערט די שיסעריי פון דער ארטילעריע. מיר האָבען זיך ניט געקענט העלפען און האָבען געמוזט געהן אין וואַלד. ווען מיר זיינען געקומען אין אונזער אַלטען לאַגער, האָבען מיר דאָרט געפונען נאָר אַנדערע סאָלדאַטען. אונזער קאָמפּאַניע איז אַוועק, און קיינער האָט ניט געוואוסט וואוהין. מיר האָבען זיך געמוזט אומקערען צו דער הויפּט־קוואַרטיר פון אונזער קאָרפּוס אין קאָרנעי. נאָך אַ האַלבער שעה רייזע זיינען מיר אָנגעקומען אין יענעם אָרט. דאָ איז געווען די הויפּט־קוואַרטיר פון דעם גענעראַל־שטאַב פון 16טען אַרמיי קאָרפּוס. אין אַ גרויסער ווילאַ זיינען דאָ געווען גענעראַל מודראַ מיט זיינע אָפיצירען, דאָס הויז איז געווען בעוואַכט פון דריי דאָפּעלפּאָסטען. מיר האָבען געוויזען אונזערע פּאַפּירען און מען האָט אונז אָבגעפיהרט אין דעם גרויסען טעלעפאָן־צימער. פון אַלע טיילען פון פראָנט האָבען זיך אַהער געצויגען דראָטען, און די אַפּאַראַטען זיינען געווען אין שטענדיגער בעוועגונג.

אַ פעלדפעבעל האָט אויף די קאַרטען באַלד געפונען אונזער קאָמפּאַניע, וועלכע איז איצט געווען אין דער 34טער דיוויזיאָן. זי איז געשטאַנען ביי וואַרען. ער האָט אונז אויף דער האַנט געוויזען ווי אַהין צו געהן, לויט זיין קאַרטע. מיר זיינען געפאָהרען מיט'ן באַהן צוריק צו שאַטעל און דאַן געגאַנגען צו פוס ביז אַפּרעמאָן.. פון דאָרט האָבען מיר געמוזט מאַרשירען זידליך צו וואַרען. דאָ זיינען געפאַנגענע פראַנצויזען געווען בעשעפּטיגט מיט אויסבעסערען די גאַס. דאָס זיינען געווען מעהרסטענס שוואַרצע קאָלאָניאַלע סאָלדאַטען אין זייערע פּיעלפאַרביגע אוניפאָרמען. אויף דער גאַס זיינען אויך געשטאַנען עסטרייכישע מאָטאָר־באַטעריען אין שטעלונג. הינטער איין פעלזיגען אָבהאַנג זיינען געשטאַנען דריי פון אָט די 30.5 צענטימעטער־האָוויצער, האָבען אָבער ניט געפייערט. ווען מיר זיינען ביטאָג צייט אַרויפגעקומען אויף דעם הויכען אָרט פאַר וואַרען, האָבען מיר פאַר אונז געזעהן די גאַנצע געגענד. וואַרען איז געלעגען אונטער אונז אין טהאָל. עטוואָס וויי‍טער איז געווען

דער הויכער פונקט וואַקוא. פון קיין הייזער איז שוין ניט געוועז קיין סימן.

אָהן אויפהער זיינען געפלויגען גראַנאַטען אויף די הויפענס שמוץ וואָס זיינען נאָך ערגעץ וואו געבליבען. א שרעק האָט אונז ארומגענומען, ווען מיר האָבען זיך דערמאַנט, אז מיר מוזען געהן אהין. מיר זיינען אָבער קוים ארויף, ווי הינטער אונז האָבען שוין עקספּלאָדירט עטליכע גראַנאַטען. די פראַנצויזען האָבען דאָ געשאָסען אויף יעדען איינעם מיט ארטילעריע פּראָיעקטילען, און אזוי לאַנג ווי זיי האָבען געהאַלטען וואַקוא, האָבען זיי געקענט זעהן די גאַנצע געגענד ארום. מיר האָבען פערשטאַנען, פארוואָס מען קעמפט דאָ אזוי ערביטערט פאר א הויפען שמוץ. מיר זיינען ארונטערגעלאָפען פון דעם אָבהאַנג און זיינען געווען אין ווארען. דער זידליכער טייל פון דעם אָרט איז געווען אין גאַנצען צושאָסען און פערברענט. די הייזער זיינען געווען פערברענט, נאָר די קוימענס האָבען זיך געהויבען איבער הויפענס שטיינער און שמוץ. אומעטום האָבען סאָלדאַטען געזוכט איבערגעבליבענע שטיקער פון בעסערע מעטאַלען. קירכענגלאָקען זיינען צושמאָלצען געוואָרען. קופּער, צין, מעש, ניקעל — דאָס אלץ האָט מען געפּאַקט אין וואָגענס און אָבגעפיהרט אין דייטשלאַנד.

XXI

דער גיהנם ביי וואַקוא

מיר האָבען געפונען אונזער קאָמפּאַניע, און אונזערע קאַמעראַדען האָבען אונז דערצעהלט, אין וועלכען גיהנם זיי האָבען זיך דאָ געפונען. אויף מאָרגען, איידער עס איז טאָג געוואָרען, האָבען מיר שוין געמוזט זיין אין אונזער שטעלונג. ווייל ווי עס פלעגט ווערען ליכטיג, פלעגען די פראַנצויזען בעשיסען אלע צוגענג. פון שוצגראָבענס האָט דאָ גאָר קיין רעד ניט געקענט זיין, ווייל אלץ וואָס מען האָט דאָ געזעהן איז געווען הויפענס

שטיינער. שוין מעהר ווי פופצעהן מאָל איז דער פונקט איבער־
געגאַנגען פון איין צד צום צווייטען. ווען מיר זיינען אָנגע־
קומען, איז אַ העלפט פון דער פּאָזיציאָן געווען אין דייטשע
הענט. די פראַנצויזען האָבען אָבער געהאַלטען דעם העכסטען
פונקט, פון וועלכען זיי האָבען געקענט זעהן די גאַנצע געגענד
ארום פאר מיילען ווייט. דאָ איז געווען אוממעגליך צו בויען
שוצגראָבענס, ווייל די פראַנצויזישע ארטילעריע וואָלט אין איין
אויגענבליק אַלץ צושאָסען. האָבען מיר געזוכט שוץ הינטער
שטיינער.

די סאָלדאַטען זיינען געלעגען בעהאַלטען הינטער שטיינער
און האָבען געשאָסען ווי זיי האָבען נאָר געקענט. די ארטי־
לעריע איז צו דער זעלבער צייט אויך געווען זעהר טהעטיג.
דייטשע און פראַנצויזישע לייכען אָהן אַ צאָהל זיינען געלעגען
צואוואָרפען ארום אונז. מיר האָבען צוערשט געמיינט, אז דאָס
וועט נאָר צייטווייליג זיין אַזוי שרעקליך, אָבער נאָך עטליכע
טעג האָבען מיר איינגעזעהן, אז צו דער וואַהנזיניגער אויס־
שלאַכטונג קען גאָר קיין סוף ניט נעמען. טאָג און נאַכט האָט
די שיסעריי ניט אויפגעהערט. מיט ווערדון אַלס זייער באַזיס,
האָבען די פראַנצויזען געוואָרפען אהער אַלץ נייע און נייע
מאַסען. די שווערע פּראָיעקטילען פלעגען קומען פון די נאָ־
הענטע פעסטונגען פון ווערדון. ביידע צדדים האָבען דאָ גלייכ־
צייטיג אָנגעהויבען אין פריהלינג 1915 אַ לאָקאַלע, אָבער מער־
דערליכע אָפענסיווע.

די ארטילעריע פון ביידע זייטען האָט געשאָסען און גע־
שאָסען, ביז עס איז קוים געבליבען דאָ איין פוס ערד, וואָס
איז ניט געטראָפען געוואָרען פון אַ גראַנאַט. דריי טעג און
דריי נעכט האָט דאָס אָנגעהאַלטען, ביז עס איז שוין ניט געווען
דאָ מעהר קיין איין סאָלדאַט, פראַנצויזישער אָדער דייטשער.
ביידע זייטען האָבען געמוזט האַלטען זיך ווייטער פון דעם אָרט,
ווייל ווער עס איז אהין אריינגעפאַלען, איז שוין מעהר קיין
לעבעדיגער ניט ארויסגעקומען. די הויך און דער אָבהאַנג זיינען
געווען איינגעהילט אין אונדורכדרינגליכען רויך. אויפ'ן דריטען

טאָג איז די פראַנצויזישע אַרטילעריע אַביסעל שטילער געוואָרען, און מען האָט אונז געהייסען געהן יעדער אויף דעם הויפען דיאינען, וואָס איז שוין בעשאַטען געוואָרען פון הונדערטער טויזענדער גראַנאַטען. עס איז נאָך געווען ליכטיג, און מיר האָבען געזעהן, אַז די פראַנצויזען געהען אויך אַהין אין געשלאָסענער פאָרמאַציאָן.

מיר האָבען געהאַלטען אין אונזערע הענט כמעט די גאַנצע פּאָזיציאָן, און מען האָט ניט אויפגעהערט צו ברענגען מאַשין געוועהר. מיר האָבען געקענט זעהן, ווי אונזער אַרטילעריע פלעגט טרעפען אין די רייהען פון פיינדליכען רעזערוו. די מאַשין געוועהר האָבען בוכשטעבליך געשניטען די ערשטע רייהען. די פראַנצויזען האָבען פינף מאָל בענייט זייער אַנגריף, און די אַרטילעריע האָט צווישען זיי געמאַכט חורבנות. מיר, סאָלדאַטען, האָבען די פערלוסטען יענע נאַכט אין טויטע אַליין געשאַצט ביז פיער טויזענד! אויפ'ן צווייטען טאָג האָבען די פראַנצויזען אָבגעשטעלט זייערע אַנגריפען און זייער אַרטילעריע האָט גענומען שיסען אויף אונז. ביז צעהן אַזייגער האָבען מיר אויסגעהאַלטען, דאַן האָבען מיר, ניט וואַרטענדיג אויף קיין בעפעהל, זיך צוריקגעצויגען, איבערלאָזענדיג אונצעהליגע טויטע. ווידער האָבען זיך די פראַנצויזען אַ רוק געטהאָן און האָבען זיך, ניט קוקענדיג אויף אונזער אַרטילעריע, פעסט בעזעצט אויף דעם נאָרדליכען ראַנד פון וואָקוא. נאָר אייניגע שייטערהויפענס זיינען געבליבען אין אונזערע הענט. אויף וויפיעל מיר האָבען נאָר געקענט, האָבען מיר געלעגט שטיינער פאַר אונז פאַר אַ שוץ. די אַרטילעריע פון ביידע זייטען האָט אונז דאָ ניט געקענט טרעפען, ווייל מיר האָבען זיך געפונען קוים צעהן טריט פון שונא. אָבער הינטער אונז איז די גאַנצע גענענד בוכשטעבליך צוריסען געוואָרען פון פּראָיעקטילען.

ביי דער שיסעריי פון די מאַשינגעוועהר איז אונמעגליך געווען צו ברענגען אַמוניציאָן. די אַרבייט האָט דעריבער געמוזט געטהאָן ווערען פון פּיאָנירען. אַרום דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג זיינען מיר ווידער איבערגעגאַנגען צום אַנגריף. אָבער אַרום איז געווען בוכ־

שטעבליך א רעגען פון קוילען, און עס איז געווען אונמעגליך זיך אויפצוהויבען פון דער ערד. ארום האָט מען געשריען: „פּיאָנירען, פאָרווערטס מיט די האנטגראנאטען!“ אָבער קיין פּיאָניר האָט זיך ניט גערירט פון אָרט: מיר זיינען דאָך אויך נאָר מענשען.

איין פעלדפעבעל איז צו אונז צוגעקראָכען. זיינע אויגען האָבען געשטאַרט און אין גאנצען האָט ער אויסגעזעהן ווי ווילד. „דו ביזט פּיאָניר?“ — „יע“. — „טרעט ארוים!“ — „אליין?“ — מיר קומען באַלד נאָך דיר!“ — אום מען זאָל איהם קענען דערהערען אין דער בעטויבענדער העלישער שיסעריי, מוז ער שטארק שרייען. ווען ער זעהט, אז ער קען מיט מיר ניט אנהויבען, געהט ער צו א פּיאָניר, וואָס ליעגט לעבען מיר. יענער ווערט זיך פון איהם מיט דער האנט, און ווען דער פעלדפעבעל ווערט צודרינגליכער, ווייזט ער איהם זיין געוועהר, און דער פעלדפעבעל לאָזט איהם אב.

פאר מיר ליגען איבער צוואנציג האנטגראנאטען. צעהן פון זיי האָב איך אויף יעדען פאַל צוגעבונדען צו מיין רימען. „ווען זיי וועלען דאָ אלע עקספּלאָדירען, האָב איך צו זיך אליין געזאָגט, איז א סוף צו דיר“. א ברענענדע ציגאר האָב איך געהאט אין מויל. איין באָמבע נאָך דער אנדערער האָב איך אָנגעצונדען אן דער ציגאר און געשליידערט אין דער ריכטונג פון איינינע פראנצויזען, וואָס האָבען ניט ווייט פון מיר הינטער א הויפען שטיינער בעדיענט א מאשין־ביקס. זייער שיסעריי האָט צושפּליטערט ארום מיר אלע שטיינער. איך האָב שוין געוואָרפען פיער גראנאטען, אָבער אלע צו־ווייט. איך נעם שטיינער און וואַרף, כדי אויסצוגעפינען, ווי איך דאַרף וואַרפען, אום זיי צו טרעפען.

איך וואַרף די שטיינער אלץ זיכערער און ענדליך אין דאָס מאשין־געוועהר. „ווען דאָס וואָלט געווען א האנטגראנאט!“ — טראכט איך. אן אינפאנטעריסט לעבען מיר איז געטראָפען געוואָרען אין אויער, דאָס בלוט רינט איהם אראָב אויפ׳ן האלז, איך האָב מעהר ניט געהאט קיין זאך, מיט וואָס איהם צו פערבינדען, נאָר א שטיקעל וואטע, און דאָס האָב איך איהם צוגעקלעבט אויף זיין וואונד. א ראָל איזאָלירבאנד האָב איך געהאט אין קע־

שענע, צוזאמען מיט גומעבאנד צו איזאָלירען פון די צינדלייטונגען. מיט דעם האָב איך איהם פערבונדען. ער האָט מיר אָנגעוויזען אויף דאָס מאשינגעוועהר. דאן האָב איך אָנגעצונדען אן מיין ציגאר און געוואָרפען שנעל איינע נאָך די אנדערע זעקס האנדגראנאטען. וויפיעל פון זיי האָבען געטראָפען, ווייס איך ניט. אָבער די שטיקער פון אוניפאָרמען און פון דעם מאשינגעוועהר האָבען מיר געזאָגט גענוג. שפּעטער, ווען מיר האָבען זיך א רוק געטהאָן ווייטער, האָב איך געזעהן דריי טויטע לעבען דעם צושטערטען מאשינגעוועהר.

דאָס איז נאָר איין ביישפּיעל פון דעם, צו וואָס מיר האָבען זיך צוגעוואוינט, פון דעם אלטעגליכען, וואָס האָט זיך ווידערהאָלט אָהן אויפהער טאָג און נאכט. דאָס ערקלערט שוין די אונגעהויערע פערלוסטען אין מענשענלעבענס.

לאנג זיינען מיר אזוי געלעגען און ניט געקענט אנגרייפען. עס האָט זיך אָנגעהויבען א דועל פון האנטגראנאטען. הונדערטער פון זיי זיינען געפלויגען אהין און אהער. לאנג קען דאָס אזוי ניט דויערען, מיר פיהלען, אז עפּעס מוז געשעהן. אָהן בעפעהל שפּרינגען מיר אלע פּלוצלונג אויף און וואַרפען זיך מיט די באיאָנעטען אויפ׳ן שונא. אין איין מינוט זיינען מיר שוין פערוויקעלט אין א ווילדען האנטגעשלעג. מיר פּאָכען און קלאַפּען און שטעכען מיט די שארפע באיאָנעטען. מיר שטעהען אויף לייכען אום אנדערע צו מאכען פּאר לייכען. אָבער דער פיינד מעהרט זיך אלץ, און אויף דעם ארט פון איין דערשלאָגענעם שטעלען זיך פּלוצלונג אויף דריי נייע.

מיר בעקומען אויך פערשטארקונגען, און ווייטער מאָרדעם מען, א מענשליך לעבען האָט קיין שום ווערט ניט, מיר קעמפען ווי חיות. איך האָב זיך פערטשעפּעט אן א שטיין און בין אומגעפאלען. אין דער זעלבער רגע זעה איך, ווי א ריעזיגער פראנצויז האָט אויפגעהויבען אויף מיר א פיאָנירען רידעל. איך מייד אוים דעם קלאַפּ, וועלכער פאלט אויף א שטיין, און אין נעקסטען אויגענבליק שטעקט שוין מיין באיאָנעט טיף אין זיין קערפּער. מיט א שרעקליכען געשריי אין וואהנזיניגען שמערץ פאלט ער אום.

דער בלוטיגער באיאָנעט שטעקט שוין ווידער ביי מיר אין שמי־וועל, און איך הויב אויף דעם רידעל. די פיינד ארום מעהרען זיך. איך טרעף איינעם מיט דעם רידעל צווישען קאָפּ און פּלייצע און ער ווי די ביינער קראכען. אנאנדערער שטעהט הארט לעבען מיר. איך כאַפּ מיין באיאָנעט. ער גיט מיר א קלאַפּ מיט'ן פויסט, און בלוט רינט ביי מיר פון מויל און נאָז. מיר כאַפּען זיך ארום.

דער באיאָנעט איז ביי מיר אין דער רעכטער האנט, אָבער איך קען מיט איהם נאָר ניט טהאָן. מיין געגנער בייסט זיך איין אין מיר מיט די צייהנער. איינער פון אונז מוז אומקומען, דאָס איז קלאָר, איך דריק איהם אזוי פעסט צו זיך, אז זיינע ביינער קנאקען. איך פיהל א שרעקליכען וועהטאָג פון זיינע צייהן. איך דרעה אוים מיין באיאָנעט אזוי, אז איך קען איהם בענוצען, און אויסקלייבענדיג אן ארט אין דער רעכטער זייט פון מיין געגנער, רוק איך איהם אריין דעם שארפען באיאָנעט. ער הרעהט זיך אום דריי מאָל מיט דעם באיאָנעט אין מורא'דיגע שמערצען און פער־זוכט ארויסצוציהען דאָס געוועהר פון זיין זייט, אָבער ער פאַלט אום. איך ציה ארוים דעם פערבלוטיגטען באיאָנעט.

מיר האָבען אָבגעשטופּט די פראנצוויזען אויף אייניגע מעטער, דאָן האָבען מיר בעקומען פערשטארקונגען. נאָך א קורצען געפעכט האָט דער שונא נאָכגעגעבען ביז צום זידליכען ראנד פון דאָרף. שפּעטער קומט א געגענאנגריף, און מיר ווערען אָבגעוואָרפען צו־ריק אויף פופציג מעטער. ווידער זיינען מיר אויף דעם ארט וואו מיר זיינען געוועזען מיט פיער טעג צוריק, נאָך פיער לאַנגע טעג פון אונזיניגער אויסשלאכטונג.

פיער טעג און נעכט זיינען מיר דאָ געלעגען ווי ווילדע, אָהן שפּייז און אָהן שלאָף, און מיר האָבען מעהר קיין קרעפטען ניט געהאט. מען האָט אונז אָבגעלאָזען און פערביטען, צו אונזער גרויסער ערשטוינונג, מיט קאוואלעריע, זאקסישע יעגער, אויף פערד. דאָ האָט מען זיך מיט זיי בענוצט ווי מיט אינפאנטעריע, ווייל מען האָט אזוי שנעל נים געקענט ברענגען נייע מיליטער. שפּעטער, אין לאַגער, האָבען מיר ערפאהרען, אז אונזער קאמפּאַ־

גיע האָט פערלאָרען 49 מאַן. מען האָט וועגען קיינעם פון זיי גאָר ניט געוואוסט, צו זיי זיינען טויט, אָדער געפאנגען, אָדער ליגען פערוואונדעט אין לאזארעט.

דאָס דארף איז שטארק באָמבארדירט געוואָרען פון גרויסע פראנצויזישע קאַנאָנען. אין איין קווארטאל, וואָס איז נאָך ניט געווען צושטערט, האָבען נאָך געוואוינט פראנצויזישע פאמיליען. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס גרויסע 28־צענטימעטער גראנאטען זיינען דאָ געפאלען אהן אויפהער, און פיעלע זיינען שוין פער־וואונדעט געוואָרען, האָט מען די איינוואוינער ניט געקענט בע־וועגען, זיי זאָלען פערלאָזען דאָס דאָרף.

באלד זיינען אָנגעקומען די לאַנג ערוואַרטעטע פערשטאַרקונ־גען. מיר האָבען זיי הערצליך בעגריסט. דאָס זיינען געווען מענשען פון פערשיעדענעם עלטער: זיעבצעהן־יעהריגע איינגלאַך, פריי־וויליגע, און אלטע סאָלדאטען פון לאנדשטורם, אויף פרייוויליגע. זיי האָבען באלד אלע חרטה געהאט, וואָס זיי האָבען פרייוויליג זיך געמעלדעט. און די אלטע סאָלדאטען האָבען זיי פאָרגעוואָר־פען: „מיר האָבען געמוזט, אָבער וואָס זייט איהר אליין געקראָ־כען?“ דאָך האָבען מיר אלע געוואוסט, אז די פרייוויליגע זיינען די גאנצע צייט געווען אונטער א געוויסען שטארקען איינפלוס און האָבען ניט געוואוסט דעם אמת וועגען דער מלחמה.

XXII

אויף אורלויב אין דער היים

די סאָלדאטען, וואָס זיינען געווען אין קריעג פון אָנהויב אָן און זיינען ניט געווען פערוואונדעט, האָבען אָבער אלץ מיט־געמאכט, האָבען בעקומען אורלויב און געקענט פאָהרען אויף צעהן טעג אהיים. כאָטש אונזער קאָמפּאניע האָט געצעהלט ניט מעהר ווי פערצעהן אונפערוואונדעטע סאָלדאטען, איז עס דאָך זעהר שווער געווען צו בעקומען אורלויב. אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מיר האָבען פערלאָרען זעהר פיעל

פון אונזער צאהל, זיינען אלע אונזערע אפיצירען געווען פריש און געזונד.

ערשט אין סעפטעמבער איז עס מיר געלונגען, אויף די ביטען פון מיינע קרובים, צו בעקומען אן אורלויב. מיט אן ענטשלוס, וועלכער האט מיר צייטענווייז אויסגעוויזען צו זיין אונדורכפיהרבאר, בין איך אבגעפאהרען אהיים. אלץ איז צוגעגאנגען גוט, ביז איך בין אנגעקומען אין דידענהאפען.

ביז יענער סטאציאן איז דער פערקער אנגעפיהרט געווארען פון די אייזענבאהנען אין געביעט פון די מיליטערישע אפעראציאנען. אין דידענהאפען איז דער פערקער איבערגעגאנגען צו די עלזאס־לאטרינגישע רייכסבאהנען און די פרייסיש־העסישע שטאאטס באהנען. איך האב געמוזט בייטען און האב גענומען א צוג נאך סאארבריקען. איך האב קוים צייט געהאט זיך אוועקצוזעצען אין א וואגאן מיט מיין שמו־ציגען, צוריסענעם אוניפארם, ווי א קאנדוקטאר איז אריין צו קאנטראלירען די בילעטען. איך האב נאטירליך קיין בילעט ניט געהאט, נאר אן אורלויבס־פאס און א צייגניס אויף דורכצופאהרען פריי, וואס מען האט מיר נעגעבען אויף דער סטאציאן שאטעל אויף דער פעלד־אייזענבאהן. דער קאנדוקטאר האט בעטראכט די פאפירען און האט ווידער געבעטען ווייזען מיין בילעט. איך האב איהם אנגעוויזען אויף מיין צייגניס. „דאס איז נאר גוט אין דעם אפעראציאנסגעביעט", — האט ער געזאגט, — „דא פאהרט איהר מיט דער שטאאטסבאהן און מוזט האבען א בילעט."

איך האב איהם געזאגט, אז איך וועל קיין בילעט ניט קויפען און האב איהם געבעטען מעלדען וועגען דעם דעם פארשטעהער אויפ'ן וואקזאל. „איהר האנדעלט לויט אייער אינסטרוקציאן, — האב איך איהם געזאגט, — אויף אייך האב איך קיין פאראיבעל ניט, וואס איהר מוזט פערלאנגען פון מיר עפעס, וואס איך וועל אונטער קיינע אומשטענדען ניט טהאן." ער געהט אוועק און קומט צוריק מיט א באהן בעאמטען. יענער קוקט ווידער דורך מיינע פאפירען און זאגט מיר

דאַן, אז איך מוז בעצאַהלען פאַר מיין רייזע. „איך האָב קיין געלט ניט, — האָב איך איהם געענטפערט, — איך שטעה שוין דריי יאָהר אַט אין דעם צייג (איך וויין איהם אָן אויף דעם „קייזער׳ס ראָק“), דריי יאָהר האָב איך קיין איינקונפט ניט געהאט, ווי אזוי קען איך בעצאַהלען פאַר מיין אורלויבס־רייזע?“ — „ווען איהר האָט ניט קיין רייזעגעלט, קענט איהר ניט פאָהרען אויף אורלויב!“

מען האָט מיך טיף אין פראנקרייך אוועקגעפיהרט, איז, הוכט זיך, געווען א פליכט מיך צוריקצוברענגען אהין, פון וואנען מען האָט מיך גענומען. דריי יאָהר בין איך געווען א סאָלדאט, מעהר ווי א יאָהר בין איך געשטאנען אין פעלד פאַר דאָס פאָטערלאנד, און דאָ ענטזאגט מען אָן אָבגעריסענעם אָרימען סאָלדאט צו בענוצען זיך מיט דער אייזענבאהן! איך אָבער צאָהל ניט, וויל פון די פאָר פפעניג לוין קען איך אויף א רייזע ניט אָבשפּאָרען. איך האָב זיך נאָכאמאָל אויסדריק־ליך ענטזאגט צו בעצאַהלען פון מיין פריוואטען געלט פאַר דער רייזע פון א סאָלדאט און „איך בעט אייך לאָזען וועגען דעם וויסען דעם מיליטערישען קאָמענדאנט פון וואָקזאל, פאַר מילי־טער איז פאראַן א קאָמענדאנטור־“

ער האָט אויף מיר געוואָרפען נאָך א בייזען בליק דורך זיינע ברילען און איז פערשוואונדען. לעבען מיר זיינען גע־זעסען נאָך צוויי ציוויליסטען. זיי האָבען געזאָגט, אז דאָס איז אונערהערט, דאָס מען זאָל פערלאנגען געלט פון א סאָל־דאט, וואָס קומט פון פראָנט. דער קאָמענדאנט איז געקומען מיט זיין אונטעראָפיציר. אורלויבספּאָס, סאָלדביכער, אַלע פאפירען האָט ער פערלאנגט. „האָט איהר געלט?“ — „ניין“. — „פון וואנען קומט איהר?“ — „פון שאַטעל אין אַרגאָן“. — „ווי לאַנג אויפ׳ן פראָנט?“ — „14 מאָנאטען“. — „געווען פערוואונדעט?“ — „ניין“. — „האָט איהר גאָר ניט קיין געלט?“ — „ניין, אין פעלד דאַרף מען קיין געלט ניט האָ־בען“. — „די רייזע מוז ווערען בעצאָהלט; ווען איהר קענט ניט, מוז אייער קאָמפּאַניע דאָס טהאָן, שרייבט אונטער דאָ“.

איך האָב אונטערגעשריבען, ניט קוקענדיג וואָס, נאָר מען זאָל מיך לאָזען צורוה. דער אונטעראָפיציר איז געקומען צוריק. „איהר טאָרט אין דעם וואגאָן ניט פאָהרען, איהר טאָרט אויך ניט רעדען מיט די פאסאזשירען, איהר דארפט פאָהרען אין ערשטען וואגאָן, „נאָר פאר מיליטער", איז אויף איהם אָנגע־שריבען, געהט אהין". — „אזוי, — האָב איך געזאָגט, — א קופע פאר הינט". ער האָט זיך אומגעקוקט און געזאָגט: „אָהן בעמערקונגען".

דער צוג איז אָבגעפאָהרען, און באלד בין איך אָנגעקומען אהיים. ווען די ערשטע שטונדען פון ווידערזעהן זיינען פאָר־איבער, בין איך ווידער געווען בעזאָרגט מיט ריינע וועש, איך האָב אויך גענומען דאָס דרינגענד נויטיגע באָד. איך האָב ווידער אָנגעטאָן דעם לאנג ניט בענוצטען ציווילאנצוג, ווי אָב־געוועהנט איך בין דאָס פון אלץ געווען! איך האָב אָנגע־הויבען צו דענקען: אונטער קיינע אומשטענדען וועל איך זיך ניט צוריקקערען צום פראָנט. איך האָב נאָך ניט געוואוסט, ווי אזוי איך וועל קענען איבערגעהן דעם גרענעץ. נאָר צוויי לענדער האָט מען דאָ געקענט האָבען אין זינען: די שווייץ און האָלאנד. נאָך דער שווייץ — ניין, דאָס טויג ניט. די שווייץ איז ארומגערינגעלט פון קריעגספיהרענדע מלוכות. איין קליינער פונק, און די שווייץ איז אויך אין קריעג, און איך האָב ניט קיין אויסוועג. בלייבט נאָך האָלאנד. אָבער ווי קומט מען אהין? טויזענד פּלענער האָב איך געמאכט און האָב זיי געמוזט פערוואָרפען. קיינער ניט, אפילו מיינע קרובים, טאָרען קיין זאך ניט וויסען.

מיין אורלויב האָט זיך שוין באלד געדאַרפט ענדיגען, נאָך פיער טעג זיינען מיר געבליבען. איך האָב זיך דערמאָנט אָן א גוטען אלטען פריינד אין א רהיינישער שטאָדט. מיין ענטשלוס איז געווען פארטיג. ניט זאָגענדיג א וואָרט מיינע קרובים, האָב איך איינגעפאקט אן אנצוג, שיך און אלץ וואָס איז נויטיג, און האָב געזאָגט מיינע קרובים, אז איך וויל בע־

זוכען מיין פריינד. איך האָב איהם אויסגעזאָגט מיין פּלאַן, און ער האָט מיר צוגעזאָגט יעדע אונטערשטיצונג.

מיין אורלויב איז פאָריבער. איך טהו ווידער אָן מיין אוניפאָרם, און מיינע קרובים מיינען, אז איך פאָהר צוריק צום פראָנט. איך בין אָבער געפאָהרען צו מיין פריינד און האָב זיך איבערגעטאָן ציוויל. מיין אוניפאָרם און וואפען האָב איך פערניכטעט און אריינגעוואָרפען אין א טייך. נאָכדעם ווי איך האָב פערוויסט יעדען שפור, בין איך געפאָהרען אין פערשידענע ריכטונגען און בין ענדליך אָנגעקומען אין קעלן. פון דאנען בין איך געפאָהרען ביז דיסעלדאָרף און בין דאָרט איבערגאכט געבליבען אין א האָטעל. איצט איז שוין געווען עטליכע טעג נאָך מיין אורלויב, טויזענדער געדאנקען האָבען זיך מיר געדרעהט אין קאָפּ, אָבער עס איז פאר מיר געווען קלאָר, אז אויב אלץ וועט ניט צוגעהן פּראָגראממעסיג, קען דאָס מיר קאָסטען מיין לעבען. מיין פּלאַן איז געווען אריבער־צוגעהן די גרענעץ ביי פענלא, האָלאנד. איך האָב אָבער גע־וואוסט, אז דער גרענעץ איז געווען שטארק בעוואכט.

דער גאנצער געגענד דאָ ארום גרענעץ איז מיר געווען אין גאנצען אונבעקאנט. איך האָב דאן געמאכט א נייעם פּלאַן. איך בין געקומען צוריק צו מיין פריינד און האָב איהם געזאָגט, אז איך מוז האָבען א קארטע פון דעם גרענעץ געגענד און א פאַלשען דאָקומענט. ער האָט מיר געגעבען א לאנד־שטורמשיין. פון אן אייזענבאהן קארטע האָב איך פערצייכענט גענוי דעם גרענעץ און בין ווידער אָבגעפאָהרען.

מיט דעם לעצטען צוג אין אָוונד בין איך טויטמיד אָנ־געקומען אין קרעפעלד. ווייטער האָב איך בייגאכט ניט גע־קענט פאָהרען. איך בין אוועק אין ערשטען בעסטען האָטעל און האָב גענומען א צימער. איך האָב פערשריבען דעם נאָמען פון פאַלשען דאָקומענט. דאן האָב איך זיך געלעגט שלאָפען. אום זעקס אין דער פריה קלאפּט מען אין טיר. „ווער איז דאָס?" — „די פּאָליציי!" — „די פּאָליציי?" — „יע, די פּאָליטישע פּאָליציי". — איך עפען די טיר. — „וואָהנט דאָ...?"

נדער, וואָס איז געווען פערשריבען אין מיין פאלשען דאָקומענט).

— „יע“. — „האָט איהר פאפירען?“ — „ביטע“. איך האָב זיי געגעבען דעם לאנדשטורמשיין. דער פּאָליציי־אגענט האָט דורכגעקוקט דעם שיין און האָט איהם מיר אומגעקערט: „אלץ איז אין אָרדנונג; פערצייהט, וואָס איך האָב אייך געשטערט“.

— „ביטע זעהר, ביטע זעהר“, — האָב איך זיך געאיילט צו ענטפערען און האָב געטראַכט: — „ווי העפליך די פּאָליציי איז דאָס!“ — מיר איז לייכטער געוואָרען, אָבער די לוסט צו שלאָפען האָב איך פערלאָרען. וועהרענד איך האָב זיך אָנגעטאָן, האָב איך געהערט, ווי דער פּאָליצייאגענט האָט בעזוכט אלע האָטעלגעסט. אויף אזא שטרענגער קאָנטראָל פון פרעמדע ביים גרענעץ האָב איך זיך גאָר ניט געריכט. ווי גוט דאָס איז געווען, וואָס איך האָב זיך בעוואָרענט אויך אויף אזא פאל!

XXIII

איך אנטלויף קיין האָלאנד

אָהן פריהשטיק — דער אפעטיט איז מיר שוין פערגאנגען — בין איך אוועק צום וואָקזאל און האָב ריזיקירט אָבצופאָהרען אין קעמפּטען, כאָטש אומעטום איז געווען פּאָליציי. ווי איך האָב אויסגערעכענט אויף דער קארטע, איז מיר געבליבען ביז צום גרענעץ נאָך ארום 25 קילאָמעטער. פיעל באַגאזש האָב איך ניט געהאט: א רייזעטאש, א רעגענמאנטעל און א שירם. איך בין געגאנגען מיט'ן שאָסעע און בין נאָך א מארש פון פינף שטונדען אָנגעקומען אין דאָרף הערענגען, לינקס פון וועלכען עס איז געלעגען א דאָרף נידערהאָפען. אומעטום אויפ'ן פעלד האָבען געארבייט די בויערען. פון זיי האָב איך געמוזט ערפאהרען, ווי דער גרענעץ לויפט און ווי ער איז בעוואכט. פאר דעם צוועק האָב איך געדארפט אויסזוכען מענשען, וואָס האָבען ניט אויסגעזעהן ווי „בעזונדערע קירכענליכט“.

איך האָב אויסגעפונען, ניט ערוועקענדיג קיין פערדאַכט, אַז דיביידע ערטער הייסען הערענגען און נידערהאָפען, און אַז אין הערענגען איז געשטאַנען אַן עסקאַדראָן קיראַסירען. „די סאָלדאַטען ליגען אין נאַסטהויז שווארץ אין טאַנצזאַל", — האָט מיר דער מאַן געזאָגט. באַלד האָב איך געטראָפען אַ האָלענדער ביים שניידען. יעדען אָווענד געהט ער איבער די גרענעץ אהיים, ער האָט אַ פּאַס. „דו ביזט דער מאַן פאַר מיר", — טראַכט איך מיר. אין דער הויף אָבער האָב איך איהם געזאָגט, אַז איך האָב שוין בעגעגענט אין דעם געגענד עטליכע האָלענדער, און האָב איהם געגעבען אַ ציגאַר. איך האָב איהם דערצעהלט, אַז איך האָב געזוכט אַ קיראַסיר אין הערענגען אין נאַסטהויז שווארץ. „יע, האָט ער געזאָגט, זיי שטעהען דאָרט". — „יע, אָבער מיין פריינד האָט געמוזט געהן צו דיענסט, און איך געה בעקוקען דעם שעהנעם געגענד". — „זיי האָבען גענוג צו טהאָן אויפ'ן גרענעץ. אַלע האַלבע שעה, אָדער נאָך אָפטער, געהט אַ רייטערפּאַטרול, און יעדע פערטעל שעה אַן אינפאַנטעריע פּאַטרול איבער דער לענג פון גרענעץ." — „ווי לויפט דען דער גרענעץ?" — ער ווייזט אָן מיט דער האַנט: „אָט פון דאַנען ארויף דורך דעם וואַלד; יענע הויכע קוימענס, וואָס זעהען זיך איבער דעם וואַלד, זיינען די פאַבריקען פון פענלאָ."

מעהר האָב איך ניט געדאַרפט וויסען; נאָך עטליכע אונ־וויכטיגע ווערטער, און איך האָב איהם פערלאָזען. אַלץ געהט צו נאָכ'ן פּראָגראַם, האָב איך געטראַכט; אָבער איצט איז פּאָרגעשטאַנען אַן אַנדער אויפגאַבע. איך מוז צוקומען אזוי נאָהנט צום גרענעץ, אַז איך זאָל קענען זעהן די פּאַטרולען און ניט ווערען געזעהן פון זיי. דאָס איז מיר געלונגען די נעקסטע נאַכט.

איך האָב זיך פערשטעקט אין געדיכטע קוסטעס. פאַר מיר איז געווען אַ פרייער פּלאַץ. דריי טעג און דריי נעכט בין איך געבליבען אויף דעמזעלבען אָרט. עס האָט גערעגענט, און ביינאַכט איז געווען זעהר קאַלט. אויף דעם דריטען טאָג אין

וועגד האָב איך בעשלאָסען, אז די נאַכט מוז איך אויספיהרען מיין פּלאַן.

רעגעלמעסיג אַלע פערטעל שטונדע איז געקומען אַ פּאַט־רול, פון דריי ביז זעקס מאַן. נאָכדעם ווי עס איז געוואָרען טונקעל, האָב איך געביטען מיין אָרט און בין געגאַנגען ווייטער רעכטס, ארום פינף הונדערט מעטער פאַר דעם גרענעץ. איך האָב זיך געזאָגט, אז עס מוז זיין עטוואָס ליכטיג, ווייל אין דער פינסטערניש האָב איך קיין זאַך ניט געקענט זעהן. מיין מאַנטעל האָב איך צונויפגעוויקעלט, ער זאָל ניט מאַכען קיין גערויש אָן די צווייגען. אַ פּאַטרול איז נאָר וואָס פערביי־געגאַנגען, און איך בין לאַנגזאַם געגאַנגען פאָרווערטס. איך בין געגאַנגען זעהר פאָרזיכטיג, אום אויסצומיידען יעדען גע־רויש, איך בין אָבער געגאַנגען וואָס ווייטער אַלץ שנעלער. פּלוצלונג איז פון ערגעץ אויפגעשטאַנען אַ פּאַטרול. איך בין נאָך געווען ארום דריי הונדערט מעטער ווייט פון גרענעץ, דער פּאַטרול אָבער האָט נאָך געהאַט ביז צו מיין נאָהנטסטען פּונקט אויפ'ן גרענעץ ארום צוויי הונדערט מעטער, — ווער עס וועט לויפען בעסער און שנעלער, דער וועט זיעגען. זיי זיינען פינף מאַן, זיי שיסען עטליכע מאָל, אָבער דאָס ריהרט מיך ווייניג. איך האָב אַלץ פון זיך אוועקגעוואָרפען, און מיט מיין גאַנצער ענערגיע, אין גרויסע שפּרונגען, בין איך אין אַ רוישענדען גאַלאָפּ אריבערגעלאָפען דעם גרענעץ! איך בין פערבייגעלאָפען דעם הויכען גרענעצשטיין און האָב זיך אָבגע־שטעלט פופציג מעטער ווייטער. איך בין געווען אָהן אָטעם, אָבער אַן אונבעשרייבליך געפיהל פון גליק האָב מיך ארומגע־נומען. מיר האָט זיך געוואָלט אויסשרייען פון פרייד, וואָס איך בין ענדליך פריי.

איך האָב זיך אראָבגעלאָזען אויף אַ קלאָץ און האָב ארויס־גענומען אַ ציגאַרעט, גאַנץ געלאַסען און לאַנגזאַם. איצט האָב איך געהאַט גענוג צייט. קוים פופציג מעטער ווייט פון מיר, ביים גרענעצשטיין, איז געשטאַנען דער ענטוישטער פּאַטרול. אויף דער זייט פון שטיין, וואָס איז געווען געווענדט צו מיר,

איז געשטאנען: „קעניגרייך פון נידערלאנדען" (האָלאנד). איך האָב זיך צולאכט פאר פרייד. — „ווער ביזטו?" האָט אויס־גערופען איינער פון דעם דייטשען פאטרול. — „דאָס רעכט צו פרעגען מיך וועגען דעם האָבען איצט די האָלענדער, ניט איהר, אלטער פריינד!" — זיי האָבען מיך אויסגערופען מיט אלע שעהנע נעמען, אָבער מיך האָט דאָס ניט געריהרט. — „ווארפט מיר בעסער אריבער מיין רייזעטאַש, וועלכע איך האָב אין איילעניש אוועקגעוואָרפען. אין איהר געפינט זיך אביסעל וועש, וואָס איך האָב מיר מיטגענומען, אום אָנצוקומען ווי אַן אנשטענדיגער מענש אין אַן אַשטענדיג לאנד."

אונזער רעדען האָט צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון אַ האָלענדישען פאטרול פון אַן אונטעראָפיציר און דריי מאַן, וועלכע זיינען באלד צוגעקומען. דער אונטעראָפיציר האָט מיך אויסגעפרעגט, און איך האָב איהם אַלץ ערקלערט. ער האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אויפ'ן פלייצע און געזאָגט: „דו מעגסט זיך פרעהען, וואָס דו ביזט דאָ. מיר, האָלענדער, ווילען פריע־דען. דו ביזט ווילקאָמען אין גאסטפריינדליכען האָלאנד."

איך האָב געמוזט געהן מיט די סאָלדאטען אין זייער וואכשטוב און האָבען דאָרט פריהשטיק. דאַן האָבען זיי מיר אָנגעוויזען דעם נאָהנטסטען וועג צו פענלאָ, וואוהין איך בין אָנגעקומען זיעבען אזייגער אין דער פריה. פון דאָרט בין איך אָבגעפאָהרען אין ראָטערדאַם. איך האָב באלד געפונען אַ גוטע שטעלע און בין געוואָרען צוריק אַ מענש, אַ מענש, וואָס האָט געלעבט, ניט נאָר עקזיסטירט. טויזענדער און טויזענדער בעל־גישע פליכטלינגען געפינען זיך אין האָלאנד און ווערען בעהאנ־דעלט ווי די געסט פון פאָלק. אין האָלאנד זיינען אויך פאראַן גרויסע צאָהלען דייטשע דעזערטירען, מען שאצט זייער צאָהל צווישען פופצעהן און צוואנציג טויזענד. זיי האָבען דעם פולען שוץ פון די האָלענדישע בעאַמטע.

איך וואָלט נאָר קיינמאָל ניט געקלערט וועגען פערלאָזען אָט דאָס גאסטפריינדליכע לאנד, ווען דער פּאָליטישער הימעל וואָלט פלוצלונג אין מערץ 1916 ניט פערוואָלקענט געוואָרען.

XIV

אַמעריקאַ און זיכערהייט.

מען האָט דאָן אין האָלאַנד געהאַלטען מלחמה פאַר אונ־פערמיידליך. איך האָב געמוזט זוכען זיך אַ נייע היים. נאָך פיעל נאָכדענקען און פּלאַנען, האָב איך בעשלאָסען אָבצופאָהרען אין אמעריקאַ.

איך האָב פערלאָזען מיין שטעלע. איך האָב זיך דער־וואוסט, אַז אַ שיף „צילדיק" פון דער האָלאַנד־אמעריקאַנער ליניע פאָהרט אין דער נאַכט פון 17טען מערץ אָב אין ניו יאָרק. איך האָב איינגעפּאַקט מיינע זאַכען אין אַ זאַק און האָב זיך געלאָזט צו דער שיף. איך בין קיינמאָל ניט געפאָהרען אויפ'ן אָקעאַן. דאָס שיף איז געווען אַ קליינע פראַכטשיף. די מאַנ־שאַפט איז ניט צוריקגעקומען ביז האַלבע נאַכט. אַרום צעהן אזייגער בין איך געשטאַנען מיט מיין פּעקעל ביים שיף. אַלץ וואָס איך האָב אין איילעניש איינגעפּאַקט איז געווען זיבען פונט ברויט און אַרום צעהן קוואָרט וואַסער אין אַ בלעכענעם קענדעל.

אַרום האַלבע נאַכט זיינען אָנגעקומען די מאַטראָזען און די הייצער. די מעהרסטע פון זיי זיינען געווען שיכור. איך האָב זיך צונויפגעמישט מיט זיי און האָב זיך אויך געמאַכט שיכור. איך בין בשלום אַרויף אויפ'ן דעק. באַלד האָב איך דערזעהן פאַר מיר אַ טיפע שווארצע לאָך מיט אַן אייזערנעם לייטער אַראָב. איך האָב אַהין אריינגעוואָרפען מיין פּעקעל און בין אליין אַראָבגעקלעטערט. עס איז געווען פינסטער. איך בין טאַפּענדיג צוגעקומען צו די קוילען. איך האָב געהאַט מורא אָנצוצינדען אַ שוועבעלע. בין איך געקראָכען אויף די קוילען, וועלכע האָבען אָנגעפילט די לאָך ביז אויבען. מיט מיין פּעקעל האָב איך אָבגעשאַרט די קוילען פאַר מיר און האָב הינטער מיר פערשאָטען די עפנונג מיט קוילען. אַזוי רוקענדיג זיך ביי אַ דרייסיג מעטער, בין איך געקומען צו אַ וואַנט. דאָ

האָב איך אָבגעשאַרט די קוילען און געמאכט אַן אָרט פאַר מיר זיך אנידערצולעגען. איך האָב זיך געלעגט מיט׳ן רוקען צום וואנט.

קיינער האָט מיין אנוועזענהייט ניט פערדעכטיגט. ענד־ליך האָבען די מאַשינען אָנגעהויבען ארבייטען. מיר זיינען אָבגעפאָהרען. נאָך פיעלע לאַנגע שטונדען זיינען די מאַשינען ווידער געבליבען שטעהן. איך האָב ניט געוואוסט, וואו מיר האָבען זיך דאָס אָבגעשטעלט. דאַן האָט די שיף ווידער אָנ־געהויבען געהן. אַלץ איז געגאַנגען גוט. איך האָב קוים גע־פיהלט, אַז די שיף בעוועגט זיך. עס איז אָבער געוואָרען שרעקליך קאַלט, און וואָס ווייטער, אַלץ קעלטער איז געוואָרען, און דער גאַנג פון קליינעם דאַמפער איז געוואָרען אַלץ אונ־רוהיגער. מיט אַלע קרעפטען האָב איך געמוזט אָבווענדען פון זיך די קוילען. די דיקע קוילענשטיקער האָבען מיר געמאכט וואונדען אויפ׳ן קאָפּ, און איך האָב געפיהלט, ווי דאָס בלוט רינט מיר איבער מיין געזיכט. מיין ברוסט איז שוין כמעט אויסגעגאַנגען, און דאָס וואַסער איז געוועזן ניט פריש. ביי אַן אָנגעצונדענער שוועבעלע האָב איך דערזעהן, אַז מיין ברויט איז אין גאַנצען שוואַרץ.

זיינען מיר שוין געוועזן נאָהנט צום ציעל? דאָס ברויט איז אויסגעגאַנגען. איך האָב געפיהלט, אַז מיינע קרעפטען פערלאָזען מיך. דאָס שיף איז געגאַנגען ארויף און אראָב, און עס האָט מיך מיט די קוילען געוואָרפען אהער און אהין אין פערלויף פון פיעלע לאַנגע טעג. איך האָב געפיהלט, אַז לאַנג וועל איך דאָס ניט קענען אויסהאַלטען.

ענדליך האָט זיך דאָס שיף אָבגעשטעלט. איך הער זיך צו: רוהיג. דאַן הויבט מען אַן אויסצולאָדען מיט הויבקראַנען.

ניו יאָרק! — איך בין ארויסגעקראָכען. אַ העלפט פון די קוילען איז שוין ניט געוועזן. מען האָט קיינעם ניט געזעהן. אויף אַ לייטער האָב איך זיך אראָבגעלאָזען אין הייצרוים. דאָרט איז אויך קיינער ניט געוועזן. איך האָב גענומען אַן

עמער, אָנגעפיהלט איהם מיט ווארימע וואסער און האָב אין א ווינקעל ארומגעוואשען מיין געזיכט. אין מיין טאַשענשפּיגעל האָב איך דערזעהן מיין געזיכט און האָב זיך דערשראָקען. איך בין געווען בלייך ווי טויט און א הויפען הויט און ביינער.

ווי זאָל איך אָבער איצט לאַנדען? וואָס זאָל איך זאָגען, ווען מען וועט מיך כאַפּען? מיט א פעסטען ענטשלוס בין איך ארויפגעקראָכען אויפ'ן דעק, וועלכער איז געווען פול מיט אר־בייטער.

איך האָב בעמערקט א טרעפּ צום לאַגערהויז. מיט מיינע לעצטע קרעפטען בין איך צוגעגאַנגען צום טרעפּ אזוי גלייכ־גילטיג נאָר, ווי איך האָב דאָס געקענט מאַכען, און אין צוויי מינוטען ארום בין איך שוין ארויס פון לאַגערהויז אויפ'ן גאַס און בין געווען געלאַנדעט.

ערשט איצט האָב איך זיך דערוואוסט, אז איך בין געווען ניט אין ניו יאָרק, נאָר אין פילאַדעלפיא. עס איז געווען פינף אזייגער נאָכמיטאָג, דעם 5טען אפּריל 1916. איך האָב גערע־כענט אז די רייזע וועט נעמען צוועלף טעג, זי האָט אָבער גענומען אכצעהן.

פיזיש ערשעפּט, האָב איך זיך אין אָווענד בעקענט מיט געבאָרענע אמעריקאַנער. זיי האָבען מיר געגעבען יעדע הילף, וואָס א מענש קען געבען א צווייטען מענשען. איינער פון אָט די נאָבעלע מענשען האָט מיך געבראַכט אין ניו יאָרק. א וואָך צייט בין איך געלעגען אין בעט. איך בין לאַנגזאַם געקומען צו זיך.

אָבער איצט בין איך שוין גענוג געזונט אויפצונעמען אין די רייהען פון די אמעריקאַנער סאָציאַליסטען דעם קאַמף קעגען דעספּאָטיזם און עקספּלואַטאַציאָן. דאָס איז א קאַמף פון יעדען קלאַסענבעוואוסטען ארבייטער. א קאַמף אָהן רחמנות און ביז צום ביטערען סוף איז נויטיג, צו פערווירקליכען די אידעאַלען פון פרייהייט און פריעדען אויף דער וועלט.

סוף.